STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03410

BIBLISHE UN MODERNE POEMEN UN LIDER

Jacob Judah Ackerman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבלישע און מאָדערנע

פאעמען און לידער

פארפאַסט פון

יעקב יהודה אַקערמאַן

המכונה מנקר

פון פאָרטלאַנד, מעין, און ניו בעדפאָרד, מאַסס.

אויך פרייע איבערזעצונגען פון

ר׳ יהודה הלוי ז״צ״ל

Copyright by
J. J. ACKERMAN,
1250 Limited
99½ South Street, New Bedford, Mass.

נאַכדרוק פערבאָטען



יעקב יהודה אקערמאן

הספר הזה

מקדש לזכר נשמת חותני, נזרי ותפארתי, שנלקח ממני, הרב הגאון ר׳ דוד גינצבורג זצ״ל, אב״ד בראטשעסטער, נ. י. ובווילקעס בארדע, פא.

הקדמה

היינטיגע צייטען, (נאָך אַ בלוטיגער וועלטליכער מלחמה), ווען מענשען האָבען מעהר פראָגרעסירט אין דער טעכניק און ריגרעסירט אין מאָראַל און אין רוחניות מיט מדות טובות, מוזען מיר, אידען, זיין די ערשטע צו מאַכען אַ נייעם שריט אין אונזער לעבען און זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער שעהנעם גייסטיגען לעבען פון אַמאָליגע יאָהרען. ווען ניט — זיינען מיר פאַרלאָרען און די גאַנצע וועלט מיט אמת׳ער ציוויליזאַציע וועט צו גרונדע געהן. און ווי גראַף טאָלסטאָי האָט גערופען: צוריק צו דער נאַטור", דאַרפען מיר אידען רופען זיך זעלבסט צוריק צו דעם ספר הספרים! „צוריק צו דער ביבעל!" מיר האָבען אויפגעהערט לערנען, מיר האָבען אויפגעהערט אידעאַליסטען צו זיין, דערום לערענט גאָט מיט אונז אַלע וואָך די סדרה אויף זיין אופן, און גיט אונז צו פאַרשטעהן דעם ריכטיגען פירוש פון דער תוכחה. ער האָט אונז שוין געגעבען צו פאַרשטעהן דעם ריכטיגען פירוש המלות פון חרב דבר, רעב ויגון... אויב מיר ווילען ניט לערנען מיט גוטען,— לערנען מיר מיט בייזען, ווייל מיר מוזען זיין די טרעגער פון דעם געטליכען וואָרט און אויספאָלגען אונזער קאָנטראַקט וואָס מיר האָבען גע׳חתמ׳עט אויפ׳ן באַרג סיני. מיין הייליגער וואונש איז צו באַזינגען אַלע העלדען פון דער ביבעל און אויך אונזערע העלדישע גרויסע פיהרער, רבנים און גאונים ביז דער לעצטער צייט פון אונזער תקופה, אָבער ווייל איך בין ניט אימשטאַנד דאָס אויסצופיהרען (צוליב מאַנגעל אין געלד), ווייל איך מאַכען אַן אָנפאַנג מיט דאָס ביסעל וואָס איך האָב געשאַפען פון ספר בראשית, פון ר׳ יהודה הלוי, און אויך פון דעם מאָדערנעם לעבען פון היינטיגער צייט. איך גיב קריטיקער די פרייהייט צו זאָגען וואָס זיי ווילען.

גראַמען אליין זיינען ניט קיין פּאָעזיע נאָר בדחנות, אָבער דער פּערפאַסער האָפט, אַז דער גייסט פון דער תורה וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די אידישע מאַסען, וואָס לעזען נאָר אידיש, און וועלען זיך בעקענען מיט אַ ביסעל ליכט פון דעם הייליגען ליכט פון דער תורה. און אַ חשק וועט זיך ערוועקען אין זיי צו שטודירען די ביבעל אין אָריגינאַל. ביבלישע גראַמען וועלען זיין אַ געגען מיטעל געגען שונד און בורלעסק גראַמען פון נבול פה וואָס האָט אָפּגעפרעמדט אַ גרויסען טהייל פון די אידישע מאַסען פון אַלעם וואָס איז אונז הייליג און טהייער. דער גרויסער גייסט פון דעם אונשטערבליכען פּאָעט ר׳ יהודה הלוי זצ״ל האָט געגוג קראַפט אין זיך צוציהען צום יודענטהום, די נדחי ישראל, די פערייטורסענע פון אונזער פאָלק. און עס איז מעהר ניט ווי רעכט דאָס די אידישע מאַסען זאָלען אויך עפּעס וויסען און געניסען פון די חרוזים פערלען און די שעהנסטע פרוכטען פון אונזער פאָלקס פּאָעזיע, — די שירה פון ר׳ יהודה הלוי זצ״ל.

ד ע ר פ א ר פ א ס ע ר.

אָדם אין גן עדן, האָט טענות צו גאָט

אין גן עדן שטעהט אדם אליין,
הויך, שטאַרק, ריעזיג, אונשולדיג און ריין;
אָבוואָהל ער איז נאַאיוו ווי א קינד,
דאָך איז ער אויך קלוג און דענקט געשווינד.

ער קאָן אלעס ליידען און פארנעהמען
און גיט ריכטיגע, פּאַסענדע נעמען
צו אַלע חיות, פויגעל און פיש
און עסט זיך רוהיג אויף גאָטעס טיש.

אָבוואָהל ער איז ווייט פון לוקסוס שטרעבען
אין זיין איינפאַך־איינזאמען לעבען,
אָהן שוויס, אָהן מיה, אָהן שווערע אַרבייט,
דאָך ווילט זיך איהם אויך מאכען א בייט.

ער זעהט דאָך יעדע חיה מיט האָאר
און מיט פעל האָט איהר ריכטיגע פּאָר
און נאָר ער, דער מענש, אדם אליין,
איז איינזאַם אין עלענד ווי אַ שטיין.

און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
אין דעם גן עדנ׳ס גלאַנץ און פּראַכט,
הערט זיך אַ שטימע, וואָס רעדט
צו גאָט אין שטילען געבעט:

איך וואַנדער איינזאַם פון אָרט צו אָרט
איך האָב ניט צו וועמען רעדען אַ וואָרט!
איך בין דאָך עלענד ווי אַ שטיין,
מיין געבעט הער דו גאָט אליין!

אדם האָט טענות צו גאָט

וואָרום האָסטו מיר פּאַר אַ רעדנער געמאַכט,
ווען מיינע געפיהלען פון ליעבע בייגאַכט,
האָב איך דאָך ניט צו וועמען אויסצוגיסען ?!
פון חיות קאָן איך ליעבע ניט געניסען !

מיט וועמען זאָל איך טיילען מיין ליעבעם גליק ?
וועמען זאָל איך שענקען אַ צערטליכען בליק ?
וועמען קאָן איך הארציג קושען מיט מיין מויל ?
אויף גן עדנס ווייכען קושען ווער איך פויל !

צו קאָן איך זאָגען : "איך ליעב דיר, בהמה, פערד !?
הונט, וואָלף, לייב און יעדע חיה פון דער ערד ?!„
צו קאָן פאַר זיי דען מיין הארץ האסטיג קלאַפּען
און מיט ליעבע מיט זיי זיך אָנצוזאַפּען ?!

ווען דען די קאָנוואולסיווע זיסע שמערצען
דורכדרינגען מיט ליעבע אין מיין הייסען הארצען ?
צו זאָלען מיינע קינדער
זיין נאָר אָקסען און רינדער ?!

צו זאָלען ביי מיין עסען-טיש
זיצען קינדער פון שטומע פיש ?!
קאָן איך דען ארויפלעגען מיין מענשליכען זיעגעל
אויף עופות, די פעדערדיגע, פויגעל מיט פליגעל ?!

תפלת אדם בגן עדן

גאָט, זעה מיינע טרעהרען פליסען ווי טייכען !
באַשאַף מיר מיין זיווג ! גיב מיר מיין גלייכען !
גיב מיר פלייש פון מיין פלייש, אַ ביין פון מיין ביין !
באַשאַף מיר, גאָט, אַזעלכע וואָס איז שעהן און ריין !

באַשאַף דו זעלבסט פאר מיר מיין זיווג, מיין גלייכען,
אָהן אַ פלעק, ווי גן עדנ׳ס פיער שעהנע טייכען;
שעהן געשניצט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענשענס שעהנע
ווייב;
ווי דאָס גאָלד פון חוילה ריין זאָל זיין איהר לייב!

ווי דער בדולח, ווי קריסטאל איהר נשמה,
ווי פרת מיט חן, זאָל זי זיין מיין נחמה!
ניט קיין חיה און ניט קיין געלד;
גיב מיר גאָט אַ גליקליכע וועלט!

געהערט די בקשה האָט גאָט אין הימעל,
און איינגעפּאַסט אין אַ גאָלדענעם רימעל
האָט דער בורא אליין אדמ׳ס הארצענס-געבעט,
און מיט צערטליכקייט געקוקט אויף אדמ׳ס בעט!

דער באַשאַפער האָט דערהערט אדמ׳ס הארצענס-געבעט,
און מיט צערטליכקייט האָט גאָט געקוקט אויף אדמ׳ס בעט,
זאָגענדיג: „עס איז ניט גוט צו זיין אליין!„
„ניט גוט פאַר דעם מענשען, נאָר פאַר גאָט אליין!„

גאָט איז אַראָפּ פון הימעל אין גן עדן
און צוזאַמענגערופען האָט ער יעדען
גוטען מלאך פון ליעבע פון דעם הימעל,
און אויף אָדמ׳ען געוואָרפען אַ דרימעל...

און באַשאַפען האָט גאָט די פרוי שעהן און ריין,
פון אַ ריפּ ארויסגענומען מיט אַ ביין;
געלונגען איז די אָפּעראַציע געשווינד.
דאָס האָט אַ פאָטער אָפּערירט זיין קינד.

גאָט, דער צערטליכער פאָטער, איז זעהר אַ גוטער,
ער האָט דאָס דאַן באַשאַפען די מענשליכע מוטער,
און ווען אדם האָט ערוואַכט פארוואונדערט אזוי,
האָט ער ביי זיין זייט געפונען חוה׳ן זיין פרוי!!!

חוה און דער שלאַנג

אין גן עדן זיצט חוה, אונזער מוטער,
און דער שלאַנג רעדט צו איהר רייד גלאַט ווי פּוטער.
דער שלאַנג איז נאָך דאַן געגאַנגען מיט פיס,
און ער האָט גערעדט צו איהר זעהר זיס.

דעם טייוועל דיעזען האָט זיך פאַרגלוסט שאַלטען און וואַלטען
איבער דעם מענשען, און האָט דאַרום זיין גיפט באַהאַלטען.
געוואוסט האָט ער, דאָס ער קען מיט אדם'ען גאָר גיט מאַכען,
ניט מיט בייזען, ניט מיט גוטען, ניט מיט שפּאַס און מיט לאַכען.

ער האָט דאַרום באַשלאָסען דעם מענשען זינדיג מאַכען.
מיט דער הילף פון חוה'ן, וואָס האָט געליעבט שעהנע זאכען...
(פּרויען זיינען דאָך לייכטזיניג מיט'ן געדאַנק!
דער שלעכטער געדאַנק, דאָס איז דער ביבלישער שלאַנג!)

און ווען אדם איז אייַנגעשלאָפען מיט זיסע חלומות,
וואָס ער האָט געטרוימט פון גן עדנ'ס וואונדערבאַרע מקומות
און זיך אויסגעצויגען פון אונטעטיגקייט, פויל,
איז דער שלאַנג געקומען און געעפענט זיין מויל.

עטין של נחש

"דו ווייסט, חוה, דו ביזט אַ געטין!
"איך פאַרזיכער דיר, איך וועל זיך וועטען,
"דאָס דו וועסט זיין דער וועלטס גרעסטע געטין!
אלע וועלען דיר קושען און גלעטען!

"און אויך יענער, וואָס האָט אייך זיין פאַרבאָט
"געגען ווּיסענס-בוים געגעבען, דער גאָט
"ווייסט דאָס אויך גאַנץ גוט, און ער האָט פאַר אייך מורא.
"ווייל זיין מאַכט באַשטעהט אויך פון וויסען און תורה.

"ער וויל דאַרום ניט, דאָס איהר זאָלט זיין קלוג,
"ער דענקט, דאָס שעהנקייט איז פאַר אייך גענוג ;
"דאַרום זאָגט ער אייך : "עסט ניט פון עץ הדעת,
"אום איהר זאָלט מיר ניט אַריינברענגען אין כעס !„

"און ער שרעקט אייך מיט אכזריות, מיט טויט שרעק.
"ווייל ווען איהר וועט זיין געטער, וועט ער גאַנצע פעק
"צרות האָבען פון אייך, זייענדיג מעכטיג רייך.
"ער וויל ניט, דאָס איהר זאָלט זיין מיט איהם אליין
גלייך !!!

"באַטראַכט נאָר חוה דיעזען שעהנעם עפּעל !
"ער קאָן דיר מאַכען ליכטיג אין קעפּעל !
"און ווען דיין שעהנע קעפּעל וועט ליכטיג,
"ווערסטו קלוג און פאַרשטעהסט אַלעס ריכטיג !

"דו וועסט וויסען יעדע זאַך, פונקט ווי גאָט אַליין.
"אוי, חוה, חוה ! ווי פיין דו וועסט זיין ! ווי שעהן !
"חוה, חוה ! דו האָסט דאַך דעם זיבעטען חן !
"עס פון דיעזען בוים, און זיי דו אַ געטין אַליין !!!„

נייגעריג, נאָך אַ שווערען קאַמפף, מיט זיך,
איז חוה געלאָפען געשווינד און גיך,
פאַרזוכט און געגעבען אדם'ען די פרוכט פון דעת...
און געבראַכט אויף די מענשען דעם טויט מיט גאָטס כעס !

ווען ער, דער שלאַנג, באַגעגענט אַ מלחמה העלד,
וואָס קיינער קאָן איהם ניט באַזיעגען אויפ'ן פעלד,
באַזיעגט ער איהם דורך די הילפע פון אַ פרוי...
דורך אַ ווייבעלע, רעדט דער שלאַנג זיך און ליעב אַזוי...

גאָט׳ס טויט שטראָף

באַשטראָפט האָט גאָט גרויזאַם מיט דעם טויט !
ליידער, ליידער !
דער אָנפאַנג פון צרות זיינען געווען — קליידער !
אין אָנפאַנג קליידער פון פייגען-בלעטער, נאָכדעם פון פעל,
פון טייערע שטאָפען, מאָדעס, פאַרבען, טונקעל און העל!!!

און ווען מען מוז האָבען פאַר פרויען קליידער מיט מאָדעס,
געהט מען שוין אויך אפילו גענען אלעס, וואָס גאָטעס
געבאָטען פאַרוועהרען און הייסען מענשען ניט צו טאָהן ;
מענשען זינדיגען אויך געגען זייער נאַציאָנס פאָהן !

און מענשען בייטען זיך פון ווייס און בלוי צו רויט.
און ווען מען שטרעבט נאָר נאָך רויטע בלוט, מוז קומען טויט !

טויט ! אמאָל גיך, אמאָל לאַנגזאַם, זייענדיג קראַנק,
אָבער דאָס אַלעס קומט פון דער עצה פון שלאַנג !!! !

קין און הבל

קין אַרבייט פלייסיג די ערד,
הבל לאַכט און רופט איהם — נאַר, פערד !
הער נאָך אויס, קין, ברודער, הער !
צו וואָס אַרבייטען אַזוי שווער ?!

וואָס וועסטו האָבען פון דיין מיה ?
בעסער טהו ווי איך — ציכטע פיה !
פון דיין אַרבייטען ביז דיין טויט
וועסטו האָבען נאָר דאָס שטיקעל ברויט !

דו ווערסט דאָך פאַרגרעבט און שפּל,
פון דיין רעטאַך און קאַרטאָפעל,
פון דיין ציבעלע און קנאָבעל ;
אָבער איך — לעב גרינג און נאָבעל !

איך לעב רוהיג אין מיין געצעלט,
און אויף מיר האָרעוועט אַ וועלט !

צו וואָס גראָבען ערד פאַרוואָקסען ?
בעסער עסען פלייש פון אָקסען !

אָהן געוויסענסביסען שלאַכט איך אַ שעפּס,
זאָ לייכט ווי איך צושטער שפּינען-געוועבס.
ווען איך פּיהל אין זיך דעם לוקסוס-שטרעבען,
נעהם איך גיך אַוועק אַ שעפּסען-לעבען !

אַ ציג בלייבט אַ ציג, אַ שעפּס בלייבט אַ שעפּס ! דער נאַר !
זיי דענקען איך בין זיכער זייער האַר
און זייער באַשיצער מיט מיין גרויס מאַכט
געגען די חיות, רויבער פון ביינאַכט !

און דאַרום בין איך זעהר צופריעדען
מיט מיין לעבען פון גליק און פון פריעדען.
די ציג גיט מיר גוטען קעז און פּוטער,
דער שעפּס — גיט פלייש און פון זיין פעלץ פוטער !

קין׳ס ענטפער

די צייט, ווען הבל האָט געהאַלטען אין איין רעדען,
האָט קין געליטען אין זיך שרעקליכע ליידען.
פאַרזאָרגט, פאַרצאָרנט, פאַריאָמערט און פאַרקלאָגט
האָט קין ענדליך געענטפערט און געזאָגט :

הבל ! דו זינדיגסט אַנטקעגען גאָט !
דו זינדיגסט דאָך געגען זיין געבאָט !
דו מיט דיין שטילען פאַסטוך געצעלט,
ווערסט דו אומגליקליך מאַכען די וועלט !

מיט דיין אונשולדיג פּנים, פרום און גוט,
לערענסטו דאָך דער וועלט צו פאַרגיסען בלוט !
וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו, הבל, צו שטרעבען,
נאָך לוקסוס און צו נעהמען יענעמס לעבען ?!

אנשטאָט צו זיין דער באַשיצער פון צער
בעלי חיים, האַלסטו זיך שטאָלץ, דו נאַר,
און לאַכסט פון מיינע ציבעלעס און קנאָבעל !
איז אַ בלוט פאַרגיסער עדעל און נאָבעל ?!

דיינע רייד, פֿאַלשער ברודער, הבל,
זיינען ניט קלוג, נאָר דברי-הבל!
דו רעדסט מיט היטץ, מיט געפיהל זעהר איידעל,
דו שרעקסט זיך פֿאַר גראָבע אַרבייט, ווי אַ מיידעל...

הבל! דו ביזט ניט קיין עהרען מאַן!
איך וועל ברענגען אין אַ פֿייער-פֿאַן,
אַ קרבן צו דעם גייסט פֿון מיין גאָט,
וואָס האָט אונז געגעבען זיין געבאָט.

צו בעאַרבייטען אונזער מוטער-ערד
און מיט׳ן שווייס אויסרייסען איהרע בערד —
די ווילדע גראָזען און דערנער
און פֿאַרזעהען די בעסטע קערנער!

הבל צו קין

— רייס זיך גראָזען, רייס זיך דערנער,
דו שקלאַף פֿון שטן מיט הערנער!
גראָב זיך מיט דיין נאָז די ערד.
קין, דו ביזט ווי אַ פֿערד!

קין צו הבל

הבל, הבל! געדענק, איך וואָרען דיר,
דאָס דו זאָלסט אַזוי ניט רעדען צו מיר!
דו ביזט הבל דער היציגער פֿאַרפֿיהרער,
אָבער איך בין קין דער פּראָדוצירער!

דו פֿוילער,ליידיג-געהער!
פֿרעסער פֿון פֿלייש און אייער!
מאַן פֿון פֿאַראַזיטען געצעלט!
דו צושטערער פֿון גאָטעס וועלט!

דאָס קאָנסטו נאָר שעפּסען מאַכען דענקען,
אַז דו ביזט זייער דאָקטאָר פֿון קרענקען,
זייער באַשיצער, פֿיהרער און דענקער;
איך וויים דאָך, דאָס דו ביזט זייער הענקער!

איך וועל ברענגען אַ קרבן פון ערד־פרוכט
און בעטען ביי גאָט: דו זאָלסט זיין פארפלוכט,
און זיכער מעגסט זיך ריכטען,
דאָס גאָט וועט דיך פאַרניכטען!!!

ער מוז דיר באַצאָהלען דער גרויסער גאָט!
דו האָסט עובר געווען אויף זיין געבאָט!

הבל צו קין:

קין, טייערער ברודער, זיי מילדער!
מאַך ניט אַזאַ רעש און געפילדער!
רייד ניט אזוי נאַריש ווי אַ ווילדער,
איך בוק זיך דאָך ניט צו קיינע בילדער!
קין, מאַך זיך נידעריג, מאַך זיך שפל,
ברענג זיך אַ קרבן דיינע קאַרטאָפעל!

איך וועל אויף מיין מזבח׳ם האָלץ
ברענגען פעטע שעפּסען מיט שטאָלץ.
מיר וועלען זעהן ווער עס וועט פיהרען
די וועלט און מאַכען זי פּראָגרעסירען?!

גאָט וועט מיר געווים מאַכען רייכער,
ווייל מיין וועג איז ריכטיג, דער גלייכער!..
און אַוועקגעהענדיגביידע פאַרטראַכט
האָבען זיי ביידע אַ קרבן געבראַכט...

הבל רייד

און גאָט האָט זיך צו הבל געווענדעט
און צו זיין קרבן, און זיך געווענדעט
צו זיינע באַדירפנישען און פאַרלאַנגען.
פון זיין געצעלט האָבען זיך געהערט געזאַנגען.

געטליכע מוזיקאַלישע קלאַנגען,
פרעהליכע טענער, ליעבע געזאַנגען,
קלאַנגען פון אַ פּערזאָן, וואָס איז ניט מאַט,
פון א מענשען, וואָס איז שטאָלץ, אימער זאַט.

מיט פלייש, מיט פרישע מילך און מיט פוטער.
געקליידעט אין וואָהל און שלאָפט אויף פוטער;
געזאָנגען פון אַ מאַן, אַ שטאָלצער אַ רייכער,
וואָס דענקט, אַז זיין ברודער איז גאָר ניט זיין גלייכער...

און ער קוקט אויף איהם פון אויבען אַראָפּ,
ווייל זיין ברודער האָט ניט קיין פעטען טאָפּ.
און ווען עס קומט אויף זיין ברודער אַ קלאָפּ נאָך אַ קלאָפּ,
האַלט ער אַלץ אין איין פאַררייסען זיין נאָז און זיין קאָפּ!..

קין אַרים

און קין, דער ערד אַרבייטער,
קין דער קעמפּפער, דער פּייטער,
געגען שטעכילקעס און דערנער,
דער פּראָדוציר‏ער פון קערנער.

דער פאַרהאָרעוועטער ברויט-געבער,
האָט זיך אויפגעגעסען זיין לעבער,
מיט קנאה, מיט שנאה, מיט שמערצען,
וואָס האָבען געטאָטשעט זיין הארצען.

ווי בייסענדע ווערים,
אין זיינע געדערים.
און אונזער קין איז געוואָרען מאָגער,
אַרומגעגאַנגען איז ער ווי אַ קלאָגער.

אַזוי פאַריאָמערט און פאַרזאָרגט,
ווי פאַרשולדיגט און פאַרבאָרגט.
זיין רוהיג געזיכט איז "אַראָפּגעפאַלען,,
און ער איז געוואָרען ביי זיך געפאַלען.

ער האָט זיך געשעהמט, אויפהויבען זיין קאָפּ, קוקענדיג זיך ארום;
און געדאַכט האָט זיך איהם, דאָס הבל זעהט, אז ער קוקט אוים דום.
אין פארגלייכונג מיט הבל איז ער נאָר גראָב און ניט ענטוויקעלט;
אַנשטאָט וואָהל איז ער מיט פלאָקסענע שמאַטעס ארומגעוויקעלט.

קין הרג׳עט הבל׳ען

שפּעטער, ווען זיין ברודער, אָהן שאַנד
האָט אויך פאַרנומען אַ שטיק לאַנד,
וואָס ער האָט דאָס געברויכט פאַר ירקות,
צו פלאַנצען זיינע רויטע בוראקעס.

זיינע ווייסע ברוקוועס און פּאָטייטאָס,
די גרינע אַרבוזען און טאָמייטאָס,
זיינע גרינע אַרבעס און זיינע ראַבע פּאַסאָליעס —
דאַן האָבען זיך שוין געהויבען הענד מיט מאַזאָליעס!...

און ווען זיין ברודער האָט ווידער לאַנד פאַרכאַפּט,
צו פיטערען שעפּסען און ער האָט פאַרקלאַפּט
מיט גרויסע פּלעקער צו מאַכען אַ צוים פאַר פיה,
אום צו לעבען גרינג, אַ רוהיגען לעבען, אָהן מיה.

דאַן איז קין שרעקליך אין כעס געוואָרען,
און דער רוצח איז דאַן אין איהם געבאָרען.
ווייל אין זיין האַרצ׳ן האָט געקאָכט און געברענט
אַ העליש פייער;
אָפּגעשטאָרבען איז אין איהם אַלעס וואָס וואַר הייליג
און טייער.

ענדליך האָט ער עובר געווען אויף דעם „לא תרצח“ געבאָט.
פון גרוים כעס האָט ער פאַרלאָרען די אמונה אין גאָט!
און ווען זיין אמונה איז געוואָרען פאַרלאָרען,
איז קין דער ערשטער ברודער - מערדער געוואָרען!!!

געוויסען

נאָך דעם מאָרד איז געקומען דער געוויסען,
ער האָט געהערט אין זיך די שטימע פון גאָט:
„ווארום האָסטו עובר געווען מיין געבאָט?!

מיין „לא תרצח!“ דו מערדער פון מענשען,
וואָס האָט פאַרלאַנגט דאָס גאָט זאָל איהם בענשען!
אזוי זיינט איהר, אַלע גזלנים
מיט אַ ערליכען פרומען פּנים!

מענשען קוילעט איהר
און קעלבער קושט איהר!
איהר ברײנגט קײנע חיות אויפ׳ן פײער
נאָר מענשען-בלוט איז בײ אײך ניט טהײער! . . .

קין פּרובט שרײען: „בין איך דען מײן ברודערס היטער? !"
ער לײקענט און זאָגט: „איך װײס ניט!" מיט אַ ציטער;
אָבער הבל׳ס בלוט שרײט צו גאָט פון דער ערד:
„קין איז יעצט אַ רוצח, ניט קײן פערד!"

געשאָלטען האָט גאָט דעם ערשטען אַרבײטער פון דער ערד:
„פון לאַנד צו לאַנד, מיט דײן צײכען-שאַנד, װאַנדער װי אַ פערד!
„ביזט קײן שיסער, דו בלוט-פאַרגיסער, װאַנדער שכור אָהן װײן!
„װאַנדער, ביז דו װעסט זיך אומקעהרען, צו דײן קבר ארײן!!!

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

למך

למך איז געװען גערעכטיגקײטס-קינד,
און דערום איז ער דאָס געװאָרען בלינד.
די אוראַלטע פעלקער האָבען דאָך אויך געגלויבט אַזוי:
די געטין פון יוסטיץ איז מיט פאַרמאַכטע אויגען אַ פרוי...

ער האָט גע׳הרג׳עט קין און תובל-קין, זײן קינד.
למך האָט אויסגעפיהרט גערעכטיגקײט, זײענדיג בלינד.
געטויטעט האָט ער זײן קינד און זײן זײדען.
מיט רעכט איז זײ דער טויט געקומען בײדען!

קינ׳ען — פאַר מאָרד! און תובל-קין — פאַר זײן געװעהר,
װאָס ער האָט ערפינדען, צו מאָרדען מענשען אָן אויפהער.
דער ערפינדער און פיהרער פון קריעג, איז דער מערדער דער גרעסטער;
אפילו װען נעמה, די זיסע מײדעל, איז זײן שװעסטער!...

ניו בעדפאָרד

עדה און צלה

עדה און צלה, צוויי ווייבער, זיינען מענשליכע טעכטער,
וועלכע בעגלייטען דעם מענשען, ווי צוויי שטענדיגע וועכטער.
עדה איז דער סימבאָל פון פערגעניגען אין לעבען,
די ליכטיגע גן־עדן זייט פון לעבען, מיט שטרעבען.

צו שטרעבען צו אַ גרינגערען, שעהנערען לעבען, —
דיעזע לעהרע האָט אונז מוטער עדה געגעבען.
זי האָט געגעבען צו למך צוויי אָפּטימיסטישע קינדער.
יבל איז געווען דער ערפינדער פון פיטערען רינדער.

נוטצען פון גרויסע בהמות און אַ בעקוועמער געצעלט,
דאָס איז געווען דער צווייטער שריט צום פּראָגרעס פון דער וועלט.
זי האָט אויך געבאָרען דעם ערפינדער פון אינסטרומענטען,
וואָס עפענען פאַר אונז שעהנע, גרויסע, געטליכע וועלטען...

אָבער צלה איז נאָר דער סימבאָל פון שאטען, געגען דער ליכט,
פון עדה מיט איהר אָפּטימיזם, וואָס שיינט פון שעהנעם געזיכט.
צלה איז די פינסטערע זייט פון לעבען, דער שרעק, די מורא,
דער פּעסימיזם, דער צווייפלען אין הייליגטהום פון ספר תורה...

פּעסימיזם

דער צווייפלען.. דער חשד, דער ניט גלויבען אין דעם בורא,
דער צווייפעל אין דעם מענשליכען געפיהל פון עהרע...
דער שטענדיגער טרויער און דער שטענדיגער פּלאָגען,
וואָס איז אימער גרייט שלאָגען און ווערען געשלאָגען.

דער פינסטערער און פאַלשער דיפּלאָמאַטישער וואָרט,
די פינסטערע חכמה, וואָס מאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט.
דער שרעקען זיך אָפט פאַר אַן איינפאַכע פליג
און דערום זיך מאַכען גרייט צו געהן אין קריעג...

דער שרעקען זיך פון אַנטיסעמיטען פאַר אַ פריעדליכען אידען,
אַן אונשולדיגער שוואַכער איד אין פוילען, וואָס זאָגט:
גיט מיר פריעדען,
ניט איך זינג „מה יפית" פאַר דעם פּריץ, נאָר איך קווימשע,
ווייל מיין גוי איז אַ תלמיד פון דענקער פרידריך ניטשע.

דער פּעסימיסט, וואָס קוקט אַזוי פינסטער אויפ'ן לעבען,
און דערום האָט אונז דער ביטערער שיקזאַל געגעבען,
אין האַנד פון יעדען שלעכטען נאַר זיין צו שפּאָט און צו שאַנד,
ווייל פּעסימיזם מאַכט זיך שרעקען פאַר אַ פליעג אויפ'ן וואַנד.

און זיי, די פייגלינגע, די צווייפלער, זעהען אין אידען,
אַ סכנה פאַר זיי, אַ שטערער פאַר זייער פריעדען.
ווייל זיי זיינען אין שרעק און האָבען אַ קראַנקע נשמה,
דערום ווילען זיי פון אונז נעהמען בלוטיגע נקמה.

דערום האָט דאָס די פּרוי צלה, דער פינסטערער שאָטען
געבראַכט דעם ערפינדער פון געוועהר, דאָס קינד פון שטן.
תובל־קין קומט פון צלה'ס פּעסימיסטישען שרעק
און מיט זיין געוועהר איז אויף איהם זעלבסט געקומען
אַן עק!

אָפּטימיזם

מוטער, עדה, די שעהנע, אָפּטימיסטישע דאַמע פון ליכט,
פון דער ליכטיגער זייט פון לעבען, מיט'ן פרעהליכען
געזיכט,
האָט געבאָרען יובל, איהר צווייטען זוהן,
אַ זוהן פון ליעבע, פון ליכט און פון זהון;

דעם ערפינדער פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען,
וואָס עפענען פאַר אונז פּרעכטיגע, געטליכע וועלטען,
פון זון, פון ליכט, פון האַרמאָני און פון ליעבע,
וואָס מאַכט ליכטיג אין אונזער נשמה די טריעבע.

אַ גרינגערען לעבען און מוזיק האָט אונז עדה געבראַכט,
פון גלענצענדע שטערען, וואָס שיינען אין דער
פינסטערער נאַכט!

ניו בעדפאָרד, אַפּריל 5, 1923.

נח

ער איז געווען אַ צדיק, אונזער אַלטער פאָטער נח;
ער איז געווען אַ דענקער, וואָס בענוצט זיין קלוגען מח.
און ער האָט ערפינדען דעם אַקער, צו אַקערען די ערד
און בעוויזען דאָס דער אַקער איז פיל נוצליכער פון שווערד.

ער איז געווען אַ מעכאַניקער, אונזער פאָטער נח,
און געלערענט מענשען ניט פאַרלירען זייער שוואַכען כח,
אויף נאַרישקייטען, אויף גזלה, אויף זנות און אויף זיך
שלאָגען
און בריינגען אויף זיך און אויף דער וועלט נאָר צרות
און קלאָגען.

און זעהענדיג דאָס עס העלפען גאָר ניט זיינע גוטע רייד
און די ערד איז געוואָרען פערדאָרבען, צו נח׳ס גרוים לייד,
פון גזלה און גנבה, פון געצענדיענסט, זנות, מאָרד און
רציחה,
האָט ער מורא געהאָט פאַר גאָטעס שטראָף אַ גיכע.

ער האָט, דערום, מיט גאָט׳ס הילף גענומען בויען זיין תיבה;
נאָר איין זאַך האָט ער, נח, געבעטען פון גאָט אַ טובה:
ער זאָל וואַרטען מיט זיין שטראָף הונדערט און
צוואַנציג יאָהרען,
פיליכט וועלען מענשען מיט חיות זיך מעהר ניט
פּאַאָרען...

און גוטע מענשליכע קינדער וועלען ווערען געבאָרען,
ניט אַזעלכע ווילדע ברואים, ווי זיי זיינען געוואָרען;
פיליכט וועלען זיי דאָך תשובה טהון און האָבען חרטה
אויף די זינד, איידער עס וועט ניט בלייבען די לעצטע
פּריטה.

אַ תּיבה איז זיכערער פון אַ געצעלט

ווי־סענדיג דאָס אַ שיף איז פיעל זיכערער ווי אַ געצעלט,
צווישען מערדער און רויבער פון אַ ציוויליזירטער וועלט,
דערום האָט נח אַליין די תיבה געהאַלטען אין איין בויען,
ווייל דער דור המבול האָט געהאַלטען פון זנות מיט פרייען.

ער האָט אַריין גענומען אַלעס וואָס וואַר הערליך און טייער
און איז אַנטלאָפען פון לאַנד, ווי פון אַ שרעקליכען פייער,
ווייל די שלעכטע מענשען מוזען ברייגנען אויף דער
וועלט דעם שווערד
און דאַן קומט אַ מבול פון פייער מיט וואַסער אויף דער ערד.

מענשען פאַנגען אָן מיט קנאה, שנאה, גזלה און נקמה,
דאַן מוז זיכער קומען צו שלאַכט און אָפענע מלחמה;
דאַן מוזען אויך קומען הונגער און מגפות נאָך דעם שווערד.
דעם מבול שאַפען נאָר שלעכטע מענשען, שדים, אויף
דער ערד!!!

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

חנוך

(ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים.)
חנוך איז מיט אונזער גאָט געגאַנגען,
ער האָט פערנומען געטליכע קלאַנגען,
איינציגע הימעל־אַקאָרדען האָט ער געפאַנגען,
און געוואָלט האָט ער שאַפען געטליכע געזאַנגען.

די איינציגע געטליכע פערנומענע קלאַנגען,
האָט ער געוואָלט פערוואַנדלען אין זיסע געזאַנגען
און מאַכען די מענשען הייליגע פּסאַלמען צו זינגען
און געטליכע טענער אין הארצען זאָלען אָפּקלינגען.

געפּרובט האָט ער פערפלאַנצען הימלישע בלומען אויף
דער ערד,
די גראָבע, מגושמ׳דיגע ערד. יזאי געהערשט האָט שוין
די שווערד.
איהם האָט זיך געוואָלט דאָס מענשען זאָלען זיין בעסער
און איינער זאָל ניט וועלען זיין פון צווייטען גרעסער...

מעגליך דאָס ער האָט געפּרעדיגט געגען פרעסער,
געגען זויפער, וואָס טרינקען וויין גאַנצע פעסער,
געגען איינפיהרען אויף דער וועלט לאַנד-גרענעצען מיט
פּעסער
און איינער זאָל געגען דעם צווייטען ניט שאַרפען דעם
מעסער...

אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט געפּרעדיגט צו מענשען,
איז זיין שיקזאַל פערזיגעלט געוואָרען איהם צו בענשען,
מיט אַ „זכר לברכה", „ווייל ער איז ניט געבליבען"...
אַזוי שטעהט עס אין דער הייליגער ביבעל פערשריבען:

חנוך דער מאַרטירער

„חנוך איז געגאַנגען מיט גאָט, און ער איז ניט געבליבען"
דערום זאָל ער ביי מיר אַלס מאַרטירער ווערען פערשריבען.
ווארום האָט איהם גאָט גלייך גענומען צו זיך?
— ווייל מען האָט איהם פון אונז אָפּגעשיקט אויף גיך!!!

עס גיבט ניט קיין זיכערער פּלאַץ אויף דיעזער זינדיגער
וועלט,
פאַר דעם גוטען מענשען צו האָבען אַ רוהיגען געצעלט!
מען זאָגט דעם גוטען מענשען: „דו מאַך אַ שווייג,
שלאָף, דרימעל!
ווען ניט — וועלען מיר דיר אָפּשיקען צו גאָט, אין הימעל!!!

און זאָנדערבאַר, גאָט, דער גרויסער בורא, אַליין
ליעבט דעם מענשען, וואָס זיין נשמה איז שעהן און ריין,
און ער שיקט נאָך איהם, דעם מלאך גיך
און נעהמט איהם אַוועק געשווינד צו זיך!!!

דור הפלגה

עס וואַנדערען איניגע מענשען-קינדער,
מיט זייערע פרויען, שעפּסען און רינדער,
פון אַרט, דאָס געבירגיגע לאַנד,
מיט שרעק, מיט פיעל מורא און מיט שאַנד.

קומענדיג קיין שנער, אין בבל'ס טיעפען טאָהל,
האָבען אַלע צוזאַמען בעשלאָסען מיט אַמאָל,
צו בעזעצען זיך אויף אייביג דאָרט
און אויספאָלגען יעדען נמרוד'ס וואָרט.

די נשמות וואר בעזאָרגטע און טריעבע
מיט איבערגעשפּיצטע ברודער־ליעבע.
מען רעדט צוזאַמען, זעהר בעשיידען,
דאָס עס ווילט זיך קיינעם ניט צו שיידען.

איינער דעם צווייטען איז זעהר טהייער,
ליעב איז יעדען זיין היימישער פייער,
וואו מען פערברייינגט אבענדען צוזאַמען
און מען איז נאָך ניט צוטהיילט אין שטאַמען.

אַלע זיינען ליעבע, גוטע ברידער,
אַלע זיינען נאָר גוטע מיטגליעדער,
פון איין הארמאָנירטער גוטער וועלט,
איין קאָמונע, אָהן צרות, אָהן געלט.

איין געדאַנק און איין שפּראַך,
איין טרויער און איין לאַך,
איין שותפות'דיגער ווילען וואר זעהר גרויס:
מעהר שוין ניט וואַנדערען און בויען אַ הויז . . .

אַ הויז פאַר אַלעמען . . . אַ שטאַרקען מויער,
אַ טהורם אַ הויכען מיט אַ גרויסען טויער;
אַ הויכען מגדל, ביז צום הימעל אַליין,
אַ פעסטונג, אַ פעסטען, שטאַרק ווי פעלזענשטיין.

געדענקט האָבען זיי דאָס די וואַנדערונג־מענשען
ווען מיט דיעזען אויפטהו זיך אַליין בענשען,
און ווען בויען פון געמאַכטע ציגעל מיט ליים,
פאַר יעדען מיטגליעד אַ פּרעכטיגע שעהנע היים.

און די מענשהייט וועט דאַן ניט האָבען קיין רייכען
און קיין אָרימאַן; יעדער איינער וועט האָבען זיין גלייכען!
אָבער גאָט האָט פון הימעל געגעבען אַ בליק,
און געזאָגט: מענשען, דאָס וועט ניט ברענגען קיין גליק.

גאָט׳ס רעדע צו די מלאכים

ליעב מוז יעדען זיין נאָר זיין אייגענער געצעלט!
בעזעצט און ציוויליזירט מוז ווערען די וועלט,
דורך אינדוסטריע, דורך האַנדעל, דורך הילף פון געלט!
געוואָהנט מוז ווערען דער מענש צו היץ און צו קעלט!

ער מוז זיך צוגעוואָהנען צו יעדען קלימאַט;
צו האָבען אַמביציאָן, מוז מען לעבען פּריוואַט.
און ווען מען ליעבט אינדיווידועלע פרייהייט,
ווילט זיך אויך עפּעס טהון גוטעס פאַר דער מענשהייט.

מעג דער קאָמוניזם זיין אין טהעאָריע שעהן און גלאַט,
אָבער דער קאָמוניסט מוז ווערען ווי אַן אווטאָמאַט.
און דיעזע קאָמוניסטען זיינען שוין גאָר פערפיהרט
פון זייער טהעאָריע זיינען זיי שטאַרק פעראירט.

זיי האָבען זיך אויסגעלערענט עטליכע ווערטער,
זיי זיינען נאָר קוים בעקאַנט מיט עטליכע ערטער
און בויען שוין אין דער לופטען גאַנצע שלעסער
און פּלאַנען שוין אין הימעל הייזער און געסער...

אָבער מיין וועלט טאָר צו גרונדע ניט געהן,
מיין פיינע וועלט איז צו פּרעכטיג, צו שעהן,
צו לאָזען איהר פיהרען, לויט די שעהנע,
פראַזען פון מענשען, קנאַקערס געמיינע...

גאָט׳ס רעדע צו די מענשען

נאַרישע, אונוויסענדע, איינשפּראַכיגע מענשען,
דאָס וואָס ביי אייך איז שילטען, איז דאָך ביי מיר בענשען!
און איהר האַלט זיך שוין פאַר גאַנצע וויסערס פון
גוט און שלעכט?!
גאַנצע פּראָפעסאָרען, וואָס דענקען דאָס זיי האָבען רעכט!

איבער דער וועלט מוזען זיך מענשען צושפּרייטען
(און מיינע מלאכים וועלען זיי בעגלייטען).

וועגען מוזען געשניטען ווערען צו רייזען געשווינד,
מיט פערד.
און שפּעטערע דורות וועלען מיט דאַמפף פעראייניגען
די ערד!

מענשען מוזען זיך בעקאַנען מיט יעדען וועטער,
מיט אַלע פרוכטען און בלומען, בוימער און בלעטער.
יעדער מענש מוז זיין אַ וועלטליכער רעטער
און ניט אַ שטיעף־קינד פון דער וועלט, פעררעטהער!

אויב, דו מענש, וועסט אויספיהרען דיין קאָמונע־שטאַנד,
וואָס וועט דאַן ווערען מיט מיין גוטעס, שעהנעס לאַנד?
ווער וועט ציהען נוצען פון די רייכע מינעראַלען?!
ווער וועט האָבען נוצען פון די לעבעדיגע קוואַלען?!

ווער וועט אויסנוצען די אַלע נוצליכע מעטאַלען?
אויב דער באָלשעוויק איז פיהרער, איז די וועלט פערפאַלען:
אויב דער באָלשעוויק וויל גאָט אויך ערקלעהרען קריעג,
וועל איך איהם צייגען, דאָס ער איז קליין ווי אַ פליעג!

אויב ער וויל שוין אויך קריכען אין הימעל אריין,
וועט ער זעהר גיך פאַלען אין קבר אַריין!
צושפּרייטען מוזען זיך מענשען און ניט קאָנצענטרירען
זיך אויף איין פּלאַץ! אַנדערש קאָנען זיי ניט פּראָגרעסירען!

אַ שטראָף פאַר די רייכע

אום די באָלשעוויקעס זאָלען ניט אויספיהרען זייער טהאַט
און אום גיך צו צושטערען זייער איינפלוס און זייער ראַטה,
האָט גאָט די מענשהייט צוטהיילט אויף פיעלע
דיאַלעקטען און שפּראַכען.

און אום די קאָמוניסטען זאָלען זיך פאַר מאַרטירער
ניט מאַכען
און בעווייזען „ברודערליכקייט", „אחדות" און נאָך
אַזעלכע זאַכען,
האָט גאָט געמאַכט דאָס נאָר די שפּראַכען

זאָלען זיין צוטהיילט און בעוואַכען
דעם פראָגרעס פון דער גרויסער וועלט!

אָבער אויב די וועלט וועט מיט געלט
גאָר געשטערט ווערען פון איהר גליק,
ווי גאָט מיט זיין ליכטיגען בליק
האָט פאָראויס געזעהן, דאָס די שלעכטע רייכע
וועלען דענקען, דאָס מענשען זיינען ניט גלייכע,
גאָט'ס קינדער, און וועלען ברייגנען אונגליק אויף דער וועלט,
מיט דעם לומפיגען שטאָלץ פון זייער קאַפּיטאַל און געלד,
און זיי וועלען בערויבען דעם פויער פון זיין פעלד,
און רויבען די קראַפט, מאַכט, פון דעם אַרבייטער, דער העלד,
דער פראָדוצירער, די שטאַרקע קראַפט,
וואָס ווירקט מעכטיג, און מאַכט, שאַפט, און שאַפט.
דערום האָט ער בעשלאָסען די רייכע באַנדיטען בעשטראָפען
און די טיראַנען פון טראָן זאָלען רוהיג ניט קאָנען שלאָפען.
דערום האָט גאָט איבערגעלאָזט אַ גלגול פון באָלשעוויקעס,
מיט ווילדע פּאָליאַקען, קאָזאַקען, קאַצאַפּעס און מוזשיקעס.

ווארום?

ווארום האָט גאָט אויך איבערגעלאָזט דאָס לאַכען
און אויך דאָס וויינען, פון צוטהיילונג דער שפּראַכען?
אויך געטליכע מוזיקאַלישע קלאַנגען,
טרויעריגע און פרעהליכע געזאַנגען?

דאָס האָט גאָט איבערגעלאָזט, אום צו פערשטעהן
און צו ווערען געריהרט פון צוויינענס געוויין!
מיר, מענשען, מוזען זיך מיט טרעהרען פעראייניגען,
הערענדיג אַ מיט-מענשען קלאָגען און וויינען!..

מיר האָבען הנאה פון דעם אַקטיאָרס האַרציגען לאַך,
מעג דער בעוואוסטער אַרטיסט אַפילו ניט פערשטעהן
מיין שפּראַך.

אַ ליעבהאָבער פון קונסט און מוזיק לויפט זעהר גערען,
אַ פרעמדען-שפּראַכיגען אָפּערא זינגער צו הערען.

ווייל, ווען גאָט האָט צוטהיילט די מענשהייט אין שפּראַכען,
האָט ער דאָך ניט צוטהיילט דאָס וויינען און לאַכען!
צוטהיילט זיינען געוואָרען מעהר ניט ווי די שפּראַכען,
אָבער פעראייניגט זיינען דאָס וויינען און לאַכען!!!

נמרוד באָלשעוויק

(דער באָלשעוויק פערוואַנדעלט זיך אין אַ טיראַן אַ זעלבסטהערשער)

(רבי לייבעלע טראַצקי׳ן געווידמעט...)

„אָה, ניט מיר ווערט גאָט בעהאַנדלען ווי אַ געגנער אַ שוואַכען!
ער האָט מיין אידעאַל צושטערט, מיט צוטהיילונג פון שפּראַכען,
אויפגעהערט האָבען מענשען ליים צו קנעטען און ציגעל צו מאַכען
און זיינען זיך גאָר צוגאַנגען אין אַלע זייטען, ווער מיט לאַכען,
ווער מיט שפּאַסען, ווער מיט פעראַכטונג און ווער גאָר מיט וויינען.
מענשען פערשטעהען ניט וואָס אַנדערע זאָגען און מיינען...
צושטערט האָט גאָט מיין גרויסען פּלאַן פון מענשליכען אחדות און זיעג!
צושטערט האָט ער מיין ראַכע, פאַר דעם מבול, מיט אַ הימעל-קריעג,
וואָס איך, נמרוד, האָב געגען איהם ערקלעהרט!
אָבער, אויב עס איז שוין יא מיר בעשעהרט,
צו ווערען אוים באָלשעוויק-קאָמוניסט,
וועל איך יעצט גאָר ווערען אַ מאָנאַרכיסט!!!

אויב איך קאָן שוין געגען גאָט אין הימעל קיין מלחמה מאַכען,

וועל איך אויף דער ערד מיט אַלע טייוולישע מיטלען
און זאַכען
פערפיהרען אַ מלחמה אויף לעבען און אויף טויט!!
איך וועל די גאַנצע ערד מיט מענשען-בלוט מאַכען רויט!
איך וועל איהם צייגען, דאָס מענשליכע צושפרייטונג
איז ניט קיין פראָגרעס!
איך וועל זיך פעראייניגען מיט דעם טייוועל, צו מאַכען
נאָר ריגרעס!!!

צושטערט זאָל ווערען גאָט'ס פּלאַן און דער געטליכער
אידעאַל!
„מלחמה, בלוט-פערגיסונג", דאָס וועט זיין מיין מאָטאָ,
מיין כלל!"
און אַזוי איז נמרוד, דער ריעז און דער גרויסער העלד,
דער גרייסער קעמפּפער און פאַנגער פון חיות אין פעלד,
געוואָרען אויך אַ פאַנגער און קעמפּפער געגען גרויסען
גאָט.
ער האָט געהאַט די חוצפה צו קעמפּפען געגען זיין געבאָט...

געצענדיענסט

נמרוד איז געוואָרען אונערטרעגליך ווילדער פון טאָג
צו טאָג;
חיות-געיעג האָט ער פערוואַנדעלט אין אַ מענשען-געיאָג.
ער האָט יעצט אויסגענוצט זיין שרעקליכען ריעזיגען
מאַכט,
ניט צו בעשיצען שוואַכע, נאָר זיי צו שלאַכטען אין שלאַכט.
און ער איז געוואָרען דיקטאַטאָר, קעניג און האַר...
און האָט אויף דער מענשהייט געבראַכט זעהר פיעל צער...
מיט אונגליק, מיט גרויסע צרות איז די וועלט געוואָרען פול.
פון צרות זיינען מענשען געוואָרען משוגע און דול...
און אַרומלויפענדיג ווילד, זוכענדיג אַ רעטער,
האָבען זיי אָנגעפאַנגען גלויבען אין אָפּגעטער...
פערגעסען האָבען זיי זייער ווירדע, דעם מענשליכען
שטאָלץ.
„רעטע מיר!" האָבען זיי געבעטען צו אַ שטיין, צו
אַ האָלץ!!!

תרח און נמרוד

(ווי אַ באָלשעוויק מאַכט ענדליך אַ ליעג מיט אַ פאַלשען גלח)

דער עלטער-זיידע תרח, דער ליגנער, דער אַלטער,
האָט בערויבט די מענשען ווי אַ גזלן אַ קאַלטער.
און דער באָלשעוויק נמרוד וואָס האָט „געפיהרט מיט גאָט אַ קריעג".
האָט מיט דיעזען אַלטען פוקס געמאַכט אַ פריינדליכען ליעג.

געעקעניגט האָט נמרוד אויף בבל און ארך, דאָס לאַנד „איראַק"
ווייל תרח איז אַרומגעקראָכען צווישען מענשען ווי אַ ראַק,
האָט ביי זיי אויסגענאַרט און צוגענומען די לעצטע נחמה
און פערפינסטערט זייערע געדאַנקען, זייער מענשליכע נשמה.

ווען נמרוד האָט בעזיעגט אכד און כלנה, מיט מעסערס און העק,
האָט תרח זיי געטרייסט און אויסגענאַרט ביי זיי תבואה פולע זעק.
און ער איז זיך געזעסען זעהר רוהיג און געמאַכט סטאַטועס,
געבויעט קלויסטערס, געשאַפען געטער און געהאָלפען דעם שטן...

און מיט אַ פּנים אַ פרומען איז ער זיך געוואָרען אַ גלח,
און געמאַכט פאַר נמרוד „מי שברך", ווי פאַר אַ גוטען מלאך...
אויף זיין שותף אין זיין „אַרבייט" האָט ער געגעבען אַ בליק
און ענציקט איז נמרוד געוואָרען מיט זיין טייפלישען גליק...

נמרוד פּראָקלאַמירט זיך אַלס גאָט

נמרוד איז געוואָרען קעניג פון פיעלע פעלקער און שטאַמען
און תרח, אַלס אָבער פריעסט, האָט קיינעם געלאָזט איהם פאַרדאַמען.

ענדליך, איז ער פון זינען געוואָרען געריהרט
און נמרוד האָט זיך אַלס „גאָט“ פּראָקלאַמירט.

דאָס האָט געמאַכט אַברהמ׳ען און הרנע׳ן צווייפלען און דענקען,
און עס האָט פאַרשאַפט תרח׳ען שרעקליכע צרות און קרענקען.
רייך וואַר תרח, מיט שעפסען און מיט רינדער,
אָבער ניט געהאַט קיין נחת פון קינדער...

אַמאָל באַשטראָפט דער אַלמעכטיגער גאָט זעהר געשווינד;
נמרוד האָט ביי איהם צוגענומען און פאַרברענט זיין קינד...
זיין זוהן הרן, איז דורך פייער, יונג געשטאָרבען,
נאָך איידער ער האָט פאַר זיך עפּעס ערוואָרבען.

נמרוד האָט איהם פאַרברענט אין אַ קאַלך אויווען
פאַר דעם גלויבען אין אַ גאָט פון אויבען.
געבליבען זיינען יתומים: מלכה, יסכה און לוט.
אוי, ווי שרעקליך איז די נקמה פון אַלמעכטיגען גאָט!

תרח איז שוין געווען זעהר רייך מיט פעלדער,
רייך מיט גאָלד און זילבער, רייך מיט אַלטע וועלדער,
יאָ, זעהר רייך מיט שעפסען און מיט רינדער,
אָבער ניט געהאַט קיין נחת פון קינדער!...

אַחדות הבורא פּראָקלאַמירט דורך אברהם אָבינו

נמרוד׳ן און תרח׳ן, האָט אברהם גענומען בעטראַכטען
און ער האָט אָנגעפאַנגען זייערע אָפּגעטער בעאָבאַכטען
און צום בעשלוס איז אברהם דער קליינער
געקומען, דאָס גאָט אַליין מוז זיין איינער
און אויסער איהם אַליין, פאַראַן איז קיינער...

און ער אַליין, איז די איינציגע מעכטיגע קראַפט,
וואָס האַלט אין איין פּראָדוצירען, און שאַפט און שאַפט...
ער אַליין, איז די בעהאַלטענע קראַפט, אָן אַן אָנפאַנג
און אָן אַן ענדע, און ער איז, דער שעפפער פון געזאַנג
און פון געוויין. ער איז דאָס, דער פאָטער פון יעדען קלאַנג.

ער איז דאָס, דער בעשעפּפער פון פינסטערניש און ליכט.
ער איז דער ריכטער, פון דעם יוניווערזומס געריכט;
און זיין פאָטער, דער גלח, בעשאַפט אליין זיינע געטער,
פון האָלץ און שטיין, פון גאָלד און זילבער, און מאַכט
זיי פאַר רעטער,
צו די מאַסען-מענשען וואָס זיינען גלייך צו גראָז
און בלעטער

אָבער, נאָך ערגער פון אַלעס, האָט איהם געטהאָן
זעהר וועה,
ווען ער האָט אויסגעפונען, דאָס אויך תרח, גלויבט
ניט אין זיי...
נאָר ער איז אָן איינפאַכער ליגנער אַ געמיינער,
וואָס שפּיעלט אַ פינסטערע ראָלע, אַלס פּריעסט
אַ שעהנער,
אום אויסצונאַרען ביי מענשען קרבנות און געלד
און ער בערויבט זיי פון וויסען, דאָס גליק פון דער וועלט.

און זיין פאָטער, תרח, איז דאָס נמרוד'ס גייסטיגער קנעכט,
צו מאַכען אַלע זיינע שרעקליכע טהאַטען גערעכט
און דאָס נאר אום אָנצוהאַלטען, נמרוד'ס טיראַנישע מאַכט,
פערפינסטערט ער מענשען די מוחות ווי אַ פינסטערע
נאַכט.

אברהם אָבינו דער רעוואָלוציאָנער און דער געטליכער אַגיטאַטאָר

פון צאָרן איז דער יונגער גאָט-זוכער געוואָרען
פערציטערט
געגען נמרוד און תרח איז ער געוואָרען פערביטערט.
און ער האָט בעשלאָסען, צו מאַכען די געטער צו שפּאָט
און שטאַרק אַגיטירען צו דיענען דעם איינציגען גאָט.

פון אמתלאי בת כרנבו, זיין טהייערע מוטער,
ליעבע צום אמת געלערענט האָט אברהם דער גוטער.

און ער האָט פאַר דעם אמת, אַ רעוואָלוציאָן געמאַכט
און זיין לעבען איינגעשטעלט אין קאַמפף געגען
פינסטערער מאַכט...

ער האָט קלוג געמאַכט פיעלע פון די נאַרישע מענשען,
וועלכע זיינען געקומען צו זיין פאָטער זיך בענשען.
ענדליך איז ער אריין אין קלויסטער און צו שטאָכען
די העסליכע בילדער און די געטער צובראָכען.

אויף זיין פאָטערס שטראָף האָט ער געענטפערט מיט שפאָט
און זיין פאָטער איז געוואָרען זעהר אין כעס.
מיט זיפצען און מיט אויגען פון טרעהרען נאָס.
האָט ער איהם פערטריבען פון זיין הויז אין גאָס.

אין גאָס, האָט דער געטליכער רעוואָלוציאָנער אַגיטירט
געגען די פאַלשע געטער. זיינע רייד האָבען מענשען
גערירט.
ער האָט אַזוי אַגיטירט, ביז נמרוד האָט איהם אַרעסטירט
צוזאַמען מיט זיין ברודער און מען האָט זיי אין
גרוב געפיהרט.

נמרוד:

— ווי וואַגסטו געגען די הייליגע געטער אַגיטירען?
איך זעלבסט בין דאָך אויך אַ גאָט! ווי וואַגסטו צו
רעוואָלטירען?
(אַזוי האָט אַרויסגעברומט נמרוד, דער בעריהמטער יעגער,
צו אונזער אונערשראָקענעם גאָטעס פאָהנען טרעגער.)

אברהם:

— און ווי וואַגסטו, אַ, מענש, זיך זעלבסט צו האַלטען
פאַר אַ גאָט?
ווער ביזטו, בלוט און פלייש, צו זינדיגען געגען געבאָט,
פון דיין בעשעפער, וואָס שלאָפט ניט און כאַפט ניט
קיין דרימעל?
ווי וואַגסטו זיך צו שטעלען געגען דעם גאָט פון הימעל?

נמרוד:

דאָס בין איך דאָך דער גאָט פון דער וועלט!
איך בין דאָך רייך מיט זעהר פיעל געלד!
איך בין דאָך שטאַרק, איך האָב דאָך די מאַכט!
איך ביז דער גאָט פון טאָג און פון נאַכט!..

אברהם ענטפערט נמרוד׳ן.

הער דו צו גוט, צו מיינע רייד און בעטראַכט
דו האָסט ;די גאַנצע וועלט אונגליקליך געמאַכט!
אַלם אַנאַרכיסט אָדער מאָנאַרכיסט, פינסטער
ביזטו ווי די נאַכט!
צרות, מלחמות, מגפות, האָסטו פאר אַלעמען
געבראַכט!..

דו לאָזט מענשען ניט קומען צו זיך און לעבען
ווי מענשען! דו לאָזט זיי ניט אפילו שטרעבען,
נאָך אַלעם וואָס איז הייליג, ערהאַבען און גוט!
דו שרעקסט זיי איממער מיט דעם שווערד און מיט
דעם קנוט!..

דו לאָזט ניט די מענשליכע וואונדען פערהיילען!
חוץ שפּראַכען, ווילסטו אויך געפיהלע צוטהיילען!

דו מיט דיינע פיעלע געטער,
בריינגסטו אומגליק דער וועלט, פעררעטער!

ווען מענשען גלויבען אין דעם איינציגען גאָט,
און זיי זיינען גוט און מען פאָלגט זיין געבאָט,
קאָן מען אפילו מיט צוטהיילטע שפּראַכען,
צו דער מענשהייט, זעהר פיעל גוטעס מאַכען.

שפּראַכען זיינען פיר פּראָגרעס צוטהיילט געוואָרען,
אום די מענשהייט זאָל ווערען ווי ניי געבאָרען;
אום מענשען זאָלען ניט בלייבען זיצען אויף איין
אָרט פון דער ערד
נאָר זאָלען קולטיווירען, יעדעס ווינקעלע פון דער ערד!..

אַלע מענשען זיינען דאָך קינדער פון איין גאָט.
גאָט האָט זיי דאָך גלייך בעשאַפען מיט זיין געבאָט.
ווילסטו איך זאָל גלויבען אין דיר ווי מיין פאָטער,
וואָס מאַכט מענשען זיך בוקען צום הונט, צום קאָטער?
ווען מיר צושפליטערען די נאַטורס כחות
און פערפינסטערען גאָר די מענשען מחות,
מיט דיין דאָקטרין פון איינצעלנע קרעפטען, פון
פיעלע געטער
ווערען מענשען הפקר ווי גראָז, ווי געפאַלענע בלעטער.
מיט אבערגלויבען פון פינסטערע גלחים,
וואָס האַלטען זיך גאָר פאַר די געטערס מלאכים
און שטיצען די מאַכט פון טיראַנישע מלכים
מוז די מענשהייט פערקריכען אין שלעכטע דרכים...
איך אַגיטיר אחדות הבורא מיט גרויסע שבחים!
ווילסטו, איך זאָל גלויבען אין דיר און דיינע גלחים?
דאַן, מאַך די זון, פערגעהן אין מזרח, און אויפגעהן
אין די וועסט,
דאַן, וועל איך אין דיר גלויבען! עדות זיינען דיינע
געסט!!!

נמרוד וואַרפט אברהם'ן אין פייער.

זיין ברודער ווערט פארברענט.

אברהם אבינו האָט פאר זיין אידעאַל באַצאָהלט טהייער.
ער מיט זיין ברודער, זיינען געוואָרפען געוואָרען
אין פייער.
זיין ברודער, איז אין פייער געוואָרען פארברענט,
ווייל, ער האָט נאָך אויף ריכטיג גאָט ניט אָנערקענט.
אָבער אברהם איז געווען ביי גאָט זאָ ליעב און טהייער,
דאָס ער האָט מיט אַ גרויס וואונדער איהם געראַטעט
פון פייער.
אויך תרח, איז אויף נמרוד'ן געוואָרען אָנגעבלאָזען.
און אום צו ראַטען זיין זוהן, האָט ער אויך זיין הייס
פערלאָזען...

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

אברהם אבינו בעדויערט זיין פאַטער

(אברהם ווירקט אויף איהם צו גוטען)

שרעקליך איז געוועזן דער שמערץ, דער אונגליק
וואַר זעהר גרויס.
איין זוהן פערברענט, דער צווייטער בעהאַלטען
אין נחם הויז...
געקומען איז תרח צו זיין זוהן, איהם העלפען בעקלאָגען,
זייער גרויסען בראָך, און הערען וואָס ער האָט איהם
צו זאָגען.

אברהם:

„אויב מיין פאָטער, איז יאָ אַ פּריעסט,
„וואָס דינט די געטער און ער גיעסט,
„צו זיי נסכים פון בעסטען אַלטען וויין,
„וואַרום האָבען זיי אין פייער אריין
„געוואָרפען מיין ברודער, הרן, אוי אזוי גיך?
און מיין אַלטער פאָטער איז געבאָך אויסער זיך!

„איז דאָס דער שכר פון די אָפּגעטער
„צו זייער דיענער, וואָס מאַכט פּעטער,
„די אָקסען, די שעפּסען זייערע קרבנות
„וואָס ער מאַכט מענשען צו ברייגגען אַלס מתנות
„צו זיי און בעט צו זיי שטענדיג, אַלע טעג,
„פאר דעם גליק פון נמרוד, אַלס העלד פון געיעג?!

אברהם׳ס הספד אויף הרנ׳ען

„אוי, די גרויסער גאָט, פון ערד און פון הימעל!
„אַלמעכטיגער, וועכטער אָן שלאָף, אָן דרימעל!
„איך וועל פערלאָזען מיין לאַנד, מיין אייגענע היים!
„געשטאָרבען ביזט דו, הרן, על קדוש השם!
„איך וועל אימער בעטען גאָט, פאר דיין הויכער נשמה!
„מיין אייניקעל, ניט איך, וועט פאַר דיר נעהמען נקמה!

אברהם פּראָפעציייהעט נמרוד׳ס מפּלה

מיט מיין אייניקעל וועט ער, נמרוד, פערפיהרען אַ קריעג
און מיין אייניקעל וועט איבער איהם פייערען אַ זיעג.
ער וועט אויך זיין אַ גרויסער יעגער און אַ העלד,
און ער וועט איהם טויטען ווי אַ חיה אין פעלד.
מיין אייניקעל וועט אויך, ווי ער, לעבען אויף זיין שווערד
און עשו וועט נמרוד׳ן פערניכטען פון דער ערד!!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

תרח שטאַרבט אַלס בעל תשובה

גערירהרט פון זיין זוהן׳ס ווערטער, האָט תרח
אויך זיין היים פערלאָזען
און געוואָרען אַ בעל תשובה, פון כעס, אַנגעבלאָזען
אויף נמרוד דעם טיראַן, און בעשלאָסען צו עמיגרירען,
פון זיין היים, ווייל, איהם האָט זיך אויך פערגלוסט
צו אַגיטירען
זיין זוהן׳ס געדאַנק דעם גרויסען, דעם געדאַנק פון
אחדות הבורא
ווייט פון היים, פון זיין לוקסוס טעמפלען, די
געצענדיענערם מורא.

ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט גרוים כבוד און
רייכטהום ערוואָרבען.
זיי האָבען עמיגרירט קיין חרן, און דאָרט איז ער
געשטאָרבען.
מיט אַ גלויבען אין איין גאָט איז ער געשטאָרבען,
רוהיג, אויף זיין בעט
ווען זיין זוהן, גאָטעס פּאַטריאַרך, האָט געוויינט מיט
אַ שטילען געבעט
צום גרויסען, אַלמעכטיגען גאָט, פאַר זיין פאָטערס נשמה
און אזוי, האָט ענדליך, תרח, בעקומען זיין נחמה.
ניו בעדפאָרד, ג׳לחודש איר תרפ״ג לפק

אברהם קריעגט די וואַנדער לוסט

זייענדיג אין חרן, נאָך דעם טויט פון תרח׳ן זיין
אַלטען טאַטען
איז אברהם געוואָרען אַנצופריעדען מיט זיין לעבען,
זיין זאַטען
אַ לעבען פון רייכטהום, וואָס ער האָט ערוואָרבען,
פון זיין טאַטען.
נמאס און מאָוס איז איהם געוואָרען צופיהרען דעם
מאַטען
מאָנאָטאָניגען לעבען פון די צופריעדענע כאַלדעער
די „ביזנעסלייט״, די פריסטער, די פאַלשע, די
הענדלער, די דרעהער.

און ער האָט גערעדט צו זיך אליין:
מענש, זיי בעוועגליך! די ביזט קיין שטיין!
די גאַנצע וועלט איז זיכער דיינע!
די וועלט איז אַ שעהנע, אַ פיינע!
עס לוינט זיך ניט, צו זיצען אין געדרענג,
וואו די לאַנדסלייט האָבען דיר געמאַכט ענג!

איך האָב פערלאָזען, אור כשדים „אורפאַ״, מיין שטאָדט
איך האָב אַלעס געלאָזען אויף גאָטעס בעראָט,
ווייל, איך פיהל אין זיך אַ גרויסען מענשליכען גייסט,
אַ גייסט פון ליעבע צו דער מענשהייט; אַ שטורם רייסט,
ברויזט, רוישט און שטורעמט מעכטיג אין מיר,
און זינגט אין מיר אַ געטליכען שיר.

אברהמ׳ס געטליכער שיר

דו ביזט דער גרויסער וועלטליכער פראָפעט-
קאָסמאָפּאָליט!
רעטע דעם בעזיעגטען, העלף דעם אַנטלאָפענעם פּליט!
לערען זיך אַלע וועלטליכע זיטען, אַלע שפּראַכען!
גליקליך און ליכטיג אין קאָפּ, זאָלסטו דער מענשהייט
מאַכען!

נעהם צוזאַמען דיין רייכטהום, מאַך אַלעס צו געלד
און ברייננגען זאָלסטו דערמיט, נאָר נוטצען דער וועלט!
בעטראַכט נאָר די וועלט, מיט אַ ריכטיגען בליק
און זעה, דאָס ניט אין פּאַלאַטצען, וואָהנט דער גליק...
גרויס גליק קאָנסטו שאַפען אין אַן איינפאַכען געצעלט.
אברהם! די ביזט דער גרויסער בירגער פון דער וועלט!

די שטימע פון גאָט.

און די שטימע פון גאָט, הערט ער אין זיך וויעדער,
און עס דרינגט אַריין אין אַלע זיינע גליעדער:
מיט כעס און צאָרן, ביזטו קיין חרן געקומען,
אָבער די צאָרענדיגע חרן מאַכט דיין גייסט שטומען!!
אין אור כשדים, וואו די גלענצענדע שטערען, בעסער שיינען
און פּיעלע קלוגע מענשען גרויסע אַסטראָלאָגען זיינען
האָסטו דאָך געשטרעבט צו העכערעס פון דאָס,
וואָס איז דאָ פאַראַנען.
דארום, פאַרלאָז דיין רייכע משפחה, און געה ארויס
פון דאַנען!!!

דיינע פיינט און שילטער וועל איך שעלטען,
זיי זאָלען פערליערען,ביידע וועלטען.
חן ועסטו האָבען ביי אַלע מענשען;
פעלקער וועלען זיך נאָר מיט דיר בענשען!

נאָך „מגן אברהם" וועט מען זאָגען: אָמן
און אויף דער גאַנצער וועלט וועט גרויס ווערען דיין נאָמען,
פון מענשליכע הערצער, ועסטו ארויסנעהמען דעם אייזען,
געה, דו געטליכער פרינץ, צו דאָס לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזען!

אברהם ווערט קעניג פון דמשק.

מיט דעם געלד, וואס ער האט גע׳ירשנט פון זיין טאטען
האט ער געקויפט קנעכט און זיי געמאכט פאר סאלדאטען.
דאס איז געוועז א גאנץ גוט בעוואפענטע ארמיע,
גרייט צו שיסען
מיט בויגען און פיילען, אבער ניט אומזאנסט, מענש־
ליכע בלוט פערגיסען.

דאס איז גאר געוועזן אן ארמיע א געטליכע,
צו פארטהיידיגען הייליגע רעכטע מענשליכע...
סאלדאטען וואס דיענען מיט ליעבע א גרויסען אידעאל.
געליעבט האבען זיי אברהמ׳ן, דעם געטליכען גענעראל!

ער האט זיי געלערענט דעם געטליכען אידעאל:
ניט צו מאכען,
אפענסיווע מלחמות, נאר קעמפפען, פערטהיידיגען
דעם שוואכען!!
אזוי איז ער מיט זיין ארמיע, קיין דמשק געקומען,
וואו די איינוואהנער האבען איהם מיט גרויס כבוד
אויפגענומען.

מיט דער הילף פון זיין פריינד, אליעזר, וואס ווער
זעהר געהויבען,
האט אברהם זיי געלערענט דעם אמת׳ן, געטליכען,
גלויבען
און אבוואהל, ער האט גאר ניט בעלאנגט צו זייער
נאציאן,
האבען זיי איהם פאר קעניג ערוועהלט, און געזעצט
אויף זייער טראהן.

אברהם פערלאזט זיין טראהן.

רוהיג געפלאסען זיינען די טעג און די נעכט,
אברהם האט געהערשט אין דמשק ניט שלעכט.
ער האט בעטראכט די אונטערטהאנען ניט ווי קנעכט.
ער האט געזעהען פערשפרייטען יושר און רעכט!

אָבער דיעזער גרויסער געטליכער פּאַטריאַרך,
האָט ניט געוואָלט בלייבען קיין זעלבסט-הערשער-
מאָנאַרך,
אין דמשק, ביי די ווילדע חמ'ס קינדער.
און איז זיך אַוועק מיט זיינע שאָף און רינדער...

אליעזר איז איהם טריי ווי אַ קינד נאָכגעגאַנגען.
מען זאָגט, דאָס ער האָט גאָר געהערט מרידה
געזאַנגען...
אָבער ער איז אַוועק, זינגענדיג געטליכע געזאַנגען,
מיט זיינע נאָכפאָלגער, מיט הללויה געטליכע קלאַנגען...
ע'ש'ק ה" ימים לחודש איר
תרפ"ג לפ"ק, ניו בעדפאָרד.

אברהם'ס איינפלוס אויף דער ציוויליזאַציע פון דער וועלט

ער איז אַוועק מיט זיינע שעפּסען און רינדער,
ניט צו מאַכען זיין לאַגע גרינגער און לינדער,
נאָר וואַנדערען, צו ווערען דער שליח פון גאָט,
און צו לערנען דער גאַנצער מענשהייט גאָטעס געבאָט!

„געטליכער פּרינץ" האָבען פעלקער איהם גערופען,
אַבוואָהל, ער האָט נאָר געהאַלטען אין איין „מופען".
„געטליכער מאַן", „פּראָפעט" האָבען איהם גערופען
די מצרים,
ווי אויך די כנענים, די פרזים און די אמורים...

וואַנדערענדיג, שטענדיג פון אָרט צו אָרט,
האָט ער, איבעראַל געזאָגט גאָטעס וואָרט.
געבענדיג אורחים, עסען און טרינקען, אין זיין געצעלט
האָט ער געשאַפען אַן „הכנסת אורחים" פאַר דער וועלט..

אזוי האָט ער פערשפּרייט וועלטליכען אידעאַל.
און זיין נאָמען וואַר גרויס און הערליך איבעראַל.

אברהם איז געווען דער גרויסער, אמת׳ר קאָסמאָפּאָליט
און בעגייסטערט פון איהם ווערט אויך א רוסישער
מיטראָפּאָליט...

אַלע בעוואונדערען אונזער גרויסען פּאָטער.
און מיט איהם שטאָלצירט אויך דער קדר, דער טאָטער,
אין דער וויסטע, אין זיין אָרימען געצעלט,
פּונקט ווי די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט.

בעגייסטערט פון איהם זיינען אויך די קריסטליכע גלחים
אידען און אַראַבער, דערצעהלען פון זיינע מלאכים.
ער איז ביי אַלעמען דער גרויסער טהעאָלאָג,
ווי אויך דער גרויסער געלערענטער אַסטראָלאָג.

אַברהם׳ס איינפלוס אויף דער נאַציאָנאַליזירטער וועלט

ווען זייענדיג אַ וועלט-בירגער, און אַרבייטענדיג פיר
דעם כלל,
פון דער גאַנצער מענשהייט, האָט ער אויך געגלויבט
אין דעם אידעאַל
פון אינדיווידועלע פרייהייט, און געווען נאַציאָנאַל
געזאָנען, און ער האָט ניט געוואָלט אויסמישען
זיין ריינע בלוט
מיט דאָס קנעכטישע בלוט פון כנען, אָדער פון לוב
און פון פוט.

און ער האָט באַשוואָרען זיין קנעכט אליעזר׳ן,
ביי זיין האַנד,
צו געהן נאָר, נאָך ארם נהרים, זיין ליעבעס געבורטס
לאַנד,
און נאָר פון דאָרטען אויסקלייבען פאַר יצחק׳ן זיין
זוהן א ווייב;
ניט פון קיין פאָלק, און ניט פון קיין לאַנד, נאָר פון
זיין אייגענעם „טרייב“.

און אויך גאָט האָט צוגעזאָגט צו מאַכען פון איהם
א נאַציאָן
מיט אייגענע מנהגים און דינים, מיט אַן אייגענער פאָהן.

נמרוד און אברהם

נמרוד איז געווען דער גרויסער יעגער, פון חיות
אין פעלד,
אברהם האָט געפאנגען מענשען מיט ליעבע, ווי א
העלד.
נמרוד האָט געוואָלט מאַכען פון דער גאַנצער
מענשהייט „איין גאָט‟
און ער האָט געוואָלט טויטען פרייהייט ווי א טיראַן,
א באָס.

נמרוד איז ענדליך געוואָרען, דער שרעק פון דער
גאַנצער וועלט.
געציטערט האָבען פאַר איהם, פרויען און קינדער
אין געצעלט.
און אברהם האָט געגלויבט אין ליעבע צו דער גאַנצער
וועלט,
ליעבע, וואָס זאָל זיך אָנפאַנגען ביי יעדען אין זיין
געצעלט...

נמרוד איז זיכער געווען דער גרעסטער יעגער און
העלד פון פעלד;
אָבער אברהם האָט צובראָכען אבער גלויבען ווי
א העלד,
ווען מענשען זיינען געווען זעהר שטאַרק איבערגעגעבען
צו געטצענדיענסט, ווי די קאַניבאַלען, מיט לייב
און לעבען.

מענשען האָבען אויך זייערע קינדער פאַר קרבנות
געבראַכט,
ווייל דער טיראַן נמרוד, האָט אין זיי איינגעפלאַנצט
ליעבע צו שלאַכט.

און אברהם האָט אָפּגעשאָפּט קינדער קרבנות אין
איין נאַכט,
פון קאַמפף מיט זיך זעלבסט. ער איז געווען גרעסער
ווי נמרוד אין שלאַכט...

שרה און הגר

לכבוד אמי היקרה, חמדת לבבי ונפשי מרת רייזעל
בת ר׳ יעקב יהודה.

ליעב און אדעל וואַר אונזער מוטער שרה
און זי האָט אויף זיך זעלבסט געבראַכט אַ צרה.
זי וואַר אייפערזיכטיג געגען הגר, אַ פּרינצעסין,
פון עגיפּטען, וואָס האָט איהר פאָלק אוים ליעבע
פערגעסען.

אין אַ פּאַלאַץ, לעבען דעם נילוס, איז זי געבאָרען
און נאָר אוים ליעבע, איז זי שרה׳ס שקלאַפין געוואָרען

בעגעגענט האָט הגר, אברהם׳ס פרוי,
אין פרעה׳ס הארעם, ווען זי האָט אַזוי,
שטאַרק געקעמפפט געגען דעם ווילדען סולטאַן,
פאַר איהר עהרע, מיט גרוים מוטה ווי אַ מאַן.

פרעה, דער טיראַן האָט געמוזט איהר אָפּגעבען,
צוריק צו אברהם׳ען, מיט איהר צו לעבען,
אום ער זאָל בעטען זיין גאָט צו היילען דעם טיראַן,
וואָס וואַר געפּלאָגט פאַר גזלנ׳ען אַ ווייב פון אַ מאַן.

ווען נאָך שרה׳ן איז געקומען דער געטליכער מאַן,
האָט הגר זיך אויך בעקאַנט מיט אברהם׳ען דאַן,
און בעגייסטערט איז זי געוואָרען פון זיין לעבען,
דעם שעהנעם, מיט זיינע אידעאַלען און שטרעבען...

הגר ווערט אַ דיענסטמויד

זיינע אידעאַלען האָט זי פערשטאַנען זעהר גיך
און שטערבליך, שטאַרק פערליעבט אין אברהם׳ען
האָט זי זיך
און זי האָט זיך געאָפּפערט צו שרה׳ן אַלס דיענסט אין קיך.
זי, די פּרינצעסין האָט פערגעסען איהר ווירדע, איהר איך.

„בעסער זיין אַ דיענסט אין אברהם׳ס הויז,
איידער צו זיין ביי פּרעה׳ן, מעכטיג און גרויס"...
זאָ האָט הגר המצרית, ביי זיך בעשלאָסען,
ווען זי האָט זיך מיט הייסע טרעהרען בעגאָסען.

און זי האָט זיך ביי שרה׳ן געבעטען,
זי זאָל איהר פון פּרעה׳ס האַרעם רעטען.
אַ ריכטיגע ליידי איז געוועזן אונזער מוטער שרה
און אוים רחמנות האָט זי אויף זיך זעלבסט געבראַכט
אַ צרה...

שרה מאַכט חתונה הגר׳ן מיט אַברהם׳ען

און פערשטאַנען האָט ענדליך שרה די אדעלע פרוי,
די אורזאַכע די ריכטיגע פאַר וואָס זי טהוט אזוי.

זי האָט פערשטאַנען, די אמת׳ע ריכטיגע סבה
און האָט דערפיהלט אינסטינקטיוו די פייערדיגע ליעבע,
וואָס ברענט צו איהר מאַן, אין הגר׳ס הערצען
מיט פייערדיגע ליידען און שמערצען.

און וועלענדיג מיט גוטסקייט יענעם גליקליך מאַכען,
האָט זי בעטראַכט אַ פּלאַן, צו טאָן צוויי גוטע זאַכען.
און מיט איין מאָל, צוויי פּערזאָנען גליקליך צו מאַכען...
(„היינטיגע" מענשען מאַכט אַזאַ פּלאַן נאָר צום לאַכען.)

„הגר וועט געפינען, איהר גרויסען ליעבעם גליק,
„און אברהם זאָל קאָנען זעטיגען זיין בליק,
„אויף אַ געזונדעם קינד. דאָס איז קיין זינד!
„איך, שרה, האָב דאָך, סיי ווי סיי, קיין קינד!.."

און אויסגעפיהרט האָט שרה, איהר מאָדנעם פּלאַן
און חתונה געמאַכט הגר'ן מיט איהר מאַן.

הגר בעליידיגט שרה'ן

אָבער שפּעטער, אַזוי גיך און געשווינד,
ווי הגר האָט דערפיהלט, אברהמ'ס קינד,
אונטער איהר ליעבען אָנגעזעטיגטען הערצען,
האָט זי דאַן מיט שטאָ״ץ, פערשאַפט שרעקליכע שמערצען
צו אונזער נאָבעלער מוטער שרה.

אין איהר הארצען, האָט ערוואַכט די צרה,
פון שרעקליכע קנאָה, און פרויען-אײפערזוכט.
אויף אַזא אונגליק, האָט זי זיך גאָר ניט געריכט:
הגר האָט גאָר אין גאַנצען פערגעסען,
דאָס זי איז די דיענסט, ניט קיין פּרינצעסין...

ערוואַכט האָט אין איהר, דער גרוים עגיפּטישער שטאָלץ
און בעטראַכט האָט זי שרה'ן, ווי אַ דאַרען האָלץ,
ווי אַ דאַרען בוים, וואָס ער טראָגט ניט קיין פרוכט,
ווי אַן עקרה, וואָס איז פון גאָט פערפלוכט.
און זי האָט פערלאָרען, פאַר איהר עהרע-פורכט...

די טראַגעדיע פון ליעבע און קנאָה

נאָך דעם, ווען שרה האָט געהאַט אַ ווערטער שלאַכט,
מיט אברהמ'ען, האָט ער איהר געגעבען מאַכט.
און זעהענדיג, דאָס הגר קוקט אויף איהר פון אויבען אַראָפּ,
האָט שרה זי געפּייניגט און געשיקט איהר צוריק צום טאָפּ,
צום וואַשען און צום רייניגען, צום באַקען און צום קאָכען.
און אָפּט איהר, אויך אַביסעל די ביינער אונטערגעבראָכען.

און זעהענדיג, דאָס „איהר אברהם" וויל ניט זיין איהר רעטער,
איז הגר, מיט שמערץ, אַנטלאָפען צוריק, צו איהרע געטער,

צו איהרע אַמאָליגע בעגריפען פון עגיפּטען-לאַנד,
וואָס איז געווען פול מיט אונמאָראַליטעט, ווי פערד,
אָן שאַנד.

אָבער דורכגעהענדיג דורך דער מדבר, איינע אַליין,
האָט זי זיך פּלוצלום דערפיהלט איינזאַם, עלענד ווי אַ
שטיין,
און האָט מיט טרעהרען אויסגעשריהען: גאָט! וואו
זאָל איך געהן?!
זאָל איך שוין מעהר ניט זעהען מיין מאַן, אַזוי געטליך
שעהן?!

און הגר הערט אַ געטליכע מלאָך שטימע אין זיך:
„דו, געה צוריק צו דיין ווירטהין, שרה, געשווינד און גיך.
„לאָז זיך פּייניגען אונטער איהרע צאַרטע הענד!
„עס איז אַלץ ווערטה זיין מיט איהם, אַמאָל אין איין טענט,
און פאַרברייננגען מיט איהם, אונטער די זעלבע ווענט!

„ווען איך וועל האָבען מיין קינד, וועט דאָס זיין מיין
בעסטע נחמה,
„נאָר דאַן וועל איך האָבען אין שרה'ן מיין גרעסטע נקמה!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געקומען איז הגר צוריק, צו שרה'ן אין קיך.
און די שנאָה האָט זי בעהאַלטען, טיעף, טיעף, אין זיך...

דאָס איז אייפערזוכט! „שרעקליך ווי דער קבר, איז
קנאָה!"
„שטאַרק ווי דער טויט איז ליעבע, און אויך אייפער-
זוכט'ס שנאָה...
אויך פרויען, פון דעם שעהנסטען און גרעסטען אַדעל,
פערוואַנדלען זיך אין ווילדע ברואים, מיט טאַדעל...
און ווען אַ פרוי שוואַנגערט מיט אַ שנאָה, איז דאָס אַ זינד,
ווייל דאָס מוז זיך אָפּרופען שלעכט, אויף איהר ער-
וואַרטעט קינד!

דער פּאַטער פון אַראַביען

און געבאָרען איז געוואָרען דער פּאַטער פון ערב,
אַ האַלבער מענש, אַ גוטער־שלעכטער, אַ גלח׳ישער־רב,
אַ מענש, אַ פּרא־אָדם. אַ געבילדעטער־ווילדער,
אַ קלוגער נאַר, אַ פרומער גנב, אַ גזלן, אַ מילדער!
אַ צניעות׳דיגער נואף, אַ טיראַן, אַ כאַליף,
אַ „דערוויש", וואָס וואַנדערט אויף דעם קעמעל, —
מדבר׳ס שיף.
קאַראַוואַן־טרייבער, פון סהרה, ביז מדבר זיף.

אַ שטיק געטליכער אַברהם, און אַ שטיק שוואַרצער
ציגיינער,
אַ שטיק אַפריקאַנער אַזיאַט, אַ שאַך, אַ סולטאַן אַ פיינער.
דער זיידע פון מחמד, דער מערדער „פּראָפעט־מוללא",
וואָס גיסט בלוט ווי וואַסער, און שרייט: אַללאַ איל אַללאַ!

דאָס איז געווען דער פּאַטער פון יענע ווילדע מדבר קינדער,
וואָס וואַנדערען ווי נאָמאַדען, מיט זייערע שאָף און רינדער.
דאָס איז געווען דער פרא־אדם, אונזער פעטער ישמעאל,
וועמענס קינדער האָבען דורך דורשט דער שטיקט די
בני ישראל,
וועלכע זיינען, דורך זייער לאַנד, אין גלות געוואָרען
געטריעבען.
דאָס איז אויף די אַנאַלען פון אונזערע לעגענדען,
פערשריעבען.

דאָס איז געווען דער פּאַטער פון אַראַבער, עפענדים און
פעלאַכען,
וועלכע האָבען זיך אויסגעלערענט אויף אידען, פּאַגראַמען
צו מאַכען,

אַברהם איז געצוואונגען אַוועקשיקען זיין זוהן

אונזער מוטער שרה, איז ווידער יונג און פריש געוואָרען
און זי זעלבסט האָט, אויף דער עלטער, אַברהמ'ען געבאָרען
אַ זוהן, דער גוטער, דער פרומער, יצחק, וואָס איז געווען
זעהר שעהן,
און האָט געהאַט אַלע געזיכטס-ציגען, פון אברהמ'ען
אַליין.

יצחק, וואָס וואַר גרייט צו בעווייזען, מיט פאַקטען און
טהאַטען,
דאָס ער איז אויך גרייט, זיך לאָזען מקריב זיין פאַר
זיין טאַטען.
יצחק, וואַר דער ריכטיגער, גייסטיג'ער יורש פון זיין
טאַטען.

ווען שרה האָט געזעהען, דאָס ישמעאל לאַכט
און שפּאָסט פון יצחק און וויל איהם ווייזען זיין מאַכט,
און ווען די שלעכטע מענשען האָבען ווידער אַ בייז
לעבען געמאַכט,
זאָגענדיג, דאָס הגר זאָגט, אַז שרה האָט פון גאָס אַ קינד
געבראַכט,
ווען זי איז געקומען פון אַבימלך, אין דער פינסטערער
נאַכט,
דאַן האָט שרה געגען הגר, אַ קלאַגע אַ שרעקליכע
געמאַכט.

אברהם האָט דאָס געמוזט, מיט גרויס שמערץ, נעהמען
אין אַנבעטראַכט.
און שרה, האָט אין איהר מאַנ'ס לעבען, אַ טראַגעדיע
געמאַכט.
אויף איהר בעפעהל, וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין אַ
טאָן פון אַ ראַטה,
איז אברהם, דער גרויסער צדיק, בעגאַנגען אַ שרעקליכען
טהאַט.

אַ טהאַט וואָס איז אימער, ווי אַ שוואַרצער פלעק
פערבליבען,

אויף דער מענשליכער נאַטור; ווי עס איז פערשריבען,
אין דער הייליגער תורה, דאָס אברהם האָט געפאָלגט
שרה׳ס עצה,
און איז אויפגעשטאַנען פריה, און האָט ארויפגעלייגט
אויף הגר׳ס פּלייצע,
איהר קינד, זיין ישמעאל, און ביידען ארויסגעשיקט פון
הויז, —
און מיט אַ לאָגעל וואַסער איז ער געוואָרען פון זיי לויז.

הגר און ישמעאל אין דער מדבר

מיט ערנידריגטען שטאָלץ, פון ליעבע און פון האַס,
געלאָפען געשווינד,
איז זי, וואו די אויגען טראָגען איהר, ווי געטריעבען
פון אַ שטורם ווינד.
געלאָפען איז הגר, צו דער מדבר און פערבלאָנדזעט,
מיט איהר קינד..

אויסגעגאַנגען איז דאָס לעצטע שטיקעל ברויט און דאָס
וואַסער..
אונטער איינעם פון די קוסטען, ליעגט ישמעאל אַ בלאַסער
און ראַנגעלט זיך מיט דעם שרעקליך־גרויזאַמען טויט.
ער שטאַרבט פון הונגער, פון דורשט, נאָך וואַסער און
ברויט..
און זיין מוטער, זיצט פון ווייטענס און וואַרט אויף זיין
טויט.
די ברענענדיגע זאַמד פון דער מדבר, ברענט איהר הויט,
איהרע אויגען זיינען געשוואָלען, ווי פייער רויט.
דאָרט קלאָגט אַ מוטער: „איך וויל ניט זעהען מיין
קינד׳ס טויט!!!“

אין דער מדבר, הערט זיך אַ שרעקליכער יאָמער־געוויין:
„איז דאָס מיין בעלוינונג, פאַר מיין ליעבע, זויבער און
ריין?!“

„גאָטעניו! וואָס האָב איך שלעכטעס געטהון? וואָס
איז מיין זינד?!"
"פאַר וואָס מוז איך זעהען דעם שרעקליכען טויט פון
מיין קינד?!
מעכטיג איז, אפילו אין דער מדבר, אַ מוטער'ס געוויין;
עס ברעכט דאָס האַרץ, פון שלאַנגען, שאַקאַלען, פון
פעלזען און שטיין...
ניט אויסגעהאַלטען דאָס געוויין, האָט כביכול, גאָט,
אַליין...

און גיך אַ קוק טהוענדיג אויף ישמעאל'ס פנים, דער
בלאַסער,
האָט גאָט הגר'ס אויגען געעפענט, און איהר געוויזען
וואַסער;
אַ קוואַל מיט פרישעס וואַסער, וואָס האָט געפּליעסקט
זאָ זיס
ווי האָניג, אין אַ גרינעם, פרוכטבאַרען אָאַזיס...

און ווי אַ פייל פון בויגען, איז זי געלאָפען געשווינד
און מיט דעם פרישען וואַסער, האָט זי געראַטעוועט איהר
קינד.

און שטעהענדיג אַזוי, ביי דעם וואַסער, טרויעריג, בלאַס,
האָט זי געשוואָרען, צו שרה'ס קינדער, אייביגען האַס:

הגר'ס שבועה פון נקמה

„איך שווער, ביי דיעזען אָאַזיס און ריינעם וואַסער קוואַל,
„דאָס איך וועל ערציהען מיין קינד, לויט נמרוד'ס אידעאַל!
„און זאָל אברהמ'ס זוהן זיין, ווי נמרוד, אויך אַ בויגען-
שיסער...
„זאָל ער אויך ווערען אַ ווילדער יעגער, אַ גרויסער בלוט-
פערגיעסער!...

„אויב אברהם, דער צדיק, קאָן אויך זיין אזוי שלעכט...
„דאַן גיבט עס גאָר ניט אויף דער וועלט, קיין יושר,
קיין רעכט!..."

„אויב ער האָט געקאָנט זיין זוהן און זיין ווייב ארויס־
טרייבען פון זיין הויז,
„זאָל ער ווערען אַ מדבר־יונג, פון ציוויליזירטען לעבען
לויז !..

„דאָס וועט זיין מיין גרעסטע, ביטערסטע נקמה,
„ווען איך וועל איינפלאַנצען אין מיין קינד'ס נשמה
„ליעבע צו נמרוד'ס דרכים און „אידעאל" !

„איך שווער, ביי דיעזען וואסער, פון דיעזען קוואַל
„דאָס מיט ביטערע שנאָה, ביטער ווי גאַל,
„וועל איך ערציהען מיין קינד, געגען די קינדער פון שרה,
„און ווען נאָר, ער וועט קאָנען איהרע קינדער טהון אַ צרה,
„זאָל ער דאָס, מיט פיעל אכזריות, גערנע טהאָן,
„און אימער קעמפפען, געגען דער אידישער פאָהן..."

און זיין מוטער האָט, פון מצרים, פאַר איהם גענומען
אַ פרוי,
האַלב איד, האַלב ציגיינער, איז ישמעאל געוואָרען
אַזוי.

גאָט איז מדקדק מיט די צדיקים

גערעכט איז גאָט, און זיין שטראָף און משפט איז
גערעכט
ער בעצאָהלט אויך דעם גוטען, ווען ער טהוט אַמאָל
שלעכט.
און אונזער הייליגע מוטער שרה,
האָט טהייער בעצאָהלט פאַר דיעזער צרה.

הגר'ס קינדער האָבען אויפגענומען, גלות אידען, מיט
הערינג, מיט באָרשט,
און מיט אַלעס געזאַלצענעס, און האָבען זיי, נאָך דעם,
געטויטעט מיט דאָרשט,

און זי, אונזער מוטער שרה, אַליין, האָט אַ שרעקליכען
שטראָף ערוואָרבען.
דענקענדיג, דאָס איהר יצחק איז שוין געקוילעט, איז זי
פון שרעק, געשטאָרבען.

גאָט איז מדקדק מיט די צדיקים כחוט השערה,
גאָט האָט אויך מדקדק געווען מיט דער צדקת, שרה.
און אונזער גאָט, דער גוטער,
האָט בעשטראָפט אונזער מוטער.

דערלעבט האָט הגר, די מצרית, די גרויסע ווענדעטאַ,
די נקמה.
צו הונדערט זיבען און צוואַנציג יאָהר, איז שרה׳ס היי-
ליגע נשמה,
אַוועק אין הימעלס גן-עדן, אַ שעהנע, אַ ריינע, אָן זינד,
מיט דעם שרעקליכען געדאַנק, דאָס מען האָט מקריב
געווען איהר קינד...

פון דער עקדה איז אברהם געקומען, געקלאָגט און
געוויינט,
אויף זיין גרויסען פערלוסט. און ער האָט מיט בלומען
בעציהרט און בעשיינט,
שרה׳ס קבר, אין דער הייל „מכפלה“, אין דער הייליגער
הייל;
און אַלע מענשען, האָבען אין איהר לויה, גענומען אַן
טהייל...

אברהם נעהמט צוריק אויף הגר׳ן, אום צו רעטען ישמעאל׳ס נשמה

שפעטער האָט אברהם גענומען בעטראַכטען די זינד,
וואָס ער איז בעגאַנגען, געגען זיין קעבס-ווייב און זיין
קינד,
און הערענדיג, דאָס ישמעאל וואַנדערט אין מדבר, און
דיענט געטער,

האָט ער באַשלאָסען, צו ווערען אליין זיין קינד'ס
נשמה-רעטער.

און ער האָט, מיט הגר, ווידער געשלאָסען אַ בונד פון
פריעדען,
אום צו מאַכען זיין זוהן ישמעאליקען, פאַר אַ שטיקעל
אידען...
אנשטאט אַ מצרי, תלמיד פון נמרוד, און ישמעאל זיין
קינד,
האָט מיט אַן אמת תשובה געטהון, אויף דער עלטער,
אויף זיינע זינד...

אברהם האָט איהם געגעבען פיעל מתנות, שעפּסען
און רינדער.
מיט קטורה, אינקאָגניטאָ, הגר, האָט ער וויעדער געהאַט
קינדער...
און ער איז געשטאָרבען, זאַט מיט יאָהרען און זעהר
צופריעדען.
דאָס ער האָט פון ישמעאליקען, דאָך געמאַכט „אַ
שטיקעל אידען"...

ישמעאל און יצחק האָבען, לעבען שרה'ן, אברהמ'ען
בעגראָבען.
ניט געשעהמט, האָט זיך יצחק, אַ בעל-תשובה אַלס
ברודער צו האָבען...
במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים
עומדים!
בחורבות ירושלים, יהודים רק מתפללים ולומדים...
ועל משמר מערת המכפלה, אדום וישמעאל עומדים....

ניו בעדפאָרד, אפּריל 26, 1923 — התרפ"ג.

דער ערשטער גלות-איד

וועגען יצחק, קאָן איך ניט זינגען קיין ליעד,
ווייל ער איז געווען, דער ערשטער גלות-איד.
יאָ, אַ גלות-איד, אַבוואָהל זעהר אַ רייכער,

(אויך אבימלך איז ניט געווען זיין גלייכער)
דאָך האָט ער זיך אַנגעליטען מיט צרות, מיט שאַנד,
ווייל ער איז געווען אַ פרעמדער, עברי, אָן אַ לאַנד...

אויפגענומען פריינדליך, צוליעב זיין פרוי,
האָט איהם אבימלך דער „צדיק-גוי"...
אָבער אַרויסגעשיקט געוואָרען, מיט שנאָה,
איז ער, צוליעב זיין רייכטהום און צוליעב קנאָה...

אבימלך צום ערשטען גלות-איד

„דו, איד, ביזט שוין זעהר רייך,
„קיינער איז מיט דיר ניט גלייך,
„און דו ווערסט פאַר אונז אַ שרעק.
„פרעמדער, געה פון אונז אַוועק!"

רוקט זיך יצחק, מיט זיין פאַמיליע, ווייטער,
און געהט און בעזעצט זיך שוין אין גרר'ס אַ טאָהל,
געהן פלשתים, באַרג אַראָפּ, נאָך איהם, מיט אַ מאָהל
און זאָגען איהם: געה זיך, יצחק, געה זיך ווייטער!..
מיר מוזען האָבען לאַנד פאַר אונזערע רייטער!

געהט זיך יצחק ווייטער, און אַ ברונען גראָבט ער אויס,
שרייען די פלשתים: געה זיך, געה זיך, ווידער אַרויס!...
די וואַסער איז פרישע, גוטע, קאַלטע, פיינע,
אָבער די לאַנד, פון דיין ברונען, איז ניט דיינע!..
אונזער וואַסער, איז דאָס וואַסער פון אונזער לאַנד!..

— — — — — — — — — — — — — — — —

און יצחק מוז געהן, מיט וועהטאָג, מיט שאַנד...

רבקה אַ פּרעכטיגע שעהנע בלום

רבקה, אַ פּרעכטיגע, שעהנע בלום,
צווישען דערנער, אַרום און אַרום.
אַ גאַסט-פריינדליכע, ליעבעס קינד,
צווישען מענשען, פול מיט זינד.

בתואל, דער רשע, ו'אָס וואר איהר טאַטע,
האָט געהאַט אַ ווערדע, ווי אַ שמאַטע,
ביי זיינע קינדער, רייכע און זאַטע.
ניט ער — נאָר לבן, איז געווען „טאַטע"...

שלעכט זיינען געווען די מענשען פון אָרט
און פאַלש איז געווען זייער יעדעס וואָרט.

לבן, וואָס האָט גערעדט, גלאַט ווי פוטער,
פאַר זיינע אַלטע פּאָטער און מוטער,
גלאַטע חניפה־רייד, מיט פיעל ליגען.
וואר אַ מאַן, וואָס וויל נאָר עפּעס קריגען...

אַ מאַן, וואָס וויל נאָר נעהמען און גאָר ניט געבען,
ביי ווענען עס איז שווער צו מאַכען אַ לעבען.
און אַזאַ מאַן, איז דאָס געווען איהר ברודער,
ער האָט דאָס געפיזערט איהר משפחה'ס רודער...

און דאָך איז אַזאַ שעהנע, גוטע בלום,
געבאָרען געוואָרען דאָרט אין אַ רום.
און ווען אַלע זיינען געווען אַזוי שלעכט,
האָט זי זעלבסט, געליעבט דעם אמת און דאָס רעכט...

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

רבקה כאַפּט אַריין אַ חתן פון וואַסער...

און ווען אליעזר, אברהמ'ס קנעכט,
איז דאָרט געקומען, זוכען אַ כלה
פאַר זיין הערר יצחק, און געזעהן אַלע
מיידלאַך, פון יענעם אָרט,
ביי חרן'ס ברונען, דאָרט,
אין יענעם היסטאָרישען פאַרנאַכט,
האָט ער אַזאַ סימן דאָרט געמאַכט:

איך וועל די מיידלאַך, חרן'ס טעכטער, בעטען,
זיי זאָלען, מיר און מיינע קעמלען, רעטען
פון דורשט, מיט וואַסער פון דיעזען וואַסער־קוואַל,

ווייל די יענע מיידעל, וואָס איז גוט בכלל,
איז דאָך זיכער, מיין הערר יצחק׳ס אידעאַל.

און די, וואָס וועט אונז געבען וואַסער אַביסעל,
וועט זיכער אויך געבען אורחים, פולע שיסעל,
מיט עסען און טרינקען, ביי אברהם׳ען אין הויז.
אַזאַ קינד, וועט ביי אברהמ׳ען זיין זעהר גרויס...

ענטזאָגט האָבען איהם, חרן׳ס טעכטער,
טעכטער פון פויערים און פעכטער,
אויך טעכטער פון בעלי־בתים, פיינע לייט,
ענטשולדיגענדיג זיך, דאָס זיי האָבען קיין צייט.

ווען רבקה איז נאָר אָנגעקומען,
האָט זי גלייך איהו' קרוג אַראָפּגענומען
און איהם געגעבען טרונקען, מיט פריינדליכע ווערטער,
און אויך אויסגעשטראָפּט חרן׳ס שענדליכע טעכטער.

זאָגענדיג, דאָס עס איז געווים גאָר ניט רעכט
צו זיין, אפילו צו אַ פרעמדען, זאָ שלעכט.
מיר מוזען זיין גוט צו אַלע מענשען.
דערפאַר וועט גאָט אונז אַלעמען בענשען...

פערשעהמט, אַראָפּגעלאָזט האָבען די מיידלאך, מיט שאַנד,
זייערע אויגען, ווען אונזער מוטער רבקה׳ס האַנד
האָט פאר די קעמלען געשעפּט וואַסער מיט פרייד.
און, אוי! ווי עס האָט געטהון זיי, זעהר לייד,
ווען זיי האָבען דערזעהען, דעם גאָלדענעם נאָזבאַנד..
און די צוויי גאָלדענע בראַסלעטען, אויף רבקה׳ס האַנד..

פערשעהמטע, מיט זייערע אויגען אַראָפּגעלאָזען,
זיינען זיי אַוועק אהיים, אויף זיך זעלבסט, אָנגעבלאָזען...
ווייל רבקה, אַ שיינענדע, פרעהליכער פון אַלע,
איז, מיט מזל, געוואָרען אַ גליקליכע כלה...
מקנא געווען איהר, האָבען חרנ׳ס טעכטער אַלע..

מוצש"ק, אפריל 28, 1923.

צום גייסט פון יעקב׳ן

דו ביזט דער ערשטער בעשאַפען געוואָרען.
און דער ערשטער, אויך צו ווערען געבאָרען,
געוואָלט האָסט דו; נאָר עשו, האָט גע׳גזל׳ט, דיין בכורה,
ווען דו האָסט זיך פערטראַכט, וועגען דער לעהרע פון
תורה,
וואָס דו האָסט געהערט, פון דעם געצעלט „שם ועבר“.
פון תורה איז שוואַך געוואָרען דיין יעדער אבר,
ווען דיין מוטער איז דורכגעגאַנגען זייער געצעלט,
און דיין ברודער, עשו, איז געקומען אויף דער וועלט,
אביסעל פריהער פאַר דיר..
דו האָסט פאַרלאָרען דיין מאַכט,
ווייל דו האָסט זיך גאָר פערטראַכט
וועגען אַ געטליכען שיר..

און ווען עשו האָט שוין געמאַכט פאָרטשריט,
האָסטו איהם ערשט דאַן, געכאַפּט ביי זיין טריט...
אָבער ער איז שוין געהאַט געווען געבאָרען..
דו, ביזט נאָר אַ שרייער, אַ נגזל געוואָרען!..

געהאַט האָסטו צרות, אַ גאַנצען ים,
גערופען האָט מען דיר „עהרליכער תם“...
געזעסען ביזטו, אין אָרימע געצעלטען
און עשו׳ן איז געווען קאַרג גאַנצע וועלטען..

בעזיעגט האָט ער, די לבנון צעדער-וועלדער
און שפּעטער נמרוד׳ן און דעם חורי׳ס פעלדער.
עשו איז געוועזן, ביי זיך, אַ גאַנצער ספּאָרט,
ווען דו, יעקב, ביזט געזעסען אויף איין אָרט!...

דיין ברודער איז געוואָרען, ערגער ווי אַ שלעכטער שכן,
און אַ וויטער ברודער.. ווען דו האָסט נאָר גענומען קאָכען
לינזען, איז ער געקומען צו דיר, מיט זיין בכורה
און האָט זי דיר פערקויפט... ווי עס שטעהט אין דער
תורה...

צום גייסט פון עשו'ן

עשו, עשו! פאַלש איז דיין בכורה,
גענאַרט האָסטו דיין פאָטער, מיט „דין תורה“.
געזאָגט האָסטו, צו דיין פאָטער אַזוי:
„טאַטע, ווי גיבט מען מעשר פון שטרוי?...

איך גיב דאָך אוועק צדקה פון אַלץ,
טאַטע, ווי גיבט מען מעשר פון זאַלץ?“...

פערשאַפט האָסטו דיין מוטער, פיעל צער,
ווען דיין פאָטער האָט דיר גאָר פאַר אַ האַר,
געוואָלט מאַכען, איבער יעקב'ן דיין ברודער.
דו האָסט אָבער געמאַכט אַ גרויסען גערודער,
ווען יעקב, דיין ברודער, האָט „אויסגענאַרט“
די ברכה, נאָך וועלכע ער האָט געגאַרט...

געקומען איז דאָס דאָך איהם, על פי דין תורה,
ווייל דו, עשו, האָסט דאָך איהם פערקויפט דיין בכורה...
אויב דו ביזט פריהער געבאָרען געוואָרען,
איז ער דאָך פריהער בעשאַפען געוואָרען...

דו, עשו, גרויסער בלוט פערגיעסער און קריעגער,
האָסט געהאַסט צו זעהען יעקב'ן אַלס זיעגער,
איבער דיר; דו האָסט איהם גערופען „בעטריעגער“.

דו האָסט געהאַסט יעקב'ן, ערגער ווי יצחק'ן ישמעאל...
ווייל ער איז געוואָרען אַ נייער יעקב, אַ ישראל...
אַ געטליכער פּרינץ, אַ גרויסער קעמפּפער, אַ הערשער,
אַ זיעגער...
אַ ריכטיגער ישראל, ניט אַ „יעקב“, אַ „בעטריעגער“...
ער האָט צוגענומען, דאָס וואָס בעלאַנגט צו איהם אליין,
ווייל די בכורה און די ברכה פון טאַטען, מיט גרויס חן,
האָט געפּאַסט פאַר קיינעם נאָר פאַר יעקב'ן אַליין...

אַז ער איז בעשאַפען געוואָרען פאַר דיר, ערליך און ריין,
מיט אַ העכערער נשמה, דאָס האָט געוואוסט גאָט אַליין...

רחל בעגעגענט איהר געליעבטען

ניט ווייט פון סיריענס שעהנע וועלדער,
צווישען חרנ׳ס שעהנסטע, גרינע פעלדער,
טרייבט איהרע שעפסען, א יונגע מיידעל,
אין אן איינפאכען, לייוועגטען קליידעל.

ליעב און זים איז זי; שעהן ווי די לבנה, קלאהר ווי די זון;
א פאסטושקע איז זי, ווייל איהר פאטער האט נאך ניט
קיין זוהן;
און זי טרייבט דאס די שאף צום ברונען מיט וואסער,
פאר איהר פאטער, לבן, דער ווייסער, דער בלאסער...

זי איז אונשולדיג, זויבער און ריין פון זינד;
אבוואהל, זי איז א שלעכטען טאטע׳ס א קינד...
זי פיטערט די שעפסען, און מעלקט די בהמה,
זי העלפט אויך דעם יתום, אדער די יתומה.

יעצט געהט זי געבען א העלפענדע האנד,
צו די מענער, פאסטוכער, פון איהר לאנד,
אראפצואווארפען פון דעם ברונען דעם גרויסען שטיין.
העלפען קומט זי, גראציעז, מיט דעם זיבעטען חן...

ווי איבערראשט איז די מיידעל געווארען דאן,
ווען זי האט דערזעהען, א „פרעמדען" יונגען מאן,
שטעהט און קוקט, פערוואונדערט און בעגייסטערט,
און זיינע רייד קלינגען, ווי א געטליכער שיר...

אן קיינע אנשטרענגונג, איינער אליין,
האט דער מאן אראפגעקייקעלט דעם שטיין...
און ער האט זיך פערנייגט, פאר איהר מיט חן
און גענומען איהר קושען מיט געוויין...

דאס איז געווען א מאן, מיט א שארפען מח,
אבער אויך א מאן, מיט א ריעזיגען כח...
פערליעבט האבען זיך ביידע, מיט לעבען און לייב,
שפעטער איז רחל געווארען יעקב׳ס ווייב...

ניו בעדפארד, מאסס.

לבן הרשע אַלס עמיגראַנטען פריינד...

„געקומען איז אַ זוהן, פון מיין שוועסטער.
„דאָס איז און וועט זיין, מיין גליק, דער גרעסטער.
„ער קומט פון אידען, וואָס האָבען פיעל געלט...
„איך וועל שוין האָבען אַ גליקליכע וועלט!..
„איך לויף איהם בריינגען, גיך, אין מיין געצעלט!...

„איך געדענק נאָך אליעזר׳ס רייכען געשטאַלט..
„ער איז רייך, מ׳מען דאַרף זיך צו איהם ניט ווייזען קאַלט..."

ווען ער האָט בעמערקט, דאָס ער האָט קיין זאַך,
האָט ער מיט דער האַנד, געגעבען אַ מאַך,
פערצווייפעלט.. און מיט גרוים שאַנד
האָט ער גערעדט צו דער וואַנד:

„ער איז אַ איד, דאָך איז ער גאָר ניט רייך...
„ער איז אָבער אַ מענש, ניט מיט מיר גלייך...
„און איך וועל איהם מאַכען אַרבייטען שווער,
„און אויך וועל איך, ביי איהם ווערען זיין שווער..

„איך וועל איהם אויך געבען עפּעס פאַרדיענען..
„אָבער איך וועל נאָר זיך זעלבסט האָבען אין זינען...
„איך וועל איהם מאַכען, פאַר "אַסיסטענט ליוטענאַנט"
„און איהם דערמאָנען, אַז ער איז אַן עמיגראַנט..

„איך וועל איהם נאָר צוואוואַרפען אַ דאַרען ביין.
„זיין בעצאָהלטעם געהאַלט, וועט זיין זעהר קליין...
„ער וועט פיטערען מיינע שעפּסען און פיהרען מיין בויד...
„און איך וועל איהם דערפאַר געבען לאַה׳ן, מיין
אַלטע מויד...

„איך וועל איהם געבען, מיין עלטערע מיידעל,
„מיט אַ דינסט און מיט אַן איינפאַכע קליידעל...
„און אויב יעקב וועט נאָר וועלען די שעהנע,
„רחל, די יונגע, מיט די אויגען, די ריינע,
„וועל איך איהם, דאַן, זיך לאָזען פּאָרען
„פאַר פירצעהן שווערע, אַרבייטס-יאָהרען..."

ניו בעדפאָרד, מאסס.

אונזער מוטער לאה

ווער קאן דאס פערשטעהן, א פרוי'ס שמערצען ?
ווער ווייסט דעם פייער, אין איהר הערצען,
וואס ברענט מיט אייפערזוכט, ווי א העליש פייער ?
מיט אייפערזוכט, געגען אלעס, וואס אונז איז ליעב
און טהייער ?
אייפערזוכט, געגען א שוועסטער —
דאס איז אן אונגליק, דער גרעסטער !
אן אמת'ע צרה, אין זעעלע און לייב,
איז צו וויסען, דאס מיין שוועסטער איז ליעב אלס ווייב,
צו מיין הארץ־געליעבטען, צו מיין אייגענעם מאן.
אט אזעלכע שרעקליכע שמערצען האבען דאן,
נעביך, דורכגעלעבט אונזערע צוויי מוטערס, הייליגע !
זייערע וועהטאגען, זיינען געוועזן אונצעהליגע !

דער מאן האט זיך בעשעפטיגט מיט לבנ'ס שאף און
רינדער
און די ווייבער האבען קאנקורירט מיט האבען קינדער.
צו פערמעהרען די מענשהייט, האבען זיי שטארק
געהאט לוסט.
פון געבורט־קאנטראל, ווייזט אויס, האבען זיי נאך ניט
געוואוסט...
און געוואונען האט דעם קינדער־רייס, לאה, מיט די
ווייכע
אויגען ! זי, די מיאוס'ע, אפגעצעהרטע, לאה, די בלייכע !

פון טרעהרען זיינען איהרע אויגען, ווייך און נאס ;
איהרע גליעדער ציטערען, איהר פנים איז בלאס,
פון דעם אונבעהאלפענעם צארן און כעס.
ווען זי לויפט און געהט, אלע מאל, ארוים אין גאס
און זי זעהט, מיט איהרע געשוואלענע, פערוויינטע אויגען,
ווי יעקב לויפט, מיט זיין אייזעל, ווי א פייל פון בויגען,
און פערפאהרט זיך, נאר צו רחל'ס געצעלט.
פערפינסטערט ווערט איהר דאן, איהר גאנצע וועלט...

און רחל איז שעהן, פעהיג צו פיטערען שאָף און רינדער,
אָבער דערפאַר גיט גאָט לאה׳ן גאַנצע זיעבען קינדער...
ווייל מיט איהר ראובנ׳ס דודאים — „קינדער-בלומען",
קויפט זי אָפּט אָפּ פון איהר שוועסטער איהר מאַנס קומען...

בלהה און זלפה, די צוויי פרינצעסינס

די צוויי איינפאַכע דיענסטען, אָרימע מיידלאַך,
אָנגעטהון אין פּראָסטע, לייוועמטענע קליידלאַך,
שטאַמען גאָר פון אַ פּרינצען-פאַמיליע, מיט הויכע ראַנגען,
גאָר אין אַ וויטע, מזרח-מלחמה, האָט מען זיי געפאַנגען,
און מען האָט געמאַכט פון זיי דיענסטען און אַמען,
אָבוואָהל זיי דאַרפען גאָר זיין נאָבעלע דאַמען,
לויט זייער אָפּשטאַמונג, פון וואַנען זיי שטאַמען.

דאָך, צופריעדען זיינען זיי געווען אין דער הויז
פון לבן, און יעדע האָט געבליהט ווי אַ רויז,
פון גוטער באַהאַנדלונג, פון רחל און לאה,
וואָס האָבען זיי גאָר קיינמאָל ניט געזאָגט קיין דעה,
וואָס זיי זאָלען טהון מאָרגען, און וואָס היינט,
ווייל זיי האָבען זיי בעהאַנדעלט ווי פריינט.
(גאָר ניט מעשה דיענסטען, וואָס זיינען „ליידים" היינט...)

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען „דיענסטען-ליידים" שטאַרבען, זאָג איך: „עליהן הקנאָבעל"!...
אָבער אונזערע מוטערס זיינען געווען אמת נאָבעל,
און האָבען מיט דיענסטען געטהיילט זיך אין ליידען
און האָבען זיי אויך ניט פערגעסען אין פריידען.

רחל און לאה, אפילו אויך דאַן,
ווען זיי האָבען קאָנקורירט וועגען מאַן,
אין דער קנאָה, אייפערזוכט, דער גרעסטער,
וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישען שוועסטער,
האָבען ביידע, אין זייערע ליידען,
זיך געטהיילט מיט די „דיענסטען" אין פריידען.

ליעב און טהייער, איז זיי געווען יעדער שפּאַן
פון יעקב, זייער היים געליעבטער מאַן.
דאָך האָבעןביידע שוועסטער בעשלאָסען דאַן,
צו געבען די דיענסטען, אויך אַ שטיקעל מאַן,
ווייל די דינסטעז האָבען געליעבט זייער מאַן...

דינה בת יעקב

(לכבוד חותנתי היקרה, הרבנית המהללה, העניע ביילע גינצבורג ת')

זי וואַר אַ ביסעל נייגיעריג און לייכטזיניג,
איז געשענדעט געוואָרען, פון זוהן פון קעניג
חמור, דער וואָס האָט געהאַט אַן אייזעל'ס שכל...
און האָט ניט פערשטאַנען, אַ שפּאַס און אַ שמייכעל,
פון אַ שעהנע, יונגע מיידעל, ווי עס וואַר אונזער דינה,
אַדעל און אַנציהענד, ניט קיין פּעטע און ניט קיין דינע...

זי וואַר אַ יצאָנית, פּונקט ווי איהר מוטער.
זי פּלעגט ארוים און פּלאַפּלען, גלאַט ווי פּוטער,
גלאַטינקע רייד, מיט די טעכטער פון דעם לאַנד.
און דאָס האָט אויף איהר געבראַכט אונגליק און שאַנד.

זי וואַר אַ „בת יעקב", שעהן, ווי איהר פאָטער.
און דער פּרינץ האָט זי געפאַנגען, ווי אַ טאָטער.
ווי אַ גזלן, אַ ווילדער, אין אַ וואַלד,
איז ער איהר בעפאַלען, מיט צוואַנג, מיט גוואַלד.
שענדליך געפּייניגט, האָט ער איהר, מיט שאַנד.
ער וואַר דאָס שכם, דער פּרינץ פון חוי לאַנד.

ש כ ם:

„אַלם פּרינץ, מעג איך דאָך טהון אַלעס, וואָס מיין הארץ גלוסט!
„איך קאָן זיך אַנזעטיגען, מיט מיין גאַנצען לוסט,
„איבער דיעזער אונבעשיצטער, אידיש מיידעל.
„איך וועל אויף איהר צורייסען איהר זיידען קליידעל!

„און ווער קאָן זי רעטען, מיט מאַכט, פון מיין האַנד,
„ווען איך האַלט זי פערשלאָסען, אונטער דער וואַנד,
„פון דעם גרויסען פעסטונג, שכם׳ס מויער,
„מיט דעם שטאַרקען, אייזערנעם טויער?...

„אַלעס וואָס איך וויל טהון, מיט איהר שעהן און צאַרט
לייב,
„קאָן איך דאָך טהון, מיט דיעזער טאָכטער פון דעם
טרייב
„פון נאָמאַדען, פאַסטוכער, פון שעפסען און רינדער,
„טרייב פון די עברים, יעקב מיט זיינע קינדער...

„זיי וויסען דאָך, זיכער, ווער איך בין?!
„געגען מיר, איז קיין דיין, קיין דין!
„וואָס קאָנען טהון מענשען, אָן א לאַנד,
„ווען מען ברענגט, שענדליך, אויף זיי א שאַנד?!

„זיי בעזיצען דאָך ניט, אפילו, אָן אייגענע וואַנד!
„ערשט ניט לאַנג האָבען זיי, די עברים, געקויפט א
פלאַץ לאַנד,
„פון מיין פאָטער, אונטער׳ן שטאָדט, פאַר זייערע רינדער...
„נו, איז וואָס, האָב איך מורא, פאַר אַזעלכע מענשען-
קינדער?"

דינה קעמפּפט פאַר איהר עהרע

אָבער, ווען עס איז אַוועק די ערשטע נאַכט,
האָט ער זיך איבערצייגט, דאָס ער האָט נאָר מאַכט,
איבער איהר קערפּער, דעם צאַרטען און שעהנעם;
אָבער, איבער איהר געוויסען, דעם ריינעם,
און איבער איהר שטאָלציז הויכע נשמה
האָט ער, זיכער, ניט געהאַט קיין מאַכט.
זי האָט געשוואוירען שרעקליכע נקמה.
און זי האָט געקעמפּפט א גאַנצע נאַכט...

זי, אַ בת יעקב, וואָס גלויבט אין דעם בורא,
האָט, ווי אַ טיגעריין, געקעמפּפט פאַר איהר עהרע.
און ווען ער האָט אויף איהר די קליידער געריסען,
האָט זי איהם, מיט די ציין, זיינע הענד געביסען,
און מיט איהרע נעגעל, זיין פּנים צוריסען...

און ענדליך, ווען ביי דעם מאָרגענס. ערשטע זונען שטראַהלען,
איז זי אַ בעזיעגטע, אַ פערמאַטערטע, געפאַלען,
בעגאָסען מיט איהר בלוט און מיט איהר קאַלטען שוויים,
האָט זי שוין ניט געפיהלט דעם קוש, ווי פייער הייס,
אָפּגעפּרעסט אויף איהרע ליפּען, אויף איהר אַלבאַסטער שטערען.
זי האָט שוין דאַן, גאַר אויפגעהערט פיהלען, זעהען און הערען
דעם לוסט פון דער חיה אין מענשען געשטאַלט;
ווייל זי איז געלעגען אונבעוועגליך, קאַלט...

זי איז דאַן אויך געווען רייצענד און געטליך שעהן.
איהר נשמה איז געווען אונבעפלעקט און ריין.

שכם וויל אויך דינה׳ס נשמה

ווען די מענשליכע חיה האָט איהר בעזיעגט,
דאַן האָט זיין שטיקעל געוויסען זיך צוקריעגט
מיט דעם קליינעם פּרינץ פון חוי לאַנד.
און ער האָט דערפיהלט די גרויסע שאַנד,
פון זיין שמוציגען און שרעקליכען טהאַט.
און געזוכט האָט ער אַן עצה, אַ ראַטה,
ווי אַזוי צו פאַנגען איהר הויכע נשמה,
זי זאָל איהם ליעבען, מיט געפיהל, אָן נקמה...

אויסגעפונען האָט דאַן,
יענער שמוציגער מאַן,
נאָך דעם, ווי ער האָט דאָס בעטראַכט,

דאָס פּרינצען האָבען נאָר מאַכט,
איבער דעם גוף פון אַ מענשען.
אַ פּרינץ קאָן צווינגען צו בענשען
איהם „מי שברך", מיט די ליפּען,
ווייל ער קאָן צובּרעכען די ריפּען...

אָבער, ער קאָן זיכער ניט פאַנגען,
מיט אַלע זיינע גרויסע ראַנגען,
אַ מיידעל'ס נאָבעלע נשמה,
וואָס דורשט און גאַרט שטאַרק נאָך נקמה...

יעצט, נאָך זיין בעפרידעגען זיין שמוציגען לוסט,
האָט זיך, דעם אונמענשליכען ברוט, שכם, אויך פערגלוסט
צו האָבען די גרויסע נחמה
און אויך בעזיצען איהר נשמה...

און ווען זי, דינה, איז געקומען צו זיך,
האָט ער זיך געוואָרפען אויף די קניה גיך,
און ער, שכם, האָט איהר געבעטען,
מיט האַרציגע ליעבע גלעטען,
מיט געוויין, דאָס זי זאָל איהם פערגעבען,
ווייל אָן איהר, איז זיין לעבען, קיין לעבען...

ער וועט ביי איהר פאָטער בעטען איהר האַנד
און ער וועט זיכער גוט מאַכען די שאַנד...
ער האָט געבעטען, זי זאָל אַלעס פערגעסען,
ווייל ער וועט איהר מאַכען, אַלס ווייב און פּרינצעסין...

דינה'ס ענטפער

דינה'ן האָבען דיעזע ווערטער דערקוויקט די נשמה,
זי האָט געזעהען אַ וועג, צו אַ שנעלער נקמה...
פון שמעון און לוי'ס אַ שוועסטער,
אַן אַנטוואָרט, אַ שטאָלצער, דער גרעסטער,
איז געקומען אויף דיעזע טייוולישע רייד,
מיט אָפענע לייד און בעהאַלטענע פרייד:

„מען קאָן דאָך, ביי דיר דאָ, אַרוים פון די כלים !
„איך זאָל נעהמען, אַ חתן פון די ערלים ? !
„דו זאָגסט, אַז דו וועסט מיר ערשט מאַכען, פאַר אַ
פּרינצעסין
„אָבער, איך וויל, דו זאָלסט, גערדיינקען און ניט פערגעסען,
„דאָס איך בין דאָך, פון געבורט, אַן אמת'ע פּרינצעסין . . .
„קעניגליכע בלוט אין זיך האָבען מיר ביידע,
„אברהם, קעניג פון דמשק, וואַר מיין זיידע !
„און ער איז געווען דער ערשטער זיך מל זיין ;
„דערום, אויב דו ווילסט אין אַ שמועס אריין,

„מיט מיין פאָטער און מיינע ברידער,
„זאָג איך דיר און וואַרנע דיר ווידער,
„דאָס זיי וועלען ניט איינשטימיג זיין,
„מיט דיר, סיידען דו וועסט זיך מל זיין...
„דו מוזט זיך מל זיין", מוז איך דיר זאָגען ווידער
"און דו מוזט ריידען, מיט מיין פאָטער און ברידער.
„אַ שדוך וועל איך קיינמאָל ניט שליסען אַליין",
געענדיגט האָט דינה מיט אַ שרעקליך געוויין...

ש כ ם :

דו ביזט קלוג ווי שעהן, ניט וויין, מיין זיסער מלאך,
ניט וויין !
איך וועל שיקען, אַלס שדכן, חמור, דעם קעניג אליין !

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

קעניג און פּרינץ זיינען געקומען בעטען דינה'ס האַנד,
אָן בושה, פון דעם מאַן, וואס וואַר אַ גר אין זייער לאַנד...

יעקב וואַרט אויף זיינע קינדער

בענוצט האָט זיך יעקב, אימער מיט זיין פערשטאַנד,
מעהר ווי מיט זיין גבורה און זיין מעכטיגער האַנד ;
די האַנד, וואָס האָט געקאָנט דעם שווערסטען גרויסען
שטיין
פון חרנ'ס ברונען אַראָפּוואַרפען, איינער אַליין...

און האָט לבנ׳ען בעזיעגט, נאָר מיט זיין לאָגישען, קאַלטען שכל.
און עשו׳ן בעזיעגט האָט ער מיט אַ מתנה, מיט אַ שמייכעל.
אנשטאט צו זיין אַ גראָבער קולאַק־העלד, אַן איינפאַכער סאָלדאַט,
האָט יעקב, אימער אויסגעקליבען די ראָללע פון אַ דיפלאָמאַט...
זייענדיג אליין... האָט ער בעשלאָסען, זיך ניט צוקריעגען.
די קינדער זיינען געווען אין פעלד... און ער האָט געשוויגען...

דער אונגליקליכער פאָטער האָט געפיהלט ביטער,
זיין טאָכטערס שמערץ, ווי מען שמייסט איהם מיט ריטער,
איבער זיין לייב איז אַריבער אַ ציטער,
וואָס האָט אויפגעטרייסעלט אַללע זיינע אַלטע גליעדער.
און געשוויעגען האָט ער און געוואַרט אויף
דינה׳ס ברידער...
און ער האָט געליטען, דערוויל, שטיל, ווי אַ העלד,
ביז וואַנען זיי זיינען געקומען פון דעם פעלד...

יעקב׳ס קינדער פערשטעהן זיין בליק

און ווען די מענשען זיינען אָנגעקומען מיט טרויער
און פון זייערע ברענענדע אויגען, אויף שכם׳ס טויער,
האָבען פונקען פון טויטליכען פייער געשפריצט,
און האָס ווי דער טויט האָט פון די אויגען געבליצט,
מיט פייער פון נקמה, פאַר זייער שוועסטערס עהרע,
אום צו נעהמען שרעקליכע ראַכע, אַן שרעק, אַן מורא...
האָבען זיי, צו זייער גרויסען גליק,
בעמערקט דעם קלוגען פאָטערס בליק,
וואָס זאָגט: „קינדער! האַלט זיך נאָך צוריק!
„לוי! דיין כעס אין דיר, יעצט, דערשטיק!
„קינדער! מאַכט ניט קיין נאַרישע שטיק!
„שטעהט יעצט רוהיג אויף אַן אָרט!
„וואויגען מוז מען יעדעס וואָרט!
„פאַרזיכטיג, מיט הייסען פייער, וואָס בריהט!
„מאַכט ניט קיין איבעראיילטען שריט!!!“

יעקבֿ׳ס קינדער פּאַלגען דעם טאַטען

עס האָט זיי שטאַרק פערדראָסען,
דאָך, האָבען זיי בעשלאָסען,
איינצוהאַלטען די בייזע טהאַטען
און פּאָלגען, דערווײילע, דעם טאַטען,
און ניט זיין אַזוי שרעקליך ווילד.
זיי זיינען גאָר געוואָרען מילד.
טיעף, אין זייער ביטער הערצען,
האָבען זיי געליטען שמערצען,
און האָבען דאָך ניט געשטערט,
די רייד האָבען זיי געהערט,
וואָס חמור האָט צו זאָגען,
אָן געוויין און אָן קלאָגען...
זיי האָבען געליטען פיעל,
טיעף, טיעף, ביי זיך, אין דער שטיל...
דער געפיהל פון נעהמען נקמה —
דאָס וואַר די איינציגע נחמה...
דער וואונש, דער גרעסטער,
(פאַר זייער שוועסטער,
די אונגליקליכע, די שוואַכע,)
איז געווען, צו נעהמען ראַכע...
צו נעהמען ראַכע פאַר זייער שוועסטערס אונשולד —
דאָס האָט זיי געמאַכט וואַרטען און האָבען געדולד,
אויסצוהערען חמור׳ס נאַרישע רייד
און פאַרשטעלען זיך, פאַר מענשען, מיט פרייד...
וואָס זיינען ווי שעפּסען מילד
און ניט ווי די לייבען ווילד.
און האָבען זיך ניט געוואָרפען זיי צורייסען
לעבעדיגערהייד אין שטיקער; און זיי בייסען,
מיט זייערע ציין,
ביז דעם לעצטען ביין...
נאָר זיי זיינען געבליעבען שטעהן אויף זייערע ערטער
און אויסגעהערט, מיט געדולד, חמור׳ס נאַרישע ווערטער.

חמור רעדט צו יעקב׳ס קינדער

„איך, דער קעניג חמור, זעלבסטהערשער פון דיעזען לאַנד,
„בין זעלבסט געקומען (צוליעב אַ וויכטיגען אומשטאַנד,)
„צו בעטען פון פרעמדע, וואָס האָבען ניט קיין לאַנד,
„זיי זאָלען געבען מיין זוהן, זייער טאָכטערס האַנד.

„דאָס בין איך, חמור אליין! גיט אַ בליק!
„זאָגט אַליין, איז דאָס ניט פאַר אייך קיין גליק?
„איהר וועט זיך מעגען זיצען אויף אייערע ערטער
„און מיר וועלען אייך אויך געבען אונזערע טעכטער...
„און אייערע טעכטער וועלען מיר נעהמען פאַר אונזערע קינדער...
„און איהר וועט זיך ביי אונז פיטערען אייערע שעפסען און רינדער...

„איהר וועט שוין מעהר ניט דאַרפען וואַנדלען.
„איהר וועט שוין אויך מעגען מיט אונז האַנדלען:
„נאָדלען, שפילקעס, וואַקס, פלאַקס, ראַזינקאַלאַך מיט מאַנדלען...
„מיר וועלען אייך, פרעמדע, נאָר מיט חסד בעהאַנדלען...

„שכם, מיין זוהן, האָט אַ הארץ וואָס איז זעהר פערטריעבט.
„ער האָט זיך אין אייער טאָכטער שטערבליך פערליעבט.
„ער איז מיר זעהר טהייער, טהייער ווי מיין לייב.
„איך בעט אייך: זייט גוט און גיט זי איהם פאַר אַ ווייב„...

יעקב׳ס קינדער צו חמור:

הער אונז אויס, נשיא חמור, אונזער האַר!
עס פערשאַפט אונז ליידען און פיעל צער,
דיר צו זאָגען, דאָס אָבוואָהל דו האָסט רעכט,
דאָך, איז דער פאָרשלאַג דיינער זעהר שלעכט...
דער שדוך, מיט דיין זוהן, איז גאָר ניט גלייך,
ניט וויל דו ביזט הערשער, מעכטיג און רייך;
ניט וויל דו האָסט שוין אַ לאַנד

און מיר האָבען נאָר די שאַנד,
צו זיין קינדער אָן א לאַנד
און אָן א קעניג. אָ, ניין, הערשער, ניין!
אונזער יחוס איז זעהר גרוים און שעהן!
אברהם וואַר דער בעזיעגער
פון נמרוד, דעם גרויסען קריעגער.
און פיעל מעכטיגע האררען,
האָט ער געמאַכט צום נאַררען.
אין דמשק האָט ער געקעניגט איבער פּרינצען, מיט פּראַכט און גלאַנץ.
מיט פּרינצען, ענר, אשכול, ממרא, האָט ער געהאַט אַן אַליאַנץ;
מעכטיגע קעניגע האָט אברהם בעזיעגט,
ווען ער האָט זיך, פאַר גערעכטיגקייט, אָפּגעקריעגט,
פאַר פיעלע שטאַרקע, מעכטיגע נאַציאָנען...
וואָס זיי האָבען צוטרעמפּעלט זייערע פאָהנען.
און בעגעגענט האָבען איהם פיעלע מלכים,
און איהם אויפגענומען מיט גרויסע שבחים.
ער האָט צושטערט דעם גלויבען אין פינסטערע גלחים
און געלערענט האָט ער מענשען, געטליכע דרכים.
און ער וואַר דאָך אונזער פאָטערס זיידע...
קעניגליכע בלוט פליעסט אין אייך, ביידע;
אָבער, דאָך איז דיעזער שדוך ניט גלייך,
ווייל אונזערע תנאים וועלען אייך
זיכער, זעהר גאָר ניט געפעהליג זיין,
ווייל איהר וועט דאָך ניט וועלען זיך מל זיין...

יעקב׳ס קינדער ערקלעהרען שכם מצות מילה

אונזער זיידען האָט גאָט
געגעבען א געבאָט,
דאָס יעדער זכר זאָל זיך מל זיין
און צייכענען, מיט בלוט, אין פלייש אריין,
א געטליכען און הייליגען צייכען,
אום מיר זאָלע שטרעבען צו דערגרייכען

צו דער מדרגה פון זיין גאָטעס קינדער,
וואָס זיינען זיך מקריב פאַר גאָט, ווי רינדער
און ווי שעפּסען, וואָס מען גיסט זייער הייליג בלוט
אַלס קרבנות פאַר דער מענשהייט, און דאָך זיין גוט...
און קינדער זאָלען מיר לערנען אַללעס מקריב צו זיין
פאַר געטליכע אידעאַלען, און זיין איידעל און פיין...
דערום, אויב איהר זייט גרויסע קעמפּפער, מוזט איהר זיך
מל זיין!

נעהמען מיט אונזער אייגענע האַנד
אַ חתן, אַן ערל, איז אַ שאַנד,
פאַר אונזער שוועסטער און משפחה;
דערום קאָנען מיר ניט די ברכה
געבען, צום אַדעלען פּרינץ פון לאַנד.
און קאָנען איהם ניט געבען די האַנד
פון אונזער ליעבע שוועסטער;
מעג זיך שכם זיין דער גרעסטער
פּרינץ און דיין קינד, דער בעסטער.
סיידען דו אליין און ער,
פּרינץ שכם און נשיא חמור,
מיט דיין פאָלק און סאָלדאַטען,
הערען און דיפּלאָמאַטען,
און יעדער זכר פון דיין
לאַנד וועלען זיך מל'ע זיין...
דאַן וועלען מיר בלייבען אין לאַנד
און געבען שכם'ען דינה'ס האַנד...

מיר וועלען ווערען איין פאָלק, פון לויטער גרויסע מענשען.
אַלע פעלקער וועלען זיך מיט אונזער ראַסע בענשען,
ווייל עס וועט ארויסקומען אַ שעהנע ראַסע מענשען...
אַלע וועלען אונז און אייך מקנא זיין,
אָבער איהר מוזט בעשטעהן, זיך מל'ע צו זיין...

און אויב איהר, חמור און שכם, וועט ניט זיין וויליג —
איז אייער קעניגליכער יחום גאַנץ ביליג
ביי אונז, ווייל אברהם וואַר דער קעניג, דער גרעסטער

און צוליעב זיין מצוה, וועלען מיר אונזער שוועסטער
צונעהמען און אַוועק פון דיעזען לאַנד,
ווייל מיר קאָנען ניט דולדען אַזאַ שאַנד,
ווי מיט אַן ערל, אונזער שוועסטער, חתונה מאַכען,
ווייל אונזערע פיינד וועלען פון אונז שפּאָטען און לאַכען...

שכמ'ס אנטוואָרט:

אוי, ווי איך, שכם, פערשטעה נאָך ניט די וועלט!
און איך האָב אַלץ געמיינט, אַז נאָר דאָס געלט,
איז דער איינציגער פערלאַנג פון יעדען אידען!
יעצט זעה איך, אַז זיי זיינען מענשען פון פריעדען!...

אַדעלע מענשען, ביי וועמען דאָס וואָרט פון גאָט
איז זעהר טהייער, און זיי היטען זיין געבאָט!
געוויס וועל איך דאָס גערען טהון! אין מיין פלייש אריין
וועל איך איינשניידען דעם צייכען! איך וועל זיך מל זיין!

און דער בחור, שכם, האָט ניט געוואַרט ביז שפּעט...
און האָט זיך מל געווען, מיט אַ גרויס געבעט
צו זיין פאָטער, צו געהן וואָס גיכער אין שטאָדט אריין,
און איבעררעדען אַלעמען זיך מל'ע זיין...

און די נאַרישע מענשען פון יענע ערטער
האָבען צוגעהערט צו חמור'ס און שכמ'ס ווערטער...
און האָבען זיך באַנארישט זעהר גוט
און האָבען זיך געלאָזט שניידען ביז בלוט,
ניט ווייל זיי זיינען געוואָרען אידען, פיין און איידעל,
נאָר, איינפאַך, צוליעב אַ קאַפּריז פון אַ שעהנער מיידעל"...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

די נקמה אין שכם

און עס געקומען דער דריטער, קראַנקער טאָג...
ווען זיי האָבען דערפיהלט דעם שמערצליכען וועהטאָג...
איז געוואָרען אין שכם אַ יאָמער און אַ קלאָג...

אַזוי ווי די שדים, געקומען פון אונטער דער ערד,
זיינען אַרומגעלאָפען צוויי מענשען מיט'ן שווערד...
ווי צוויי שרעקליכע געטער פון נקמה, מלאכי חבלה,
זיינען שמעון און לוי ארומגעשפּרונגען אין דער בהלה
און האָבען געשניטען, געקוילעט, לינקס און רעכט
און ניט געמאַכט קיין אונטערשיעד פון גוט ביז שלעכט...
אָפּגעהאַקטע מענשען-קעפּ, געזעהען האָט מען פליהען,
און זיי האָבען, מיט אַ קול פון נקמה, געשריען:
„דאָס נעהמען מיר יעצט די שרעקליכע ראַכע,
„פאַר פייניגען אונזער שוועסטער, די שוואַכע!
„מיר זיינען געקומען אין אייער שטאָדט'ס טויער,
„צו מאַכען איהם וויסט און אָנפּיללען מיט טרויער...

טויטען וועלען מיר דאָ יעדען מאַן!
גאַנץ וועט ניט בלייבען פון שכם קיין שפּאַן!
פאַר אונזער גאָט! פאַר אונזער בורא!
מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא!

מיר ווילען ביי אייך קיין זאַך ניט באַרגען און לייען;
מיר זיינען געקוממען אונזער שוועסטער בעפרייען!
מיר זיינען ניט געקוממען אום ווערען דאָ רייך;
מיר וויללען מאַכען פון שכם אַ בלוטיגען טייך!

אָבער מיר וועלען ניט שלאַכטען אייערע פרויען און
קינדער!
אונזערע ברידער וועלען זיי נעהמען מיט אייערע
רינדער!...

מיר זיינען מענשען מיט אַ הויכער נשמה.
אין אונז ברענט דער גרויסער פייער פון נקמה!
פאַר אונזער גאָט! פאַר אונזער בורא!
מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא!!!

שמעון און לוי אין קאַמפּף

אַט זיינען מיר שוין אין פּאַלאַץ פון חמור!
אַט איז דער גזלן, שכם אליין, אַט איז ער!!

הערט אוים! איהר זייט דאָך מעכטיג און רייך...
מיר וועלען אייך געבען אַ קאַמפּף גלייך,
נאָר אַ גלייכען קאַמפּף, פון מענש צו מענש אליין.
איהר האָט זיך דאָך מל געוועזן איינער אליין,
ניט מיט אייער גאַנצער מאַססע,
ניט מיט אייער גאַנצער ראַסע.
און איהר זייט דאָך שוין יעצט מעהר ניט קראַנק,
איהר זייט דאָך שוין אויפגעשטאַנען לאַנג.
פייגלינגע! שטעהט אויף יעצט פון דער ערד!
דאָ האָט איהר פון אונז, יעדער אַ שווערד,
און קעמפפט פאַר עהרע יעדער איינער,
מיט ברידער פון דינה׳ן, דער ריינער!

געכאַפּט האָסטו, שכם, אַ מיידעל אין פעלד,
קאָנסטו אָבער אויך קעמפּפען, ווי אַ העלד?!
דו, חמור, דער אייזעל, וואָס האָט וויינינגער שכל פון
רינדער,
און האָסט אַזוי ערצויגען דיין זוהן — קאָנסטו קעמפּפען
מיט קינדער
פון ישראל, דער גרויסער פּרינץ פון גאָט,
וואָס לעבט זיך פריעדליך און היט גאָט׳ס געבאָט?!

קעמפּפט, ווי מיר, אָן מורא, קעמפּפען, פאַר אונזער בורא,
ווייל מיר נעהמען ראַכע, פאַר אונזער שוועסטער׳ס עהרע!
פאַר אונזער גאָט! פאַר אונזער בורא!
מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און געפאַלען זיינען שכם און חמור צו דער ערד,
דערשלאָגען, צושטאָכען, פון שמעון און לוי׳ס שווערד...
אַ טייך מיט בלוט איז געוואָרען פון שכם׳ס בלוטיגע ערד...
אַללעס איז פערוויסטעט געוואָרען פון נקמה׳ס שווערד...

אַ ברודער הייראַטה מיט זיין שוועסטער

ענטזאַגט האָט זיך דינה פון הויז אַרוים;
איהר וועהטאָג און שאַנדע וואַר זעהר גרויס.
זי האָט שוין ערוואַרט, אַ קינד זאָל ווערען געבאָרען...
און זי האָט זיך שוין געפיהלט אויף אייביג פערלאָרען...
אָבער, צו חתונה ז'האָבען מיט איהר, האָט שמעון גע־
שוואָרען...
און אַזוי זיינען ברודער און שוועסטער מאַן און ווייב
געוואָרען...

יעקב בייזערט זיך אויף שמעון און לוי

ווען יעקב האָט געהערט פון דיעזער נקמה,
איז איהם כמעט ארויסגעפאַללען די נשמה.
אַ ציטער איז איהם אַריבער אויף אַללע גליעדער,
און ער האָט געטענה'עט צו דינה'ס ביידע ברידער:
„שמעון און לוי! איהר האָט מיר אונגליקליך געמאַכט!
איהר האָט אָפּגעטהון אַ שרעקליכע זאַך, ניט בעטראַכט!
איהר האָט אויסגעקוילעט אַזוי פיעל מענשען!
פאַר אַזאַ טהאַט, וועל איך אייך שוין ניט בענשען!

אַ פלוך אויף אייער ווילדען, שרעקליכען כעס!
ווי רוצחים, האָט איהר אַ גאַנצע שטאָדט געמאַכט נאַס,
ווי עשו'ס, מערדער, מיט בלוט און מיט טרעהרען!
ניטאָ יעצט ווער עס זאָל די פרויען ערנעהרען!

ווי רויבער, האָט איהר צוגענומען די רינדער;
געפאַנגען האָט איהר שוואַכע פרויען און קינדער...

פאַר דעם שרעקליכען טהאַט, פערליערט איהר מיין
ברכה, מיין בענשען!
צושפרייט זאָלט איהר ווערען ביי אידען, אַלס קהל'שע
מענשען!!!
מיר זיינען דאָך אין גאַנצען מעהר ניט, ווי געצעהלטע
מענשען;

און ווען דער כנעני און דער פריזי וועלען דאָס הערען,
וועט מיט אונז זעהר אַ שרעקליכע מלחמה ווערען.
מיר מעגען זיך אויף גרויסע מלחמות און צרות ריכטען.
פאַר דעם פערניכטען דעם חוי, וועלען זיי אונז פער־ניכטען...

יעקב הייסט זיינע קינדער זיין גרייט צום קאַמפף

די מלחמה וועט זיין פאַר אונז זעהר גרויס.
זיי וועלען פערטיליגען מיר מיט מיין הויז...
אוי, שלעכטע קינדער! ווי שלעכט איהר האָט מיר געמאַכט!
אוי, ווי איהר האָט אָפּגעטהון אַללעס ניט בעטראַכט!
קינדער, אַלע, בעט גאָט פאַר אייער נשמה...
גרייט זיך אַלע, צום גרויסען קאַמפף פון נקמה...
לאָמיר אויף גיך פערלאָזען דיעזע בלוטיגע שכם׳ס ערד!
טהוט יעדער אָן, ווי איך אַליין, זיין בויגען און זיין שווערד!!!"

די בני יעקב ענטפערען זייער פאָטער

הארציגער פאָטער! מיר זיינען גרייט צום קאַמפף, מיט אונזער האַנד!
מיר וועלען איממער נעהמען נקמה, פאַר אַ שוועסטער׳ס שאַנד!...
און מיר וועלען דעם שונא ישראל צודריקען צום וואַנד!

בזכות פון דיין חכמה און געבעט, דיין שווערד און בויגען,
וועלען מיר דעם שונא בעזיעגען, פאַר דיינע אויגען!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און גאָט האָט
אַ געבאָט
געגעבען צום מלאך פון שרעק,
אומצופליהען אין יעדען עק

פון דעם לאנד, און ווארפען אַ שרעק.
און קיינער האָט ניט געוואגט זיך יאָגען
נאָך יעקב׳ס קינדער, אום זיי פּלאָגען
און צו שטעלען זיך מיט זיי צו שלאָגען...
ווייל דער בורא
האָט מיט עהרע
פערטהיידיגט יעקב׳ן מיט זיינע קינדער
און פרויען, מיט די שעפּסען און מיט די רינדער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

געהערט האָבען זיך קלאַנגען
פון הללויה, געטליכע געזאַנגען:
„מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא,
„נאָר פאַר אונזער גאָט, אונזער בורא!!"

תחת האלה

(אונטער דער לינדען)

אונטער דער לינדען, שטעהט יעקב און שרייט:
„מאַכט זיך אַללע, מיינע קינדער, גרייט צום שטרייט!
„מאַכט זיך, אַלע, ריין!
„אַללע זעהט אוים שעהן!"

אייערע קליידער פערבייט
און קוקט אוים ווי פיינע לייט!
זייט אַללע מוטהיג און גרוים!
ווייל מיר געהן באַלד אַרוים,
פון סוכות, נאָך גאָטעס הויז,
נאָך בית־אל; דערום ראַמט אוים
פון אייך יעדען פון די פרעמדע, פאַלשע געטער,
וואָס איינינע פון אייך האַלטען אַלם רעטער!

בריינגט מיר גלייך

בריינגט מיר גלייך אַללע אייערע בילדער און תרפים.
ווייל מיר געהען צום אָרט פון מלאָכים און שרפים,
צום הייליגען אָרט פון קדושה, חכמה, בינה,
דאָרט, וואו איך האָב, אין חלום, געזעהען די שכינה,
מיט דעם מלאָכים-לייטער, וואָס גרייכט פון ערד ביז הימעל,
ווען אויף דעם באַרג מוריה האָב איך געכאַפּט אַ דרימעל!...

לאָמיר דעם גאָט פון ישראל שטאַרק בעטען,
דאָס ער זאָל די מעשה פון שכם פערגלעטען,
און פון אונזערע פיינט זאָל ער אונז רעטען!...

צו אונזערע ליידען זאָל שוין נעהמען אַן עק,
און באַלד זאָל פאַלען אויף די כנענים אַ שרעק!
זיי זאָלען די גאַנצע זאַך גאָר איגנאָרירען
און זיי זאָלען אונז יעצט גאָר ניט אַטאַקירען!...

אָבער, דאָך מוזען מיר אויך זיין גרייט צו מלחמה!
און דערום, טהוט תשובה מיט אַ ריינער נשמה!

בריינגט מיר גיך, אַללע אייערע פאַלשע געטער...
און געדענקט, דאָס גאָט אַליין איז אונזער רעטער!!!

אַללע האָבען די געטער, אונטער דער לינדען-בוים געבראַכט.
דאָרט האָט זיי יעקב בעגראָבען, אין אַ פינסטערער נאַכט...

דבורה׳ס קבר

(„אלון בכות")

אונטער דעם דעמב פון געוויין, איינזאַם,
ליעגט אין איהר קבר, די נוירס-אַם
פון רבקה׳ן, דבורה, די בראַווע,
דבורה, די גוטע בת חוה.

זי, די גוטע פרוי, אָן זינד,
האָט געליעבט רבקה'ן, פונקט ווי אַ קינד.
רבקה איז געווען איהר גאַנצע נחמה;
זי האָט איהר געליעבט מיט האַרץ, מיט נשמה...

מיט אַ נשמה, ווי גאָלד, לויטער, ריין,
האָט דיעזע פרוי געדייזט איינע אַליין.
נאָך פדן־ארם, מיט מוטה, פול אַזוי,
געגאַנגען איז דיעזע אַלטיטשקע פרוי!...

געשיקט האָט איהר רבקה, פאַר איהר זוהן, לבנ'ען בעטען,
און פון לבנ'ס פאַלשע טובות, אין צייט, איהם צו רעטען...
געגאַנגען איז זי אין אַ שליחות אַ גוטער,
אום צו ברייגען אַ קינד, צוריק צו זיין מוטער...

און קומענדיג צום שעהנעם טייך,
וואָס פליעסט זיך, זאָ רוהיג און גלייך,
האָט זי בעגעגענט יעקב'ס קנעכט.
זיי האָבען איהר בעהאַנדעלט מיט רעכט
און מיט יושר, און געפרעגט זי:
צי זי איז ניט פון דעם פריזי?...
פון וואַנען און וואוהין געהט זי?...

— „איך בין אַ פרוי פון פריעדען,
„פון די עברים, די אידען...
„וואָס וואָהנען ניט אין הייזער פון ליים.
„איך געה ברייגען יעקל'ען אַהיים..."

פריידע און טרויער

געפרעהט האָט זיך יעקב מיט איהר,
און איהר קול האָט געקלונגען ווי דער שיר
פון די הייליגע מלאָכים אין הימעל.
אין זיין געצעלט האָט זי געכאַפּט אַ דרימעל,
נאָך דעם, ווי זי האָט אָפּגעגעבען דעם גרוס פון זיין מוטער.
און זיסע מוטער־טרוימען, געטרוימט האָט דער זוהן,
דער גוטער...

און דבורה, די אַלטע, האָט געדאַנקט גאָט,
וואָס זי האָט אויסגעפיהרט רבקה׳ס געבאָט,
און זי איז מיט איהם געגאַנגען צוריק, מיט פרייד...
אָבער יעקב׳ס פרייד איז געוואָרען צו לייד,
ווען אין מיטען וועג האָט די אַלטע דבורה,
די געטרייע, נאָבעלע פרוי פון עהרע,
דערפיהלט, אַז איהרע קרעפטען געהן אוים.
און זי האָט ניט דערגרייכט ביז רבקה׳ס הויז...
און אָפּגעגעבען האָט זי צו גאָט איהר נשמה, זויבער
און ריין.
און אין די געצעלטען פון יעקב איז געוואָרען אַ געוויין.

בעטראכטענדיג דבורה׳ן, די צדקת, די אַלטע,
וועלכע איז שוין געלעגען אַ טויטע, אַ קאַלטע,
האָבען זיך אַללע גלייך באַלד אָפּגעשטעלט,
און אויפגעשטעלט האָט יעדער זיין געצעלט...
אין יעקב׳ן האָט געציטערט יעדער אבר,
פון ביטערען געוויין, ווען ער האָט דעם קבר
אַליין געגראָבען, פאַר איהר, אונטער אַ בוים,
און דאָרט איז געוואָרען איהר אייביגע היים.

דער קבר פון דבורה, שטעהט איינער אַליין,
מיט דער נאָבעלער פרוי, אונשולדיג און ריין...
גערופען האָבען זיי איהם: „דעמב פון געוויין“.

דבורה׳ס און רחל׳ס קברים

איידער יעקב איז צו זיין היים געקומען,
האָט ער פערזעהט די ליעבסטע און שעהנסטע בלומען,
אין דער ערד, אויף דעם וועג; קומענדיג פון פדן,
איז אויך רחל, לעבען אפרת, געשטאָרבען דאָן...
ער האָט אין וועג בעגראָבען צווי פרויען-בלומען,
וואָס זייער נאָמען, איז בעסער פון פערפיומען:
דבורה און רחל,ביידע זעלטענע בלומען,
האָבען שוין, ליידער, ניט זוכה געווען צו קוממען

און לעבעדיג זיך זעהען מיט דער שעהנער קוויט,
מיט דער ליעבער רבקה'ן, און בליהען אויף איין בייט,
פון בלומען, אום ווידער אויפלעבען צוזאַמען,
די אַם, די שוויגער, די שנור, אַדעלע דאַמען...

בעגראָבען האָט מען שוין דאַן רבקה'ן, צוזאַמען
מיט שרה'ן, און אויך מיט חוה'ן, אונזער מאַמען,
אין דער מערת-המכפלה, אין חברון דאָרט,
אויף יענעם גרויסען בית-עולם, דאָס הייליג אָרט.

דאָס אָרט פון פאַטערס, מוטערס, הייליגע קברים.
אָבער מעגען דיעזע צוויי קברים, זיין אָרים
און עלענד, דאָך זיינען זיי הייליג, ווי ספרים!

אויף רחל'ס קבר רוהט די שכינה מיט עהרע,
און אויף דבורה'ס קבר רוהט כבוד מיט מורא,
אַזוי ווי די קדושה פון אַ ספר תורה...

רחל'ס קבר

און יעדעס מאָל, ווען עס קומט האַלבע נאַכט,
געהט רחל ארויס פון קבר, פערטראַכט,
ווי אַ נאַכט-וואַנדלערין, מיט טרעהרען פיעל,
געהט זי לאַנגזאַם, צום ירדן, אין דער שטיל...

מיט אַמאָהל כאַפּט זיך רחל אויף פון איהר דרימּמעל
און אַ יאָמער געשריי שפּאַלט דעם העכסטען הימּמעל.
דאָס יאָמערט, וויינט און קלאָגט, מיט אַ ביטער געוויין,
אַ זעלטענע, שעהנע פרוי, מיט געטליכען חן...

דאָס וויינט אַ טרייע מוטער, אויף איהרע קינדער: —
„גאָטעניו! די שרעקליכע שמערצען, מאַך לינדער,
„פון מיינע אונגליקליכע, אָרימע קינדער!

„געשטאָרבען בין איך, מיט גרויסע שמערצען, אָן זינד,
„ווען איך האָב געבאָרען מיין בן-אוני, מיין קינד!

„בעגראָבען געוואָרען בין איך איינע אליין,
„אויפן וועג פון בית־לחם, עלענד ווי אַ שטיין!
„און ווען איך האָב דערהערט דאָס שרעקליכע געוויין
„פון מיינע געיאָגטע קינדער, אין מיין קבר,
„דאַן האָט אין מיר אויפגעציטערט יעדער אבר...

„פון די שרעקליכע געשרייען, בין איך ארויס
„פון מיין קבר, און געזעהען: דער בראָך וואַר גרויס
„ווי דער ים! צושטערט איז געוואָרען גאָטעס הויז!
„מיינע קינדער צובלוטיגט, געשמידט אין קייטען!
„ירמיהו הנביא, געהט זיי בעגלייטען,
„און קלאַפּט אויף מיין קבר, מיט זיין גרויסען שטעקען,
„און שרייט: „שטעה אויף פון דיין שלאָף! אין אַללע עקען.

„פון דער וועלט, ווערען דיינע קינדער, מיט גרויס שאַנד,
„געטריעבען פון דעם שונא, מיט מעכטיגער האַנד,
„דורך דיין קבר, אויפן וועג אין גלות אריין,
„אום אַן אונגליקליכעס פאָלק אָן אַ לאַנד צו זיין!
„שטעה אויף פון דיין שלאָף, הייליגע, ליעבע מוטער!
„העלף מיר שרייען צו גאָט, ווייל ער איז אַ גוטער!"
„זינט דאַן, האָב איך קיין רוה, אין מיין אייביגען רוה,
„וואו זיינען מיינע קינדער, וואו זיינען זיי, וואו?!"

און אין טיעפען ירדן

און אין טיעפען ירדן פאַלט אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר,
עס הערט זיך אַ קרעכץ נאָך אַ קרעכץ, אָן אַן אויפהער,
אַ יאָמערליכער, שרעקליכער קלאָג און געוויין,
וואָס עס ציטערט אויף דעם כביכול אַליין...

דער יאָמער פון הארץ־ברעכענדעס, מוטערס געוויין,
קאָן שפּאַלטען אפילו פעלזען און שטאַרקסטען שטיין!

און דער מעכטיגער, אונזער ליעבער גאָט אַליין,
שטילט אונזער מוטער רחל׳ס געוויין:

„רחל! איך גיב דיר מיין צוזאָג, מיין הבטחה,
„אַז דיינע קינדער וועל איך געבען די ברכה!
„און זיי וועלען פערגעסען זייער גלות שאַנד,
„ווייל איך, שדי, אליין, מיט מיין מעכטיגער האַנד.
וועל, זיכער, זיי ברייננגען צוריק, צו זייער לאַנד!!!"

די שבטים און די אָבות

מכירת יוסף

די שבטים, פאַטערס פון די אידען,
האָבען שוין אויך ניט געלעבט אין פריעדען.
זיי האָבען אַליין געשאַפען שטורמס און בורעס,
אין זייער פאַמיליען לעבען; גלות, צרות
און גרויסע אונגליקען, האָבען זיי געבראַכט אויף
פאַטער און קינדער
און געמוזט נאָך מצרים קומען, זיי מיט זייערע רינדער
און שעפסען, מיט אַלע זייערע פיה און גרויסע סטאַדעס,
אום צו לעבען, אויף פרעמדען באָדען, אַ לעבען אַ זאַטעס...

*

פון אונזער מוטער רחל זיינען צוויי יתומים געבליעבען,
יוסף און בנימין, — אַזוי איז אין דער ביבעל פערשריבען.
האָבען זיי איינעם פון דיעזע ליעבע, גוטע, קינדער,
יוסף'ן, געוואָלט טויטען, ווי אַ קרבן פון רינדער.

ראובן, דער עלטסטער, האָט דאָך זיי ניט געלאָזט זיין
אַזוי שלעכט.
ער האָט געפרעגט: וואו איז רחמנות? וואו איז יושר
און רעכט?...
און נעהמענדיג די זאַך צוגליעדערען און בעטראַכטען,
האָבען זיי בעשלאָסען, איהם ניט מיט די הענד צו
שלאַכטען,
נאָר נאַקעט און לעבעדיג אריינוואַרפען אין אַ גרוב,
צו שטאַרבען

דאָרט פון הונגער, און מיט ציגען-בלוט זיין ויידען
העמדעל אָפּפאַרבען.
און קוים מיט צרות האָבען זיי, ענדליך, בעטראַכט פאַר
רעכט,
דאָס עס איז בעסער איהם גאָר צו פערקויפען פאַר אַ
קנעכט.

גראָדע האָט זיך אַזוי געמאַכט, דאַן.
דאָס אַן אַראַבישער קאַראַוואַן,
מיט שקלאַפען-הענדלער, זיינען דאָרט אָנגעקוממען
און זיי האָבען איהם פון גרוב ארויסגענוממען
און פאַר אַ קנעכט האָבען זיי איהם צוגענומען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

*

און הונדערטער יאָהרען גלות, מיט יסורים, אוי!
האָבען אונזערע טאַטעס אויף אונז געבראַכט, אַזוי!
איינגעהאַנדעלט האָבען זיי די ווילדע מציאה...
פאַר צוואַנציג טאָלער, ערוואָרבען די גלות-בריאה...

פיעלייכט איז דאָס געווען אַן אָנפאַנג פון מחלוקת קרח,
מחלוקת, וואָס האָט, אפשר, איהר אָנפאַנג אורשפּרונג
פון תרח.

דער גאָט-זוכער פערליערט זיין היים

צוליעב אַחדות הבורא, דער גרויסער אידעאַל,
האָט אברהם פערבראָכען, געגען דעם גוטען כלל,
פון כבוד-אָב און רואינירט זיין אַלטען טאַטען,
געשפּאָסט פון זיינע געטער און צושטערט זיין זאַטען
און זיין צופריעדענעם לעבען, פון אַ מאַן וואָס גיעסט
אין זיך ויין פון נסכים, אַלס צופריעדענער פּריעסט...
און צובראָכען דעם אויטאָריטעט פון פאָטער, מיט זיינע
געטער,
צוליעב דעם גרויסען אידעאַל פון זיין גאָט, זיין איינציגער
רעטער.
אנשטאט בלייבען זיצען רוהיג, און געניעסען פון זיין געלט,

האָט ער, צוליעב עולם הבא, געוואַנדערט מיט זיין געצעלט
און האָט זיך געלאָזט געהן איבער דער ברייטער און
גרויסער וועלט.
און איז זיך געוואָרען אַ גייסטיגער ארומטרייבער,
ווי אַ היינטיגער רב, אַ לעהרער, אָדער אַ שרייבער...
וואָס היינט איז ער דאָ, און מאָרגען איז ער שוין דאָרט,
ווייל מען לאָזט איהם ניט בלייבען רוהיג, אויף איין אָרט.
און ער קאָן שוין זעלבסט ניט רוהען, און פיהרען אַ
רוהיגען לעבען
פון אַ געלאַסענעם בעל הבית, צוליעב זיין שטרעבען
צו העכערע וועלטען, מיט הויכע געדאַנקען,
ווייל ער וויל ניט חנפ׳נען, און וויל ניט דאַנקען
קליינע מענשעלאַך, וואָס האָבען אין די באַנקען,
אויף זייער רעכנונג, גרויסע סוממען פון גלאַנציגען מעטאַל,
און ווילען, צוליעב דעם, טרעטען אויף מענשען מיט
אידעאַל.

די גרויסע אידישע דענקער קאָנען ניט לעבען אין פריעדען.
חוץ דעם גוי׳אישען גלות, ליידען זיי אויך גלות פון אידען...

ער איז געוואָרען, אברהם, דער וואַנדערענדער העלד,
וואָס האָט קיין צייט ניט בעאַרבייטען זיין אייגען פעלד,
ווייל ער איז פערטיעפט אין געדאַנקען פאַר׳ן כלל
און ער פערליערט זיין היים, צוליעב זיין אידעאַל...
פאַר דער מענשהייט אָפּערט ער זיין צייט און זיין לעבען.
ער פערנאַכלעסיגט זיך אליין, אום מענשען גליק צו געבען!

דער זוהן פון אידעאַליסט בייגקט און גאַרט נאָך אַן אייגענער היים

יצחק וואַר דער גייסטיגער יורש פון דיעזען העלד,
אָבער זיין זוהן, יצחק, האָט דאָך געבענקט נאָך דעם פעלד!
צו זיצען אויף איין אָרט און אין פעלד צו שפּאַצירען,
דאָס איז געווען דער געדאַנק פון זיינע געהירען.
אין פעלד האָט ער געדאַוועגט, און געהערט גאָטעס קלאַנג,

און ווערען אַ פאַרמער, איז געווען זיין גרויס פערלאַנג;
צו אַקערען און זייהען, און הערען דעם פויגעלס געזאַנג,
צו בעאַרבייטען, מיט חשק, די ערד און שניידען דעם זאַנג,
פון קאָרן און פון ווייץ, מיט שוויס, דאָך מיט פרייד און געזאַנג.
און זיך רעכענען צווישען בעלי-בתי'שען קלאַס און ראַנג...
און צווישען די פלשתים איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג,
דאַס דער איד איז ניט נאָר די בעסטע קאָפּ, נאָר אויך די בעסטע האַנד.
און ער איז דער פעהיגסטער, פלייסיגסטער פאַרמער אין גאַנצען לאַנד...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער, ווען יצחק איז געוואָרען זעהר רייך,
און ער האָט געדענקט, דאַס ער איז מיט אַלעמען גלייך,
האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס איז נאַריש, און אַ גרויסע שאַנד,
צו זיין אַ פאַרמער און קולטיווירען ערד פון אַ פרעמדעס לאַנד...

אַללע האָבען אַנגעפאַנגען קוקען מיט שרעקליכע קנאה,
אויף דעם גוטען מאַן, וואָס איז געווען אַ קרבן צו דער שכינה.
און דער קעניג האָט איהם גלייך געהייסען אַוועקגעהן,
פון דעם לאַנד, וואו ער איז געווען עלענד, גאַנץ אַליין...
צו שטאָלץ איז געווען יצחק, צו מאַכען אַ געוויין.
ער איז אַוועק גראָבען ברונעמער, פאַר זיך אַליין...
און נאָך דעם, וואָס ער האָט, קוים, קוים, צושלאָגען אַ שטיין
און זיך דערשלאָגען צו וואַסער, זעהר קאַלט און ריין,
איז מען געקומען און איהם געהייסען ווייטער געהן...

אבּרהמ׳ס גייסטיגער יורש פאַנגט אָן צו ליעבען פיזישע מאַכט

און ער איז געוואָרען דער ערשטער ליידענדער פון אידען...
אַ קרבן וואָס האָט שוין אָנגעפאַנגען צווייפלען אין
פריעדען...
אויב עס לוינט זיך גאָר פאַר איהם צו זיין אין אַ
פרעמדעס לאַנד,
און זיין אַ הייליגער קרבן עולה, און ליידען שאַנד?...
און אויב עס איז כדאי געווען אויפצוהויבען אַ האַנד
געגען נמרוד, דעם קעניג פון זיין פאָטערס געבורטס-
לאַנד?...
און יצחק האָט אָנגעפאַנגען ליעבען מאַכט פון דער האַנד,
וואָס קאָן הרג׳נען און שלאָגען ווי אַ העלד...
וואָס וויי סט ווי זיך פערטהיידיגען אויפן פעלד...
מיט שטאָהל און אייזען, מיט שווערד און בויגען...
מיט בליצען פון פייער אין די אויגען...
אויב מען קאָן זיך גאָר ניט בענוצען מיט דעם שווערד,
קאָן מען אויך ניט האָבען קיין אייגען שטיקעל ערד!....

*

און ער האָט דערום געליעבט עשו׳ן, דעם מענש פון פעלד,
וואָס קאָן גיעסען בלוט, אַזוי ווי נמרוד, דער גרויסער
העלד...
פון מלאָכים טרעהרען, איז דער עקדה-קרבן געוואָרען
בלינד...
ליידענדיג גלות, קאָן מען אויך ליעבען מענשען פון זינד,
און שטאָלצירען און לייגען האָפנונג, אויף דער מאַכט
פון אַ שלעכטעס קינד...

גלות-לאָגיק פון דעם ערשטען גלות-איד

(בעארבייט לויט א רעיון פון הרב הגאון ר' ח. צ. פּאַפּקין נ"י)

זייענדיג פערביטערט פון ערשטען גלות, איז ער גע־
וואָרען בלינד,
און האָט ניט געזעהען דאָס גרויסקייט פון יעקב, זיין
גייסטיג קינד,
וואָס איז געזעסען און געלערנט אין שם און עבר'ס
געצעלטען,
און האָט געטרוימט חלומות, פון שעהנערע און בעסערע
וועלטען...
איהם האָט זיך געדאַכט, דאָס דער „תם יושב אהל",
וואָס זיצט אין געצעלט,
פאַרשטעהט גאָר ניט אין „מילי דעלמא", זאַכען
פון דער גרויסער וועלט...
ער האָט קיין פיעל גרויסעס ניט ערוואַרטעט פון דעם
„קוועטשער פון דער באַנק"...
ווייל קולטור קאָן ניט פאַרשפּרייט ווערען פון אַ מאַן
וואָס איז שוואַך און קראַנק...
און געדאַכט האָט זיך איהם, דאָס עס וואָלט געווען
אַ גאַנץ גוטער פּלאַן
צו פאַראייניגען יעקב'ן מיט עשו'ן, דעם שטאַרקען מאַן
און ווייל עשו, איז שטאַרקער און עלטער, ווייל ער האָט
דאָך די בכורה,
וועט ער איהם בענשען, ער זאָל העלפען פאַרשפּרייטען
אַברהמ'ס תורה.
און ווען עשו וועט האָבען די ברכה
וועט שוין יעקב אויך האָבען הצלחה...
ווייל עשו וועט איהם געבען עסען און יעקב וועט
לערנען תורה.
ער וועט איהם געבען די ברכה פון דער ערד,
מען זאָל האָבען מורא,
פאַר איהם און פאַר זיין ראַכע מיט דער מעכטיגער שווערד
און זאָל פאַרשפּרייטען אַברהמ'ס תורה, אויף דער ערד.

דערפאַר זאָל ער האָבען פיעל קאָרן מיט וויין,
ווייל ער וועט דאָך אויך זיין ברודער׳ס שפייזער זיין...
עשו זאָל האָבען די ראָסע פון הימעל און פעטקייט
פון דער ערד,
ווייל זיין פאָטער׳ס תורה וועט ער פאַרשפרייטען מיט דער
הילף פון זיין שווערד...

די קלאָהרע לאָגיק פון אַ טאָכטער ערצויגען אין פרייהייט

מוטער רבקה, וואָס וואַר ניט אַ גלות טאָכטער
פון דער נייער וועלט,
ווייל זי איז ערצויגען געוואָרען אין פרייהייט אין דער
אַלטער וועלט,
זי האָט ליב געהאַט נאַר יענעם זוהן, וואָס ליבט אַ
רוהיגען געצעלט...
אַפילו צרות האָבען איהר ניט געמאַכט בלינד,
ניט צו זעהן דעם אונטערשיעד פון קינד צו קינד...
זי האָט געליבט דעם וואָס איז גרייט מקריב זיין פיעלעס
צוליעב פריעדען,
ווייל ער, נאַר ער, איז געווען דער אמת׳ער פאָטער
פון די אידען.
אַ מאַן מיט אַ גרויסער און אַ הויכער נשמה,
וואָס איז גרייט צו תפלה, צו מנחה און מלחמה...
און אום אויסצומיידען אַ קאַמף, זוכט ער קיין נקמה,
ניט ווייל ער איז אַ פייגלינג, וואָס שרעקט זיך פאַר מלחמה.
ניין, ווען עס קומט דערצו, אַז תפלה און געשאַנק, קאָנען
ניט העלפען,
קאָן ער געבען און צונעהמען קלעפּ און אַפילו אייביג
קעמפען...
רבקה איז ניט געווען אַזוי נאַאיוו און האָט גאַנץ גוט
פאַרשטאַנען,
אַז יעקב וועט שטאַרבען פון הונגער ביז עשו וועט זיך
דערמאָנען,

אין איהם צו שפּייזען, ווייל „דעם יודען מוס מען הערען,
האָט אַ גרויסער דייטש געזאָגט—„אָבער ניכט ערנעהרען“,
און זי, מיט איהר ליכטיגען בליק,
האָט דאָ ניט געזעהן קיין גליק,
ניט פאַר יעקב׳ען און ניט פאַר זיין תורה.
און זי האָט פאַר יצחק׳ס פלאַן געהאַט מורא.
אויב עשו וועט זיין יעקב׳ס שפּייזער,
און זיין לענדלאָרד פון יעקב׳ס הייזער,
וועט די תורה פאַרלירען ביי עשו׳ן איהר גלאַנץ און פּראַכט,
און יעקב׳ס לעבען וועט זיין קלאָגעדיג, פינסטער ווי די נאַכט.
זי האָט געהאַט זעהר מורא,
פאַר דעם שיקזאַל פון דער תורה,
ווען ער וועט לעגען אויף איהר אַ האַנד,
ווייל עשו האָט אין זיך קיין שאַנד,
קיין גמילות חסדים און קיין רחמנות,
מען קאָן איהם ניט גלויבען, אויף נאמנות . . .

קיין שותפות אין תורה מיט עשו׳ן

מיט איהר פּראָפעטישען, וויטען בליק,
האָט זי געזעהען קיין גרויסעם גליק,
אַריינצונעהמען עשו׳ן אַלס שותף אין תורה,
ווייל עשו ר ע ד ט נ אָ ר פון ליבע און פון גאָט׳ס מורא,
אָבער אין האַנד ה אַ ל ט ע ר א י מ ע ר
די ש אַ ר פ ע ש ו ו ע ר ד
גרייט צו פאַרוויסטען, פאַרשקלאַפען די גאַנצע ערד!
און אין דעם נאָמען פון ליבע און תורה,
פאַרגיסט ער בלוט און מאַכט אַ נייע תורה,
וואָס פּרעדיגט צו געבען דעם שלאָגער די באַקען
און אויף אויטאָ די פע יעקב׳ס קינדער באַקען,
ברענען און בראָטען אויף דעם אינקוויזיציאָנס פייער,
מיט תפלות און פסאַלמען וואָס זיינען הייליג טייער!

עשו קאָן אויסמישען קדושה מיט טומאה!
ניט העלפען, נאָר שטערען וועט ער די אומה
פון ישראל, די הייליגע אומה פון פראָפעטען
און פון מחוקקים, פון געזעץ געבער און פּאָעטען.
זי האָט געזעהן דאָס פון גאָט׳ס משולחים,
וועט עשו מאַכען אַ באַנדע פון גלחים,
וואָס וועלען אָנפילען די וועלט מיט פינסטערניש און שרעק,
מיט בלוט פאַרגיסונג, מיט מלחמות, צרות אָהן אַן עק...
זי האָט דאַרום בעפוילען יעקב׳ן די ברכה פון פאָטער
אויסצונאַרען...
און באַנוצען זיך מיט דעם קלוגען מח געגען עשו׳ס
קינדערס הארען
האַרען, וואָס זיינען מעהר ניט ווי אָנפירער פון באַרבאַרען,
און לערנען קינדער צו זיין באַזונדער; און זיך צום נאַרען
ניט מאַכען מיט אוטאָפּיעס, נאַרישע, פוסטע געדאַנקען,
צו מאַכען אַ שותפות׳דיגע תורה מיט אַ שוואַכען, קראַנקען,
אידישען יונגען מאַן אַלס אַ גאָט נאָך זיין טויט,
און ערוואַרטען פון עשו׳ן דאָס שטיקעל ברויט...
און זי האָט איהם געהייסען צום פאָטער צו געהן,
און ווייזען דאָס ער קאָן זיין וועלט אַליין באַשטעהן...

אונזער פאָטער יעקב האָט לאַנג ניט געוואַרט
און ביי זיין פאָטער די ברכה אויסגענאַרט...

יצחק אַנערקענט זיין טעות

ווען עשו האָט געמאַכט אַ געוואַלד,
(קומענדיג פון פעלד און פון וואַלד,
צו נעהמען די ברכה אַלס באַשיצער פון דער תורה)
דאָס יעקב האָט ביי איהם אויך אויסגענאַרט די בכורה,
אויסער די ברכה, פאַר אַ פולען טאָפּ
געקאָכטע לינזען, דאַן האָט יצחק׳ס קאָפּ
די קלוגע, גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיין פּלאַן איז שלעכט
ווייל רבקה׳ס מיינונג וועגען עשו איז גערעכט...

אַ מאַן וואָס קאָן פּאַרקויפען זיין בכורה,
אַ מאַן וואָס קאָן פּאַרקויפען זיין עהרע,
אַזאַ מאַן קאָן מען ניט טראָסטען מיט תורה!

און יצחק האָט געציטערט מיט מורא
און האָט געגעבען אַ דאַנק צום בורא
פאַר העלפען איהם צו ראַטעווען די תורה
פון עשו'ס גראָבער האַנד,
אָהן חרפּה און אָהן שאַנד!

ער האָט באַלד געזעהען אין יעקב'ן דעם גרויסען מענשען
און מיט זיין פרייען ווילען האָט ער איהם גענומען בענשען,
אַלס שומר התורה,
אַלס מענש פון גרויס עהרע...

יעקב, דו קאָנסט שוין דיין שטעטעל באַשטעהן,
דו מעגסט שוין זיך לאָזען אויף דער וועלט געהן!
דו ביזט מעכטיג ווי אברהם אַליין.
דו וועסט וואַנדערען אויף דער גאַנצער וועלט.
דיך וועט ניט שאַדען קיין היץ און קיין קעלט!
תורה וועט באַזיגען די גאַנצע וועלט!

און ווען דו וועסט ווערען אַ האַר איבער דיינע ברידער,
דאַן וועלען גאַנץ ווערען מענשהייט'ס צוריסענע גלידער,
און גליק וועט הערשען איבער דער גאַנצער ערד,
ווייל פאַרניכטעט וועט ווערען עשו'ס און ישמאל'ס שווערד.
די תורה און גאָט'ס וויסענשאַפט וועט וואַרים מאַכען
די קעלט
פון מענש צו מענש, און גליק וועט הערשען איבער
דער גאַנצער וועלט.

עשו׳ס רציחה

אונזער עשו איז געוואָרען פול מיט רציחה
און ער האָט ערוואַרטעט יצחק׳ס ענדע די גיכע,
אום צו נעהמען פון יעקב׳ען בלוטיגע נקמה.
אַזוי איז געווען פאַרדאָרבען זיין שמוציגע נשמה...

איינציגע שבטים האָבען איינגעזאַפּט אין זייער נשמה
דעם געפיהל פון עשו׳ן מיט זיין אידעע פון נקמה...

יוסף הצדיק

יוסף און בנימין זיינען געווען רחל׳ס קינדער ביידע.
און יוסף איז ניט געווען באַגייסטערט ווי זיין אַלטער זיידע,
פון דעם לעבען פון נאָמאַדען, וואָס פיטערען שאָף
און רינדער
און וואַנדערען אַרום, ווי ציגיינער, מיט ווייב און קינדער.

ער איז געווען „יוסף הצדיק״; אַזוי רופט מען איהם
ביי אידען,
ווייל ער האָט געדורשט און געגאַרט נאָך שלום,
האַרמאָני און פריעדען.
און ווען יעקב׳ס קינדער האָבען באַנוצט עשו׳ס מאַכט
און לבנ׳ס פאַלשקייט, אין שכמ׳ס הריגה, אָהן אַ שלאַכט,
דאַן האָט ער מיט זעהר האַרטע ווערטער געשטראָפט
זיינע ברידער
און מיט צערטליכקייט האָט ער ערצויגען די יתומים,
גליעדער
צוריסענע, געבליבענע פון שכם, מיט דער הילף פון זיינע
ברידער,
קינדער פון בלהה און זלפה, וועמען ער האָט באַטראַכט
אַלס מיטגליעדער
גלייכע, פון זיין משפחה און ניט ווי דינסטען-קינדער,
ווי זיינע ברידער האָבען זיי גערופען, נאָר קינדער

פון יעקב, „בני יעקב"; דאָס וואָרט „בני השפחות"
איז אַ זידעל וואָרט, פאַר זיהן געבענטשט מיט ברכות,
פון אַ גרויסען פאָטער און אַ גרויסען זיידען.
ער האָט פראָטעכטירט געגען דעם מיט פיעל ליידען.

דער פּראַקטישער טרוימער

יוסף האָט אויך געזונגען תפלות מיט לידער,
צו גאָט און האָט געבעטען פאַר זיינע ברידער...

און ער האָט געטרוימט חלומות, ווי אַ דיכטער
וואָס פאַרשטעהט דאָס לעבען קריטיש ווי אַ ריכטער,
ניט פאַרשכור'ט פון פאַנטאַזי, נאָר אויך ניכטער;
אַ דיכטער, וואָס פאַרשטעהט אויך די פּראַקטישע זייט פון לעבען
צוזאַמען מיט זיין הויכען אידעאַליסטישען שטרעבען.
ער האָט ניט נאָר געטרוימט פון הימעל, זון, לבנה און שטערען
און פון זיין אַ מעכטיגער הערשער, וואָס אַלע מוזען הערען,
נאָר אויך פון בינדען גאַרבען פון קאָרן און ווייץ אין פעלד.
ניט אַ פעלד-העלד, נאָר שאַפען פּראָדוקטען, ווי אַ העלד.
ער האָט געטרוימט וועגען באַנוצען חכמה מיט מאַכט
און פרידליך ברענגען נוצען דער וועלט אָהן קיין שלאַכט,
ווייל מיט זיין ליבען פאָטער יעקב, תורה געלערענט האָט ער
און איז געוועען אַן אמת'ער נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער.
און דאַרום האָט איהם יעקב אַזוי פיעל ליעב געהאַט,
ווייל אין איהם האָט ער געזעהן פון זיין יעדען טהאַט,
אַ ריכטיגען, גייסטיגען נאָכפאָלגער פון פריעדען,
וואָס וועט מיט זיין צדקות זיין אַביישפּיל צו אידען.

יוסף איז פייער — עשו איז שטרוי

און ווייל עס איז די ברידער זיינע פון קנאה שנאה,
איבערדריסיג געוואָרען זיינע רייד פון דער שכינה,
די רייד פון שלום, אחדות און העכערער שטרעבען,
צו אַ שעהנערע „ביזנעס", צו אַ העכערען לעבען,
האָבען זיי פאַרגעסען יושר און רעכט
און איהם פאַר כעם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט...
און ווען פון אַ קנעכט האָט ער זיך זעלבסט פאַרוואַנדעלט,
אין אַ מעכטיגען הערשער, וואָס האָט געהאַנדעלט
מיט ברויט, מיט תבואה און אַלע לעבענס מיטלען
און וואַר דעמאָקראַטיש, מיט מענשען אָהן טיטלען.
אַ טשינאָווניק, וואָס ערלויבט טראָגען די היטלען...
און האָט געראַטעוועט פון הונגער דעם שרעקליכען שאַנד,
די עברים און די עגיפּטאַנער פון פרעה'ס לאַנד.
און ווען ער האָט זיין שנאה אין ליעבע פאַרוואַנדעלט
און מיט רחמנות האָט ער זיינע ברידער באַהאַנדעלט
האָט דאַן יוסף הצדיק מיט זיין יושר און פריעדען,
געמאַכט אַלע שבטים פאַר אמת ריכטיגע אידען
און ער איז ניט באַגאַנגען געגען זיינע ברידער קיין זינד,
ווייל ער איז געווען יעקב'ס אַ ריכטיגעס, גייסטיגעס קינד.

ראובן און זיין מוטער

אונזער גוטע, פרומע מוטער לאָה,
האָט געוואָלט האָבען די גאַנצע דעה,
ביי יעקב'ען אין הויז.
און איהר וועהטאָג וואַר גרויס,
ווען לאה איז אַרויס
אין גאַס און האָט געזעהן יעקב'ס בעט
ווערט גאַר אריינגעטראָגען אין געצעלט
פון „דער דינסט" בלהה, און יעקב וועט
אָנפאַנגען פיהרען גאַר אַ נייע וועלט,
מיט דער „יונגער דיענסט" פון איהר שוועסטער.
איז דען איהר צער ניט דער גרעסטער?!

און צוריק אַריין אין איהר געצעלט,
איז זיך לאה; און איהר גאַנצע וועלט
איז איהר ניט ליעב. און פינסטער איז איהר געוואָרען,
אין די אויגען, באַמערקענדיג איהר מאַן פאַהרען,
מיט זיין אייזעל צו בלהה׳ם געצעלט
און לאָזט איהר איבער זיין ביימעל געלט,
אויף די הויזליכע הוצאות, פונקט ווי איהר שוועסטער.
זאָגט מענשען, איז דען ניט געוועזן איהר וועהטאָג־פּיין
דער גרעסטער ?!

און ראובן, איהר זון, איז דאַן אויך געוועזן אין גאַס —
זיין מוטער׳ס אויגען, געזעהן האָט ער ווי נאַס
זיי זיינען פון ביטערע טרעהרען,
און געהערט האָט ער, ווי עס ווערען
געהערט פון איהר די שטילע זיפצען און קרעכצען
וואָס רייסען זיך פון איהר פאַרביטערטען הערצען...

פאַרשטאַנען האָט ער זיין מאַמעס ליידען
ער וואַר איהר טריי אין ליידען און פריידען...

ראובן און בלהה

קוקענדיג אויף זיין מוטער׳ס פאַרוויינטע אויגען
איז ער געלאָפען געשווינד, ווי פייל פון בויגען,
מיט גרוים אימפּעט, מיט שרעקליכען כעס,
ווי לויפענד וואַסער, מיט שרעקליכען האַס
צוריק אַרויסגעשלעפּט די בעט אין גאַס
און אין זיין ליעבע מוטער׳ס געצעלט,
האָט ער דאָס בעטעל אַריינגעשטעלט...

און פון יענעם שלעכטען טאָג,
האָט ראובן געפיהלט וועהטאָג.
ווי צומישט איז ער אַרומגעגאַנגען אין גאַס
און אין ליעבע פאַרוואַנדעלט האָט זיך זיין כעס.

ווייל זינט ער איז אַריין אין בלהה׳ס געצעלט,
האָט דער יצר הרע פאַרפינסטערט זיין וועלט . . .
דאָרט ביי איהר, אויף זיין פאָטער׳ס בעט,
האָט ער געהערט בלהה׳ס געבעט.

„געה אַרויס פון מיין געצעלט
„און פאַרפינסטער ניט מיין וועלט...
„פאַרשוועך ניט דיין טאַטענ׳ס בעט!

ליבע רייד האָט זי גערעדט,
זי האָט פאַרטיידיגט די בעט.
מיט קאַרשען שעהנע ליפען האָט זי גערעדט
זי האָט זיך געבעטען און האָט איהם געגלעט.

פונקען פון ליעבע פייער האָבען געשפּריצט
פון שעהנע אויגען
אין זיין האַרצען האָט אַמור געשאָסען פיילען פון בויגען...
ווען זי האָט פאַרטיידיגט זיין פאָטער׳ס בעט

און די אויגען האָבען ליעבליך גערעדט:
„איך דורשט דאָך אַזוי פיעל נאָך אמת׳ער ליעבע!
האָב רחמנות אויף מיין נשמה די טריעבע!“

„דו ווילסט מיין בלוט פאַרגיסען,
דו לאָזט מיר ניט געניסען,
„פון בעכער וויין דעם זיסען!“

„דו פאַרפינסטערסט דאָך מיין וועלט!
ריהר ניט די בעט פון געצעלט!“

„רחל האָט גוט געלעבט, אַ זאַטען
לעבען פון ליעבע ביי דיין טאַטען
און איך האָב ווייניג ליעבע געהאַט
איך בין פון מיין ליעבע קראַנק און מאַט.“

— — — — — — — — — — — — — — — —

ישראל׳ס רוה אין מגדל עדר לאַנד,
איז געשטערט געוואָרען פון דיעזער שאַנד.

שמעון

דער צוויימער זון פון יעקב, שמעון,
האָט געהאַט פּיעלע גרונדע זיך שעהמען.
ער האָט דאָך געפּלאַנט מיט לוי'ן שכם'ס נקמה!
און זיין פאָטער האָט ביי זיין יציאת נשמה
דערמאָנט איהם די גרויסע, שרעקליכע זינד,
וואָס ער האָט געזינדיגט געגען זיין קינד;
ווי ער האָט אַראָפּגעריסען זיין העמדעל פון זייד.
געשטאַנען איז דאַן שמעון אַ בלאַסער, ווייס ווי קרייד.
פאַרזינגעלט געוואָרען איז זיין שיקזאַל,
דאָס ער זאָל זיין אַ טויג-ניכטס שלים-מזל.
די גרעסטע שלים-מזל'דיגע פון די בני ישראל,
זיינען אַרוים פון דעם שבט, ביי ווען שלומיאל,
בן צורי שדי, איז געווען דער נשיא און פיהרער...
דאָס איז דער זעלבער צבועק, נואף און פאַרפיהרער,
זמרי בן סלוא, דער נשיא פון שבט שמעון,
וועלכער האָט געמאַכט דאָס פאָלק, מיט זיין שבט
זיך שעהמען
דאָס איז געווען יענער טשיעף פון אידישען טרייב,
וועלכער האָט געלעבט מיט כזבי'ן אַלס מאַן און ווייב...
און ווען ער איז עפענטליך באַגאַנגען מיטווילליג דיזע שאַנד
איז ער דערשטאָכען געוואָרען מיט אַ שפּיז פון
פנחס'עס האַנד.

שמעון בן יעקב איז געווען מעהרער פון אַלע פאַרפיהרט,
מיט ברודערליכע שנאה, און יוסף האָט איהם אַרעסטירט.

פון שמעון קומען אַרויס אָרימע לייט, וואָס בעטלען ברויט.
משה רבינו, אין זיין בענשען די אידען פאַר זיין טויט,
האָט אַבזיכטליך אויסגעלאָזט שמעונ'ען פון זיין ברכה,
און דאַרום האָט דער שבט געהאַט ווייניג הצלחה...

שמעון דער אונגליקליכער

ווען די אידען זיינען אין דער מדבר געוואָרען פאַרדאָרבען,
זיינען דער גרעסטער טייל פון דעם שבט שמעון, פון מאָרד
געשטאָרבען.
פון ניין און פופציג טויזענד און דריי הונדערט,
זיינען צוויי־און־צוואַנציג טויזענד, צוויי הונדערט
פון שבט שמעון, אין גאַנצען געוואָרען.
און אַזוי זיינען געוואָרען פאַרלוירען,
פון סיני ביז מואָב, זיבען און דרייסיג טויזענד,
מיט הונדערט מענשען,
ווייל ניט יעקב און אויך ניט משה, האָט שמעונ׳ען
געוואָלט בענשען...

דער אונגליקליכער שבט שמעון האָט כמעט ניט געהאַט
קיין לאַנד,
ווייל זיין שטיקעל נחלה איז געווען ביי שבט יהודה אין
האַנד,
און אין די צייטען פון דוד האָט יהודה איהם מיט שאַנד,
אין גאַנצען אַרויסגעטריבען פון זיין קליינעם שטיקעל
לאַנד...

אַזוי האָט שבט שמעון פאַרזוכט דעם טעם גלות פון אידען,
ביז וואַנען ער האָט, קוים מיט צרות, געפונען אַ לאַנד
פון פריעדען,
מיט פעטע פּאַשע, אין מבוא־גדר, ביז דעם טהאָל אין מזרח,
און ערשט דאַן האָט ער זיך שוין גיך ערהאָלט פון זיין
שרעקליכען בראָך.

נאָר אין די צייטען פון חזקיהו, איז שמעון געוואָרען
אוים שלומיאל,
ווייל זיינע אייניקלאַך, ישעי׳ס קינדער, פלטיה, נעריה,
רפיה און עוזיאל,
מיט פינף הונדערט מענשען זיינען קיין אדום, צום
באַרג שעיר אַוועק

און האָבען אויף די געצעלטען פון די „מעונים“
געוואָרפען אַ שרעק...
און פון דעם רעשטעל פון עמלק האָבען זיי גיך
געמאַכט אַן עק...

מיט ראובנ׳ס תשובה, מיט גד׳ס גבורה, איז געוואָרען פאַרגעבען
די זינד פון שמעון, וואָס איז זיך געגאַנגען אין מיטען, לעבען
יעקב׳ס מטה, און זיי האָבען זי געטראָגען אָהן שלאָף,
אָהן דרימעל,

און שמעון האָט דערפאַר געהערט דעם קול פון זיין פאָטער
אין הימעל.
מיט זיין קול קול יעקב האָט ער פאַרציטערט דעם פיינט;
אַלע חזנים און מלמדים פון דאַן אַן ביז היינט,
קומען אַלע פון שמעונ׳ען אַרוים...
דאַרום איז זייער דלות זעהר גרוים...
דאַרום קוקט אַ מלמד ווי אַ שלים-מזל אוים...
און אַ חזן, אַ ריכטיגער, קוקט אויך אַזוי אוים...

שמעון און לוי האָבען די אידען מיט זייער גייסט געפיהרט.
שמעון און לוי מיט ראובן זיינען ניט געוואָרען פאַרפיהרט,
אין מצרים מיט דער עבודה זרה.
שמרו יחוסם והנהיגו שררה...
און זייער יחום בריעף האָבען זיי געהיט,
ווער זיי זיינען — פאַרגעסען האָבען זיי ניט!!!

שמעון און דינה

לויט דער קלוגער דעה פון רב הונא
איז שמעון געווען דער מאַן פון דינה.
שמעון איז איהר מאַן געוואָרען,
ווייל אַזוי האָט ער געשוואוירען,
ווען זי האָט געקלאָגט, געוויינט פון שאַנד

און האָט ניט געוואָלט נעהמען זיין האַנד,
די האַנד וואָס איז געקומען רעטען,
זיין ליעבע שוועסטער און געבעטען,
האָט זי איהם, ער זאָל זי לאָזען אַליין,
ווייל זי איז שוין מעהר ניט זויבער און ריין;
און דאָס זי האָט שוין פאַרלוירען דעם חן,
ביי גאָט און ביי לייט,
נאָך דעם גרויסען פייט.
פאַראַכטעט (פאַר דעם טויט פון פיעלע מענשען)

האָט זי זיך זעלבסט. „גאָט וועט שוין מיר ניט בענשען!“
אַזוי האָט דינה צו איהר ברודער געזאָגט
און זי האָט געוויינט, געיאָמערט און געקלאָגט.
ניט וויין, מיין שוועסטער, ניט וויין,
דו ביזט אומשולדיג און ריין.
דו ביזט הייליג מיט גאָט׳ס חן.
גאָט וועט דיר געוויס בענשען,
מיט חן ביי גוטע מענשען.
אָה, שוועסטער, איך זאָג דיר גאַנץ פליין:
פאַר מיין ווייב נעהם איך דיר אַליין!...
— האָט שמעון געזאָגט מיט געוויין.
און דאַן האָט שמעון געשוואוירען
און זיין ווייב איז זי געוואָרען....

טהייערע לעזער! האָט ניט קיין מורא!
דאָס איז געוועזן נאָך פאַר מתן תורה!...
און אַפילו דער גרעסטער,
פלעגט דאַן נעהמען אַ שוועסטער...

לוי

לוי, יעקב׳ס זוהן דער דריטער,
איז געוועזן אַ ריכטיגער ריטער.
אָהן שרעק, אָהן מורא און אָהן ציטער,
האָט לוי געקעמפט זעהר ביטער,
אין שכם און אַלע איהרע גיטער.

ער וואַר דינה׳ס שומר און היטער,
דאַרום וואַר זיין צאָרן זאָ ביטער,
ווייל ער וואַר „מאָראַלישער היטער“...

ער איז דאָס געוועזן דער מאַגיסטער.
פון איהם איז די קלאַסע פון פּריסטער,
די כהנים און די לוים
און גרעסטער פון אַלע נביאים...

פון איהם זיינען ארוים שרעקליכע קנאים,
און אויך די בראַווסטע העלדען, די חשמונאים.
ניט קיין מלמדים, האָט ער געשאַפען, מיט כעס,
נאָר כהנים און נביאים, אין הויז און אין גאַס.

און דאַרום איז אַ כהן אַ קפדן מיט כעס.
און איז גרייט צו מאַכען אַ גאַנצע וועלט מיט בלוט נאַס.
און דערטרונקען מיט בלוט און מיט טרעהרען,
ווען מען וויל איהם ניט פאָלגען און הערען...

לוי׳ס קינדער

לוי׳ס קינדער האָבען געקעמפט מיט עהרע,
פאַר גאָט, אונזער בורא, און פאַר זיין תורה.
לויים זיינען קיין מאָהל געוועזן קיין שקלאַפען.
געגען עולות, זייער שווערד האָבען זיי געשאַפען...
די עגיפּטיאַנער האָבען אויך געהאַט מורא,
זיך אָנפאַנגען מיט די היטער פון דער תורה...

בבל׳ס טיראַנען האָבען זיך געשראָקען פאַר דעם שאַרפען,
דורכדרינגליכען, טיפען בליק, ווען זיי האָבען ציונ׳ס
האַרפען,
אויפגעהאַנגען אויף די ווערבעס פון בבל׳ס טייכען
און מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף דעם פיינט, דעם רייכען;
און באַוויזען שטאָלץ, וואָס געשיכטע האָט קיין גלייכען:

קוקענדיג גלייכגילטיג אויף די שווערדענ׳ס קלינגען,
פון שונא, האָבען זיי זיך ענטזאָגט צו זינגען,
ציונ׳ס געטליכע לידער, אויף דעם פרעמדען באָדען,
צום פאַרגעניגען פון פיינט וואָס וואַר אָנגעלאָדען,
מיט אידיש האָב און גוטס, אויף די ברעגעס פון בבל׳ס
טייכען.
און בבל׳ס העלדען האָבען זיי באַטראַכט ווי זייער גלייכען,

דאָס וואַר אין גלות אין יענעם שרעקליכען פאַרנאַכט...
און די העלדען האָבען געגען זיי זייער מאַכט
ניט געקאָנט באַנוצען, פונקט ווי אין זייער שלאַכט,
אויף דעם פעלד פון דער מלחמה און פון עהרע;
געפאַלען איז אויף זיי אַ שרעק און אַ מורא...
אָן עהרפורכט פאַר די היטער פון דער תורה...
באַשיצט האָט די לויים אונזער גאָט דער בורא!

אין שבט לוי ליגט די קראַפט פון גאָט,
ערליידט קיין עולות געגען גאָט׳ס געבאָט,
ער האָט ניט געדיענט דעם גאָלדענעם קאַלב...
זיין גייסט איז רייך און פריי, פריי ווי אַ שוואַלב!...

יהודה

יהודה, יעקב׳ס זוהן, דער פערטער,
איז געווען יעקב׳ס זוהן אַ רעכטער.
ער איז געווען אַ מעכטיגער פעכטער...

ער האָט אַלע ברידער געפיהרט,
אַלע האָבען איהם רעספעקטירט,
ווייל ניט אַלע מענשען קענען,
רעטען פון פייער און ברענען.

ניט אלע ווילען רעטען אַ זעעלע,
פון דעם גיהנם פייער, פון דער העלע...
ווען מיט דער רעטענדער האַנד,
ברענגט מען אויף זיך זעלבסט אַ שאַנד.
און ער האָט גערעטעט תמר,
ווען זי איז אָהן קלאָג, אָהן יאָמער,
רוהיג געגאַנגען צו דעם פייער,
מיט אַלעם וואָס איז אַ פרוי טהייער,
אום צו באַצאָהלען די שטראָף פאַר דער זינד,
צו באַקומען פון אַ פרעמדען אַ קינד...

יהודה און תמר

איהר געזיכט וואַר ווי פייער פלאַמענדיג רויט
און דאָך איז זי רוהיג געגאַנגען צום טויט,
ווייל זי האָט ניט געוואָלט פאַרשעהמען דעם פּנים
פון יהודה, דער העכסטער פון די דינים,
וועלכע האָבען איהר צום טויט פאַראורטהיילט.
און זי האָט גרויסמוטהיג, בעסער ערוועהלט,
אַליין אויף דעם פייער צו שטאַרבען,
אַ גאַנצען דור מיט זיך פאַרדאַרבען
און דאָך ניט פאַרשעהמען דעם פּנים
פון יהודה, טשיעף פון די רבנים,
וואָס ער זעלבסט וואַר דער פאָטער פון איהרע בנים.
און האָט זי פאַר׳משפּט אַלס ראש פון דינים...

און ווען די מענשען זיינען געקומען פון אַלע עקען,
פון שטאָדט, זעהען איהר טויט, האָט זי אַוועקגעשיקט
זיין שטעקען,
זיין סטעמפּ, טלית, תפילין און זיין גאַרטעל,
(גוט פאַרפּאַקט, פאַרמאַכט, אין אַ באַקס-שאַכטעל)
צו יהודה׳ן מיט פאַרשטעלטע, נאָר פאַר איהם
פאַרשטענדליכע ווערטער:
(וואָס האָט נאָך דעם באַוואונדערט די שטאָדט מענשען
פון אַלע ערטער).

„יהודה, שווער! איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך ניט
פערראַכטען פאַר מיין זינד!“

„פון יענעם מאַן, צו וועמען דיזע זאַכען באַלאַנגען,
איז דאָס קינד“,
„אָדער די קינדער, וואָס איך טראָג אין זיך.
„יענער מאַן איז שולדיג. אָבער ניט איך!
„עפען די באַקס און איבערצייג זיך אויף גיך!...“
דער פאָטער פון מיינע קינדער אָדער קינד,
איז דער מאַן פון די זאַכען; און ניט קיין זינד,
בין איך בעגאַנגען געגען מוסר און מאָראַל,
ווען דו, יהודה, האָסט ניט געהיט דעם גרויסען כלל
פון יבום, צו שלה׳ן מיבם זיין, זיינע ברידערס וויב,
אום זייער נאָמען זאָל ניט פאַרגעסען ווערען
פון דיין טרייב“...

און ווי געביסען פון אַ גיפטיגען שלאַנג,
איז ער געוואָרען פון דיזען ווערטער-קלאַנג,
ווי פייל פון בויגען איז ער געשווינד געלאָפען צום פייער,
אום צו רעטען דאָס, וואָס איז איהם געוואָרען
ליעב און טייער.
און ער האָט עפענטליך ערקלערט זיין זינד
און זיך ערקלערט אַלס פאָטער פון איהר קינד...
אָדער קינדער, און ער האָט גענומען די שאַנד,
און די גרויסע זינד אויף זיך פאַר דעם גאַנצען לאַנד.
די שאַנדע האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד,
ווייל ער איז געווען ניט נאָר אַ מענש פון פעלד,
נאָר אויך אַ גרויסער העלד,אַ נשמה העלד!...
אַנשטאָט שאַנד האָט ער און תמר געהאָט שבחים.
פון די קינדער זיינען אַרוים גרויסע מלכים.
ישראל׳ס זיסע זינגער און גרויסע פאָעטען,
גרויסע קעמפער, שפילער און געטליכע פראָפעטען,
ווי דוד און שלמה, קעניגליכע משוררים, גרעסער פון לוים
פרעדיגער, דענקער ווי ישעיהו, איינער פון די
גרעסטע נביאים...

אונזער תמר

אונזער תמר האָט זיך פאַר אַ גאַסען פרוי פאַרשטעלט,
און אַזוי האָט זי פון יהודה'ן געבראַכט אויף דער וועלט
פּרץ און זרח, צוויי מעכטיגע, אידישע, ליכטיגע זיילען,
ווייל מיט דער מצוה פון יבום, האָט יהודה זיך ניט
געוואָלט איילען,
און האָט זי שוין פאַר שלה'ן ניט געוואָלט פאַר'כנס'ען.
דאַרום האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין די גאַסען,
ארומגעוויקעלט ווי אַ גאַסען פרוי, ווי די לילית
פון דער נאַכט,
אָבער מיט אַ נשמה וואָס דורשט נאָך ליעבע, מיט גלאַנץ
און מיט פּראַכט,
האָט זי געפאַנגען יהודה'ן ווי מען פאַנגט אַ פיש, אַ העכט
און האָט איהם געמאַכט שרייען: „צדקה!" זי איז
גערעכט!

יששכר

יששכר איז אויף דער וועלט געקומען,
צוליעב דודאים, די שעהנע בלומען,
מיט וועלכע לאה האָט געדונגען זיין טאַטען פאַר אַ נאַכט,
און איהם מיט בלומען אָפּגעקויפט פון איהר רחל'ן
אויף איין נאַכט.
ווען ער איז געקומען פאַרטראַכט,
פון פעלד און האָט הערציליך געלאַכט,
ווען לאה האָט איהם אַריינגעבראַכט,
אין אַ שעהנעם, וואַרימען פאַרנאַכט
אין איהר געצעלט, ווי אַ געפאַנגענעם פון שלאַכט.
זי האָט געשפּאַסט, געלאַכט און איהם ערקלערט
איהר מאַכט
אויף איהם, ווייל זי האָט איהם געדונגען פאַר אַ נאַכט
ניט פאַר פיעל געלט, שעפּסען און רינדער,
נאָר פאַר דודאים האָבען קינדער...

לאה :

„פּאַר דודאים, ווי פּאַר געלט
ביזטו יעצט אין מיין געצעלט.“

יעקב האָט פון רחל'ן אַביסעל געלאַכט
און פון יענער הייליגער היסטאָרישער נאַכט,
האָט לאה ישׂשכר'ן אויף דער וועלט געבראַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון ישׂשכר זיינען געווען דיפּלאָמאַטען,
אַסטראָנאָמער, און אויך העלדישע סאָלדאַטען,
וואָס האָבען געהאָלפען ברק מיט דבורה
הנביאה, אין קאַמף מיט יבין און סתרא.

ישׂשכר האָט געלערענט תורה
און זבולון האָט געהאַנדעלט סחורה
און אויסגעהאַלטען ישׂכר'ם לומדי תורה,
ווייל שותפות איז געוואָרען תורה מיט סחורה...

זבולון

זבולון האָט גאַר צו זיך קיין גלייכען.
זיין גרעניץ וואַר ימים און טייכען.
דאָס האָט איהם געמאַכט פאַר אַ סוחר אַ רייכען,
וואָס האָט געהאַנדעלט מיט אַ גאַנצע וועלט
און ער האָט זיך פאַרדיענט זעהר פיעל געלט.

דאָס וואָס ער האָט געהאַט זעהר וועניג לאַנד,
האָט איהם געטריבען צו מאַכען אַ פערבאַנד,
מיט די הענדלער פון די צדונים און אויך מיט צורים
אויך מיט ישׂשכר, וואָס האָט אַרויסגעגעבען מורים,
של הוראה בישראל, מענשען פון פערשטאַנד,
ווייל די ברידער האָבעןביידע געהאַט ווייניג לאַנד...
דאָרום האָבען זיי אָפּגעמאַכט ישׂשכר זאָל לערנען תורה
און געבען זבולון אַ חלק פון די מצות פון דעם בורא.

דערפאַר זאָל ער האַנדלען און אויסהאַלטען ישׂשכר
מיט עהרע.
ישׂשכר האָט געלערענט פיעל תורה
און זבולון האָט געהאַנדעלט מיט סחורה.
שותפות האָט געמאַכט סחורה מיט תורה...
סוחר זבולון איז מיט שיפען געפאָהרען האַנדלען,
מיט צעדער פון לבנון, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען;
לערנער ישׂשכר, האָט געלערענט די תורה.
ביי איהם איז תורה געוועזן די בעסטע סחורה...

דן און שמשון

ביי יעקב'ען איז דן געווען גלייך צו אַ שלאַנג,
וואָס ליגט אויפ'ן וועג זיך גאַנץ שטיל, אָהן קיין שום קלאַנג
און גרייט זיך צו בייסען זיין פיינט מיט נקמה,
מיט גיפט, מיט ביטערניש; ווייל שמשונ'ס נשמה,
די נשמה פון העלד, וואָס פאַרבערענט די תבואה
פון פיינד, פאַר באַליידיגען דאָס פאָלק פון נבואה,
האָט יעקב דערזעהן מיט זיין הויכער נשמה.
געזעהן האָט ער דעם העלד וואָס נעמט נקמה,
פאַר זיין פאָלק און פאַר מאַכען איהם בלינד.
שמשון הגבור, דאָס אידיש קינד,
וואָס איז געטליך, אַפּילו מיט זינד,
ווייל ער באַזיצט אַ געטליכע אידישע נשמה
און קאָן נעהמען אויך טויטערהייט בלוטיגע נקמה...
ווייל אַפּילו דער איד, וואָס מאַכט אַ פאַרזעהן איז אויך
אַ גוטער
און אַ געטליכער נזיר, אויב ער האָט נאָר אַ גוטע מוטער;
מעג זי אַפּילו זיין אַ ווייב פון אַן עם הארץ,
וואָס געהט נאָך דער ווייב און לעבט זיך רוהיג ווי אַ פּריץ.
אַ אידיש קינד בלייבט אַ אידיש קינד,
מעג דאָס אַפּילו באַגעהן אַ זינד!

דן און אהליאָב

יעקב האָט אויך געזעהן אָהליאָב, דעם גרויסען אַרכיטעקט,
וואָס האָט געהאָלפען בצלאל מאַכען דעם משכן, וואָס
וואַר „פּוירפעקט“...
דעם זעלבען משכן, וואָס שמשונס פיינט האָבען פאַרברענט
צוזאַמען מיט דער שטאָדט שילה, און מעהר ניט געקענט
האָט יעקב זעהן בנבואה וועגען שבט דן
אויסער אהליאָב און שמשון, דער נוקם מיט „פּאָן“.

דן און הסתלקות הנבואה

אַוועק איז דער רוח הקודש פון שבט דן...
קוקענדיג דורך גייסט אויף שילה, האָט זיך אָפּגעטאָן
פון איהם די געטליכע נבואה; קוקענדיג פון מצרים,
אויף שילה, פון אפרים, איז גלייך דער זוהן פון אפרים,
ירבעם בן נבט, געקומען פאַר זיינע גייסטיגע אויגען.
און יעקב האָט מיט שרעק זיין אַלטען קאָפּ צו דער
ערד געבויגען,
ווייל ער האָט דאָן דערזעהן אין דן ירבעמ׳ס גאָלדענעם
קאַלב.
דערזעהען האָט ער ווי דן איז געוואָרען אַ איד
אויף דער האַלב,

אַ האַלבער איד און אַ האַלבער גוי;
אַ איד אויף צרות, אַ איד פון „אוי“
אַ איד וואָס זאָגט: „עט!“ „זאָל זיין אַזוי!“
אַ געצענדינער, פונקט ווי אַ גוי,
אַ איד וואָס גלויבט אין שרפים און מלאָכים,
און אויך אין בילדער, צלמים און גלהים...
איהם איז אויך געווען רעכט און ניחא,
צו גזל׳נען דעם פסל-מיכא...
דאָן ווען ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין פריעדען
און ער האָט געזוכט אַ נחלה ביי אידען...
דאָן האָט דן געקאָנט פאַרדייהען
אויך אַ לוי פאַר אַ כהן...

נפתלי און מרימית זיין ווייב

נפתלי וואר יעקב׳ס און בלהה׳ס אַ קינד.
נפתלי איז געווען געשיקט ווי אַן אינד.
נפתלי איז געווען געשיקט, פלינק און גיך,
פונקט ווי אַ הערש, אַ אינד, וואָס טראָגט ניט קיין שיך.

געלאָפען איז ער זיין פאָטער אָנזאָגען,
ער זאָל שוין אויפהערען וויינען און קלאָגען,
ווייל זיין זוהן יוסף לעבט נאָך און איז אַ גרויסער פּרינץ
אין מצרים;
געלאָפען איז ער חתונה האָבען אין ארם נהרים,
מיט זיין געליעבטע „מרימית" אָדער „רסואו" זיין ווייב,
ווייל אַ פּרוי האָט ער נאָר געוואָלט נעהמען פון זיין
מוטערס טרייב...

נפתלי ברענגט אַ שטר מכירה אויף דער מערת המכפלה

ביי איהם האָט קיין זאַך און קיין שום פּלאַץ ניט
געהייסען ווייט.
געלאָפען און געקומען איז ער אין אַ קורצער צייט,
און אַ שטר מכירה פון יוסף׳ס פּאַלאַצען,
האָט ער גיך געבראַכט אויף די טייערסטע שאַצען,
די קברים פון מערת המכפלה, די הייליגע קברים,
וואָס עשו האָט פאַרקויפט יעקב׳ן זיין חלק פון די קברים.
און יוסף האָט געהאַלטען דעם קאָנטראַקט אין אַרכיוו
פון ספרים
און טהייערסטע כתבים, אין די ביבליאָטעקען פון זיין
פּאַלאַץ.
און נפתלי איז געלאָפען און געבראַכט
דעם טייערען שאַץ,
דעם שטר מכירה מיט עשו׳ס חתימה אונטערגעשריבען,
און אַזוי איז עשו ווי אַ נאַר און ליגנער געבליבען,

ווען ער האָט זיך נאַריש געמאַכט
און האָט אַ גרויסען געוואַלד געמאַכט,
ווען מען האָט יעקב'ן געבראַכט
פון מצרים און האָט מיט מאַכט,
פון אַ געזעצליכען יורש, יעקב'ס קבורה געשטערט.
חושים בן דן, דער טויבער, האָט איהם טאַקע ניט געהערט.
און האָט אַלץ געהאַלטען אין איין גראָבען יעקב'ס קבר . . .
אין עשו'ן האָט געציטערט פאַר כעס יעדער אבר.
די חתים האָבען געלאַכט פון דער קריעג פון די „בני עבר",
ווי די פרעמדע ווילען גזלנען אַפילו אַ קבר,
דאַן איז אָנגעקומען נפתלי פון מצרים לאַנד
און האָט אַראָפּגענומען פון יעקבס קינדער די שאַנד.
אַלע מענשען האָבען געזעהן דעם שטר מכירה געשריבען
און גע'חתמ'עט ביי עשו'ן, און עשו איז דער נאַר געבליבען.
און די מערת המכפלה איז פאַר יעקב'ן פאַרבליבען . . .

נפתלי דער פלינקער

נפתלי דער פלינקער מאַן מיט אַ הויכער נשמה
געווען איז זיין נאָמען אויסגעקריצט אויף אַן אַחלמה
אין חשן, אַ טייערער אַדעלער שטיין
אַן אמתער דימענט און אַן אבן חן.

נפתלי איז געווען דער זעקסטער שבט פון אידען,
ער איז זיך געווען מיט זיין חלק זעהר צופריעדען.
פון אַלע ערטער איז זיין לאַנד געווען בעסער.
זיין בעסט לאַנד איז געווען דער טהאַל פון גינוסר,
מיט איהרע פריהצייטיגע פרוכטען, פול מיט ברכה,
ביי דעם גורל פון לאַנד האָט ער געהאַט הצלחה.

דבורה הנביאה האָט געבראַכט סתרא'ן די בהלה,
מיט דער הילף פון ברק, פון דער שטאָדט „קדש נפתלי".
נפתלי'ס קינדער האָבען געהאַט אַ העלדישע נשמה.
צום שופט גדעון זיינען זיי געווען העלפער אין מלחמה.

טויזענד אָפיצירען מיט פּאַנצערען און מיט שפּיזען,
מיט זיבען און דרייסיג טויזענד זעלנער, שטאַרק ווי
ריעזען,
זיינען פון נפתלי צו דוד'ן אין חברון געקומען,
און איהם פאַר אַ מלך איבער אַלע אידען אויפגענומען...

די בני גד אויף דעם ארגון

גד בן יעקב האָט געלעבט הונדערט פינף און צוואנציג
יאָהרען
צעהן טעג אין חודש חשון איז ער געבוירען געוואָרען.
דער שבט גד האָט געהאַט זעהר פיעל שאָף און רינדער,
אין גלעד האָבען זיי געלאָזען ווייבער און קינדער
און זיי האָבען זיך געוואָרפען מיט דער גאַנצער נשמה,
צו העלפען זייערע ברידער געגען פיינט אין מלחמה.

עס גיט אין דער מענשליכער היסטאָריע קיין גלייכען
ווי גד'ס קליינע קינדער האָבען פאַרטיידיגט די טייכען
מיט די פעסטונגען פון דעם יבוק און דעם אַרנון
און עמון ומואב געהאַלטען אין איין וואָרנען,
זיי זאָלען ניט וואַגען צו קומען צום טייך אַרנון...

איך האָב דעם גרעסטען פאַרגעניגען

איך האָב דעם גרעסטען פאַרגעניגען און עס פרעהט
מיך זעהר.
צו דערמאָנען די העלדען פון עטרות און ערוער!
דער שבט גד איז געקומען צוריק אַ גאַנצער,
פון דעם קריעג, יעדער מיט זיין שפּיז און מיט זיין פּאַנצער.

יעדער זעלנער איז געווען אַ גרויסער קעמפער און אַ העלד,
זיין פּנים, ווי דער פּנים פון אַ לייב אויפ׳ן פרייען פעלד...
ווי הערשען זיינען זיי אויף די בערג געקראָכען,
ווי די לייבען האָבען זיי דעם פיינט דערשטאָכען...

אויף די בערג זיינען זיי ניט נאָר געקראָכען, נאָר
געלאָפען...
בני הגדי, דוד׳ס העלד, איז ניט געווען פאַרשלאָפען...
ווייל ער איז געווען מעכטיג ווי אַ לייב און ווי אַ הערש
געשווינד,
אליהו הנביא איז אויך געווען שבט גד׳ס אַ קינד...

ווען די שלעכטע פּלשתים

און ווען די שלעכטע פלשתים האָבען באַזיעגט די אידען,
זיינען זיי געלאָפען קיין גלעד זוכען שוץ און פריעדען,
ביי די בני גד, די שטאַרקע גרעניץ לייט,
דאָרט אין עבר הירדן, אין מזרח זייט.

די בני גד האָבען אויך אין נויט דוד׳ן געהאָלפען,
ווען ער איז אין דער מדבר פון שאול׳ן אַנטלאָפען.

אין דעם לאַנד פון גד געפינט זיך דער באַרג עברים,
וואו עס געפינט זיך דער גרעסטער סיקרעט פון קברים,
דער גרעסטער סוד פון אַלע קברים, משה׳ס קבר!

אוי, גאָטעניו! עס ציטערט אין מיר יעדער אבר,
עס שטעכט מיר און עס שניידט מיר אין האַרצען ווי מיט
אַ מעסער
ווען איך עראינער זיך אין גלות גד דורך תגלת פלאסר!

ביי דעם פרייען שבט אָשר

בײ דעם פרייען שבט אָשר,
איז געווען ישר און כשר
ניט צו קומען העלפען דער פּראָפּעטין דבורה,
ווען זי איז אַרויס קעמפען, וואָרפענדיג מורא
אויפ'ן שונא, סיסרא'ס אַרמיע, די אַנטלאָפענע,
ווייל ער האָט זיך גערוהט ביי זיינע שטעדט די אָפענע...

אָשר איז געווען דער פּאָטער פון די ברזות,
פון פרזות, אָפענע שטעדט, אָדער פון ברזית,
די גרוב פון אויל מיט אוילבירטען אזוי גרוים ווי נים...

ווייל אין אָשר'ס לאַנד האָט מען געבראָדזשעט מיט די פּים,
אין קעלטערם פון בעסטען, פערפיומירטען אָליוו אויל.
די קינדער פון אָשר'ן איז געווען גוט און וואויל,
פעטער בוימאויל האָט זיך געגאָסען איבער'ן מויל...

אָשר האָט געהאַט

אָשר האָט געהאַט שמן זית, דער אויל דער עכטער,
און אויך זעהר שעהנע און געראָטענע טעכטער,
וועלכע זיינען געווען גוט, פרום און שעהן ווי מלאכים
און געהייראַט האָבען מיט זיי כהנים און מלכים.

אָשר'ס טעכטער האָבען געהאַט אַ נאָמען
מיט גרויסע שבחים
זייער שם טוב איז געווען ווי זייער שמן טוב ביי מלכים
און ביי כהנים, וועלכע זיינען צו זיי געקומען קויפען אויל
און האָבען זיך אין זיי פאַרליעבט מיט לייב און לעבען,
מיט האַרץ און מויל...
אפילו חתונה האָבען מיט זיי, געווען זיינען זיי ניט פויל...

אָשר׳ס קינדער

אָשר׳ס קינדער און אייניקלאַך חבר און מלכיאל,
מיט דער שעהנער קרוין פון פרייהייט פון יה אַכתריאל,
זיינען אַרוים פון מצרים אַ צייט פריהער פאַר אַלע אידען.
לאַנג צו וואַרטען אויף דער גאולה, זיינען זיי געווען ניט צופריעדען . . .
און האָבען ניט געוואָלט וואַרטען ביז דער לעצטער מכה,
נאָר זיי זיינען זיך אַליין אַוועק נאָך צדון און נאָך עכו . . .

פון די בערג פון לבנון, ביז דעם כרמל׳ס לאַנד,
איז זיך אָשר געזעסען מיט אַ „ברייטער האַנד“.
ער איז צו אַ לעבען פון פרייהייט געווען באַרעכטיגט,
ווייל אין קיין אַכסניא האָט ער קיין מאָהל ניט גענעכטיגט.

אין אָבער־גליל, ביי דעם ברעג ים, איז ער געזעסען,
און זיין פעטען ברויט, האָט ער זיך גאַנץ רוהיג געגעסען...

יוסף און זליכה.

אַ שעהנע צווייג, פון די צעדער בוימער,
אַ שעהנער, קלוגער, פּראַקטישער־טרוימער,
אַ מאָראַליסט, פון יושר און פון רעכט.
וואַר פון די ברידער, פערקויפט פאַר אַ קנעכט.

בעזיגט האָט ער דעם לוסט, פון שעהנעם געשלעכט,
לוסט פון פרויען־יצר הרע, וואָס איז שלעכט
און גאָר ווי אַ הער, האָט ער זיך געהאַלטען,
געגען זיין לײדי, וואָס האָט ניט באַהאַלטען,
איהר הייסע ליעבע און האָט איהם פאַרהאַלטען,
מיט גוואַלד, ביי זיך אין שלאָף־צימער, און איהם פאַרגעהאַלטען,
פאַר וואָס, ער פאַרהאַלט זיך, צו איהר, מיט געפיהל אַ קאַלטען.

זי האָט זיך ביי איהם געבעטען,
ער זאָל איהר קושען און גלעטען.
זי האָט איהם צוגעזאָגט גליקען זעהר פיעל,
אויב ער וועט מיט איהר זינדיגען, אין דער שטיל.

זי האָט פאַר איהם ביטער געוויינט און געקלאָגט.
ענדליך, האָט זי איהם געסטראַשעט און פאַרזאָגט
באַלד צו טאָהן איהר פאַרלאַנג און איהר ווילען,
אום איהר הייסע ליעבע, אָפּצוקיהלען.

זי האָט איהם געוואָלט צווינגען

זי האָט איהם דערמאָנט, דאָס ער איז איהר קנעכט
און זי האָט איבער איהם דאָס פולע רעכט,
צו הערשען אויף זיין קערפּער און אויף זיין נשמה
און האָט איהם געסטראַשעט, מיט שרעקליכע נקמה . . .

אָבער, ער האָט איהר ענטזאָגט, ווי אַ לאָרד, ניט ווי אַ קנעכט.
„ליידי! איבער מיין נשמה, האָסטו געווים קיין רעכט!!"

אָבער, ווען זי איז נעהנטער צו איהם צוגעקומען
און האָט איהם פעסט אין איהרע אָרעמס אַרומגענומען
און איהם פאַרזאָגט, מיט באַפעהל און מיט געבעט,
ער זאָל ניט אַרוים, נאָר צו געהן צו איהר בעט.

ווען זי האָט שרעקליכע ראַכע איהם געשוואָרען,
האָט ער זיך אויף אַ ווייל, כמעט פאַרלאָרען.
און ער האָט זיך שוין אַביסעל צו איהר צוגעבויגען,
איז דאַן, יעקב'ס בילד, פאַרגעקומען פאַר זיינע אויגען . . .

און, ווען זי האָט נאָר זיין פנים מיט איהרע קושען,
געמאַכט נאַס,
האָט ער זיך פון איהר אַרויסגעריסען און אַנטלאָפען
אין גאַס;
אָבער אָנגעכאַפּט, האָט איהם פאַר זיין קלייד, די פרוי
פונשאַנד,
און נאָר די קלייד איז געבליבען אין בעט, ביי איהר אין
האַנד.

זליכה׳ס נקמה

אַ העליש-פייער האָט געברענט אין איהר שוואַרצער נשמה,
זי האָט געשוואָרען נעהמען פון איהם שרעקליכע נקמה,
פאַר איהר באַליידיגטע עהרע, די טריעבע,
פאַר איהר, אונבאַפרידיגטען לוסט און ליעבע.

און לאַנג ניט געטראַכט, האָט זי באַלד,
גענומען שרייען הויך: „גוואַלד, גוואַלד!"
און ווען די שכנים און שכנות זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען,
האָט זי געוויינט, געיאָמערט און געקלאָגט און האָט זיך געוואָרפען.

ווי פון קדחת און פיבער, אויף איהר געלעגער,
און קאָנוואולסיוו, האָט זי געשריען: „דו באַטריגער!
דו באַטריגער! דו צושטערער פון מיין פרידען!"
„זעהט! מיין מאַן האָט מיר געבראַכט עפּעס אַ אידען
און ער האָט מיר, שטיקען און ווארגען גענומען,
ווען ער איז פלוצים, אין שלאָף-צימער געקומען.
ער האָט מיר געוואָלט „אַטאַקירען",
ער האָט גאַר, מיר געוואָלט פאַרפירען;
אָבער, איך האָב געקעמפּפט, מיט מיין גאַנצער מאַכט!
און מיט דעם ווילדען קנעכט, אַנגעפירט אַ שלאַכט.
איך האָב אַזוי געקעמפּפט מיט איהם און זיך געוואָרפען,
ביז וואַנען, ער האָט זיך דערשראָקען און אַנטלאָפען . . .

איך האָב איהם אָנגעכאַפּט ביי זיין קלאַפּען,
ווייל איך האָב איהם געוואָלט אַליין כאַפּען
און ער האָט זיך אַרויסגעריסען און איבערגעלאָזט זיין קלייד.

אַזוי האָט די מרשעת, זליכה, געענדיגט איהרע רייד
און אַזוי האָט זליכה, געבראַכט אויף יוסף׳ן צרות, פּלאָגען,
ווייל זיין בעל-הבית האָט איהם מערדערליך געשלאָגען.
און ענדליך, האָט ער איהם אַריינגעוואָרפען אין הייל
פון דער הויז, פון דעם הויפּט-קוכער, אין טורמע, אין דזשייל . . .

יוסף — אַלס מאַרטירער

שטיל געליטען האָט יוסף, ווי אַ מאַרטירער,
ווען מען האָט איהם געפיהרט באַשולדיגט, אַלס פאַרפיהרער,
און זיך ניט פאַרענטפערט פאַר דעם גוי,
וואָס האָט געגלויבט זיין פאַרשייטע פרוי.

ווייל ער האָט געזעהן, גוטעס אויך אין זיין שלעכטעס.
זייער אונרעכט איז געווען פאַר איהם, גליק אַ רעכטעס.
און איז אַזוי געזעסען מיט חן אין דזשייל
און פאַרגרינגערט זיין לאַגע, אָהן קיין שום בייל,
האָט דער אויפזעהער און דער האַר פון דעם דזשייל.
ענדליך, האָט גאָט אַליין, דיעזען מאַרטירער,
באַפרייט און איהם געמאַכט פאַר אַ פיהרער
און פאַר אַ גרויסען הערשער פון אַ גרויסעס לאַנד.
ער האָט דערלעבט ווערען דעם קעניג׳ס רעכטע האַנד.

יוסף — אַ פותר חלום

ער האָט באַשיידעט, אַ צווייפאַכען טרוים ,
דאָס דעם קעניג׳ס בעקער וועט אויף אַ בוים
געהאַנגען ווערען אין דריי טאָג,
און עס וועט זיין נאָך איהם אַ קלאָג.

דעם קעניג׳ס „באַטלער“ האָט ער צוגעזאָגט גליק,
ווייל פרעה וועט איהם געבען זיין אַמט צוריק.
און עס וועט איהם, ווידער זיין גוט און וואויל.
און עס וואַר, ווי געשפּראָכען, האָט זיין מויל.

און ווען דער קעניג, פרעה, האָט פון דעם געהערט,
האָט ער איהם איינגעלאַדען און איהם אויך באַעהרט.
צו דערצעהלען איהם זיין טרוים, אויף צו באַשיידען
און זיין ערקלעהרונג, האָט געמאַכט גליקליך ביידען . . .

מיט זיין גרויס חכמה און קלוגען פאַרשטאַנד,
האָט ער גליקליך געמאַכט מצרים-לאַנד
ער האָט רייך געמאַכט מצרים, מיט פיעל געלט,
און געראַטעט פון הונגער אַ גאַנצע וועלט . . .

יוסף און אָסנת

פרעה האָט איהם חתונה געמאַכט,
מיט מצריםס גרעסטען גלאַנץ און פראַכט,
מיט דער טאָכטער פון דעם גרעסטען גלח,
וואָס וואַר ליעב און זיס, שעהן ווי אַ מלאך.

די ערשטע בעגעגעניש

די גרויסע אַריסטאָקראַטקע, מילד און זיס,
וואָס געפאַלען, זיינען דאָך צו איהרע פיס,
די יונגע גרעסטע הערשער פון לאַנד מצרים,
האָט געליעבט דעם פרינץ פון אַרם נהרים —
וואָס וואַר פערקויפט, פאַר אַ קנעכט אין כנען.
זי האָט געטרוימט פון שעהנעם יונגען מאַן,
וואָס זי האָט באַגעגענט אין זליכה'ס הויז,
ווען זי האָט זיך געהאַלטען אַזוי גרויס,
געגען אַלע ווייבער, מיט איהר שעהנעם קנעכט.
אַלע נאָבעלע געסט, פון דעם שעהנסטען געשלעכט,
וועמען זי האָט געוויזען איהר שעהנעם קנעכט,
האָבען ניט געקאָנט אַראָפּנעהמען זייערע אויגען,
פון יוסף'ן, ווען ער האָט זיך גראַציעז פערבויגען,
מיט אַ בעגריסונג פאַר די נאָבעלע דאַמען,
צווישען וועלכע, זי איז געווען מיט איהר מאַמען . . .

די פרויען פערגאַפט פון זיין שעהנקייט

און וואָס מעהר זיי האָבען געקוקט, אַלץ גרעסער
און מעהרער האָבען זיי בעוואונדערט, בעסער,
זיין שעהנקייט און זיך צושניטען מיט מעסער,
די פינגער, ביז בלוט און האָבען ניט געפיהלט,
דאָס אַנשטאָט אָרענדזשעס, שניידען זיי פאַרקיהלט
בלוט מיט פלייש פון זייערע פינגער, די צאַרטע,
מיט די שטאָהלענע, שאַרפע מעסערס, די האַרטע...

זי איז דאָן געקומען אַהיים, זעהר בעטריעבט
ווייל זי האָט זיך אין זיין שעהנקייט שטערבליך
פערליעבט.
און אַלס טאָכטער, פון גרעסטען כהן, האָט זי קיינרעכט,
זיך ערקלעהרען אין ליעבע, צו איין איינפאַכען קנעכט...

דיזע באַגעגעניש, האָט פערשאַפט גרויסע ליידען
און שמערצען, ניט נאָר צו איהר אַליין, נאָר צו ביידען
ווייל, ווען ער האָט זי דערזעהן אונשולדיג און ריין,
האָט ער זיך אויך פערליעבט שטאַרק, אין איהר
געטליכען חן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטרוימט

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטרוימט וועגען איהר, מיט
שטילען געוויין
און האָט מתפלל געווען און געוויינט, נאָר פאַר זיין
גאָט אַליין...
„אוי גאָט, ווי מיר איז יעצט אַזוי שלעכט!
זי דענקט, דאָס איך בין, אַ פּראָסטער קנעכט!
ווי קומט זי צו מיר?
ווי קום איך צו איהר?
אַפילו, איך זאָל זיין פריי און רייך,

אַפּילו איך זאָל זיין מיט איהר גלייך,
ווי קאָן יעקב׳ס זוהן, אַ פּרינץ פון ארם נהרים,
הייראַטהען די טאָכטער פון אַ גלח פון מצרים?„

די ליידען פון פערליעבטע

אוןביידע האָבען ביי זיך בעשלאָסען זיין אַליין
און האַלטען אין זיך זייער אונשולד זויבער און ריין.

ווען יוסף איז געזעצט געוואָרען אין דזשייל,
אין דער הויז פון הויפּט־קוכערס פינסטערע הייל,
האָבען זיי געליטען שרעקליכע ליעבע שמאַרצען,
און זיי האָבען דאָס באַהאַלטען, טיעף, טיעף אין הארצען...

אָסנת אַ אידישע פּרינצעסין

ווען יוסף איז געוואָרען פריי און גרויס,
האָט ער זי ווידער, ביי פּרעה׳ן אין הויז,
בעגעגענט און האָט זיך דערוואוסט,
דאָס די יונגע פרוי, פון זיין גוסט,
איז אויך אַ אידישע פּרינצעסין,
וועלכע מען האָט, אין פעלד פערגעסען . . .

און ווען דער גרויסער גלח פון און
האָט דערהערט אַ קינדערשען געוויין,
ווען ער איז אויף פאַנג געפאָהרען אין פעלד,
האָט ער זיך געלאָזט ווי אַ גרויסער העלד,
נאָך דעם קול פון דעם קינד
און גערעטעט געשווינד,
האָט ער, דאָס אידיש קינד.
און ער האָט זי עהרליך ערצויגען אָהן זינד
און איהר אַדאָפּטירט, ווי אַן אייגענעם קינד.

די קמיעה.

און איינמאָהל, ווען יוסף האָט איהר וואונש ערפילט,
און געקומען איהר בעזוכען, און געשפּיעלט
אַליין, און מיט איהר צוזאַמען אויף אינסטרומענטען
וואָס האָבען זיי ערהויבען צו העכערע וועלטען
האָט יוסף בעמערקט אויף איהר אַ אידישע קמיעה,
(אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געשלאָגען מיט זיין דעה)
אויף איהר שעהנעם האַלז, ווי מאַרמאָר ווייס.
יוסף איז געוואָרען בלייך און ווייס,
ווען זיין בליק איז אויף דער קמיעה געפאַלען
„בת יעקב" האָט ער געלעזן און געפאַלען,
איז ער אויף איהר האַלז, און זיך אין ליעבע ערקלעהרט.
„דו ביזט מיין בעשעהרטע, נאָר פון גאָט מיר בעשעהרט!"

יוסף און זיין כלה אין אַ מיליטערישען פּאַראַד.

יוסף האָט געהייראַטה די נאָבעלע אָסנת . . .
פון פריידען־טרעהרען, וואָר זייערע אויגען נאַס,
ווען ער איז געפאָהרען מיט איהר צוזאַמען,
דורך דער גאַס, פון זליכה מיט די דאַמען,
די גרעסטעליידים פון מצרים'ס שטעדט און טויערען.
אַלע שעהנע טעכטער פון לאַנד, זיינען אויף מויערען
געקראָכען, אום צו זעהן זיין פיגור, די שעהנע און נעטע,
ווען ער איז געפאָהרען מיט זיין כלה, אין פרעה'ס קאַרעטע,

מיט די גאָלדענע רעדער —
און סאַלוטירט האָט יעדער,
דעם גרויסען פּאַראַד, פון סאָלדאַטען,
וואָס האָבען זייער „יונגען טאַטען",
„געטשירט" מיט הורראַ געשרייען,
דעם אַברך, וואָס הייסט נאָר זייהען,
און פּלאַנצען און צוגרייטען ברויט,
אום צו רעטען, דאָס לאַנד פון טויט . . .

יוסף איז גוט און שעהן

וועןּ ער האָט באַגעגענט זיינע ברידער,
האָט ער געהאָלפען אַלע מיטגלידער,
פון די משפחות, פון זיין אַלטען פאָטער
און זיי געשפייזט אַלעמען, אומזיסט האָט ער.

ווען ער האָט בעזוכט מצרים׳ס טויערען,
זיינען מיידלאַך געקראָכען אויף מויערען,
צו זעהן זיין פיגור, די שעהנע און נעטע;
ווען ער איז געפאָהרען אין קעניג׳ס קארעטע,
מיט דעם גרויסען פאַראַד, מיט גלאַנץ און פראַכט
ווי אַ זיגרייכער קעניג, קומט פון שלאַכט . . .

ב נ י מ ן

דער גרויסער צדיק, יוסף, זיין עלטערער ברודער און
פיהרער,
האָט איהם געגעבען פערזוכען דעם טעם פון אַ מארטירער
און האָט איהם, כלומר׳שט, פאַר אַ גנב געמאַכט,
ווייל זיין ברודער יוסף, האָט זיך אַזוי געטראַכט:

זאָל מיין ליעבער ברודער בנימן, זיין גרייט צום שלאַכט
און קאַמפף פון לעבען; זאָל ער קריגען די העכסטע מאַכט.
און די העכסטע מאַכט האָט ניט קיינער, נאָר אַ מארטירער,
זאָל ער זיך לערנען, צו ווערען אַ מעכטיגער פיהרער.

בנימן צעיר, רודם.

דער יונגער בנימן, איז ביי דעם ים־סוף אַ פיהרער
געוואָרען.
דער שבט בנימן, איז דער ערשטער, אין ים אַריינגעפאָהרען
פון איהם איז דער ערשטער קעניג ביי אידען געוואָרען.
שאול האָט פאַרניכטעט, נחש פון עמון מיט צאָרען.

שאול בן קיש, האָט אויך אָפּגעשניטען, עמלק׳ס האָרען;
פון מרדכי און אסתר, איז המן געהאָנגען געוואָרען.
זיי אַלע זיינען ארויסגעקומען פון דעם שבט בנימין.
און האָבען גענומען נקמה פון פיינד, ווייל עס איז
איהם געקומען.

אפרים און אָסנת זיין מוטער

אפרים האָט געהאָט אין זיך נאָבעלע בלוט,
דאָרום האָט ער מיט דעם שווערד געקעמפּפט געגען רוט,
פון עגיפּטישע בעדריקער און איז אַרוים פאַר דער צייט,
ווייל ער האָט געשטאַמט פון פרינצליך בלוט, אויך פון
דער מוטער׳ס זייט.

אָסנת האָט געשטאַמט פון די גרעסטע נאָבעלע לייט,
פון אברהם, יצחק, יעקב, פון דינה׳ס זייט,
ווי אַ געוויסע, אַגדה זאָגע, פון אַן אַלטער צייט,
איז זי געווען, אַ פּרינצעסין פון שכם, פון איהר
פאָטער׳ס זייט.

בריינגט לעזער, געגען מיר קיין קלאָגע,
ווען איך גיב אייך איבער די זאָגע,
דאָס אָסנת, איז געווען דאָס קינד פון זינד,
וואָס פּרינץ שכם האָט געגען יעקב׳ס קינד
בעגאַנגען און האָט דערפאַר, בעצאָהלט מיט זיין טויט,
דערפאַר וואָס ער האָט דינה׳ס געזיכט געמאַכט רויט,
פון שאַנדע, ווען ער האָט זי געשענדעט,
נאָך איידער פּרינץ שכם, האָט זיך געווענדעט,
צו יעקב׳ן און צו זיינע קינדער בעטען איהר האַנד,
און האָט געבראַכט אויף יעקב׳ס טאָכטער, דינה׳ן,
אַ שאַנד.
און אויב מיר זאָלען אָננעהמען, די זאָגע, אָהן אַ דעבאַטע,
איז גאָר פּרינץ שכם און ניט פוטיפרע פּריעסט, געווען
איהר טאַטע.

אַזוי, צו אַזוי, סיי ווי, איז זי געווען אַ פּרינצעסין.
אַ מצרישען כהן גדול׳ס אַ טאָכטער, וואַר אויך פּרינצעסין.
אַ טאָכטער פון אַ חיווישען פּרינץ, וואַר אויך פּרינצעסין.
אַ טאָכטער פון אַ אידישער פּרינצעסין, פערגעסען
זאָל קיינער, איז דאָך געווים און געווים אַ פּרינצעסין...
זיכער איז, אַז אָסנת האָט געשטאַמט פון די גרעסטע
נאָבעל לייט.
די בני אפרים זיינען אַוועק מיט זייער פרייהייט גאַנץ
ווייט.
זיי, אַלס פּרינצען, האָבען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען
די שאַנד,
צו זעהן, זייערע ברידער פערשקלאַפט אין זייער מוטערס
לאַנד . . .
און זיי האָבען פאַר דער צייט געשווינד פערלאָזען
דאָס גלות לאַנד . . .

די בני אפרים

און די יעניגע פון בני אפרים וואָס זיינען געבליבען,
זיינען פון דער אַסימילאַציע געוואָרען געטריבען,
ווייל זיי האָבען זיך ניט געוואָלט שיידען פון דער ערד,
פון זייערע זיידעס, און מיט דער מעכטיגער שווערד,
האָבען זיי פאַרטיידיגט די אדמת הכהנים, דאָס
גלח׳שע לאַנד,
וואָס זיי האָבען גע׳ירש׳נט, פון זייער זיידען מיט דעם
גרויסען פאַרשטאַנד
און די מיטגלידער פון זייער מוטער׳ס משפחה,
גרוים פּריסטער פון און,
האָבען זיי געהאָלפען און האָבען זיך געבעטען ביי זיי
מיט געוויין,
דאָס זיי זאָלען צומישען די חכמה פון גלחים,
צוזאַמען מיט דער חכמה פון די „געטליכע מלכים",
אברהם, יצחק און יעקב, און ברייננגען נוצען דאָס לאַנד
מצרים, מיט זייער חכמה און מיט מעכטיגער שווערד,
אין האַנד . . .

און פאַר מצרים, געברויכען זייער מאַרך און געהירען,
און דאַפיר, וועט מען זיי מאַכען פאַר „אַרמי-אָפּיצירען“.
פונדעסטוועגען, ווען עס איז נאָר געקומען די צייט,
האָבען זיי בעוויזען, דאָס זיי זיינען נאָבעל לייט,
און אונז געגעבען יהושע'ן, אונזער גרויסען קאָמאַנדיר,
וואָס איז געווען משה'ס תלמיד און אַ מיצרישער
אָפּיציר . . .
יהושע וואַר אַן אפרתי, פון פאָטער'ס און מוטער'ס זייט,
ווייל „אפרתים“ מיינט ניט אַנדערש, נאָר ריכטיגע,
נאָבעלע לייט . . .

מ נ ש ה

מנשה, מיינט: דער וואָס מאַכט פערגעסען.
ער איז לעבען יוסף' געזעסען.
און ער האָט איהם אַלע צרות געמאַכט פערגעסען.
ער האָט אין זיך, זעהר אַ שטאַרקע מאַכט בעזעסען.

פון איהם איז אַרויס אַ העלפער פון אונזער נאַציאָן,
דער שופט גדעון, דער גרויסער בעזיגער פון מדין.

געפליסט האָט דער ירדן, האַלטענדיג זיינע וואַסער אין
איין גיסען,
צו דעם ים המלח, און דיזען שבט אויף צווייען צוריסען...

צו דיזען שבט, וואַר קיינער ניט גלייך;
צוטיילט האָט זיי דער שטאַלצער ירדן, דער טייך.

האַלב גלעד

האַלב גלעד, גאַנץ בשן און ארגוב, האָבען די קינדער
פון מכיר,
איינגענומען, אונטער מנשה'ס שוואַרצער פאָהן, מיט
דעם וויעזעל־טהיר.

אין מלחמה האָבען אַנטייל גענומען מכיר'ס געזעץ־געבער
און זיי האָבען פון דבורה'ס שונא גענומען זיין לונג
און לעבער . . .

קומט ישעיהו הנביא אַרוים פון מנשה?

לויט דער דעה פון אַ גמרא אין בבא בתרא,
אויך לויט דער דעה פון אַ רב אַ מראָ דאַתרא,
איז ישעיהו אויך געוועזן פון שבט מנשה;
אָבער מיך אַליין, פרעגט זיך דאָך, זעהר אַ האַרבע
קשיא:

וואָס טהוט מען מיט דעם געדאַנק פון דער דעה,
דאָס ישעיהו קומט אַרוים פון לאה
אָבער ניט פון רחל? ווייל זיכער, זאָ ווי קמץ אַלף איז אָ...
זאָ איז זיכער, דאָס ברידער זיינען געוועזן אָמוץ און
אַמציה.
און יעדער איינער מעג שווערען, לתורה ולתעודה
דאָס אַמציהו, האָט גאָר געשטאַמט פון שבט יהודה...
נאָר טהייערע לעזער, פיינע לייט,
שרעקט זיך ניט! אַלעם וועט זיין אַלל־רייט!

אונזערע הייליגע ספרים

אונזערע הייליגע ספרים זאָגען קיין ליעגען
אמת זיינען אַלע ביבלישע וועגעלאַך און שטיגען . . .
אמת זיינען אַלע תלמודישע אויסשפּראַכען.
מען טאָר פון קיין אגדה, פון תלמוד, ניט לאַכען !
קוקט אין שולחן ערוך, ווי אויף אַ טיש אַ רייכען,
פון אַלעם גוטעס, קיין זאַך, איז ניט קרום,
אויב מען וויל נאָר פערשטעהן ניט זיין דום.
און זיין פון די לומדים, פון אַ קהלה,
קאָן מען פאַרשטיין, ר׳ לוי אין „מגילה“
און אין סוטה, דאָס מיר האָבען אַ מסורה,
דאָס אָמוץ ישעיה׳ס פאָטער, מאָן פון עהרע,
איז געווען אַ ברודער, צו אַמציה דעם זיעגער
איבער אָדום, צום קעניג אמציה דעם קריגער.
און די קעניגע פון דוד, זיינען דאָך פון שבט יהודה,
איז דאָך געווים ישעיהו הנביא, אויך פון טרייב יהודה.
און ווען ר׳ לוי גיט אונז איבער אַ מסורה,
דאַרף דאָס זיין, ביי אונז הייליג, ווי די רייד פון דער תורה.
יעצט, פרעגט זיך, דאָך אַלץ, די שטאַרקע קשיא:
ווי קאָן זיין ישעיה פון מנשה ?

מיר ווערען אַ ביסעל פערפּלאָנטערט . . .

מיר ווערען אַביסעל פערפּלאָנטערט, מיט שבט מנשה.
וועגען משיח׳ן, פרעגט זיך אויך, צוליעב איהם, אַ קשיא.

ווי קאָן דאָס זיין, דאָס משיח, מיט דעם הייליגען זאַלב,
געזאַלבט פון גאָט אַליין, וועט דאָך אויך קומען פון דעם האַלב
צוטיילטען שבט פון יוסף, דער שבט המנשה,
און משיח מוז דאָך קומען פון דוד ? נאָך אַ קשיא !

אַ פֿאַלשער פּשט

מוזען מיר, הייסט דאָס, צוגעבען, דאָס מיר ערוואַרטען
צוויי משיחים,
„בן דוד“ און „בן יוסף“ צום נחת פון כל מינים שלוחים,
וואָס ווילען לערנען דאָ, אַ פֿאַלשען פּשט
און טייטשען „משיח בן יוסף“ גלאַט,
ווי עס פּאַסט זיך זיי צום רימעל,
מאַכען דריי פון איינס. גאָט! הימעל!
אויף זייער מאַרך ליעגט אַ שימעל!
און איך געדענק נאָך פונקט ווי היינט,
ווי אַ גייסטליכער, וואָס „אַלס פריינט“
פון ישראל, איז ער געקומען, האָבען מיט מיר אַ „דעבאַטע“
אַ „פריינדליכען „וכוח“, האָט פערלאַנגט דאַן, דער
„הייליגער טאַטע“
צו האָבען מיט מיר אין אַ זומער פּלאַץ אין מעין,
אין אַ שטילען רוהע פּלאַץ, וואָס וואַר געטליך שעהן.

און ער האָט מיר געפרעגט, די אויבענדערמאָנטע פראַגע,
אַלץ וועגען משיח בן יוסף און מיט אַ קלאַגע,
געגען עם קשה עורף, האָט ער געענדיגט זיין פראַגע.
געדענקט האָט ער, דאָס ער האָט מיר צוגעשפּאַרט צום
וואַנד,
אָבער ענטוישט איז ער דאָך געוואָרען, און מיין האַנד
האָט ער פריינדליך געדריקט און מיר געדאַנקט מיט
זיסע ווערטער,
„פאַר בעלייכטען דעם וועג, אין יענע טיפע, שעהנע
ערטער“ . . .

איך האָב איהם געענטפערט גלייך דאָרט אויף אָן אָרט
דאָס אויב מען וויל ניט וויסען, קאָן פון אַ וואָרט,
ווערען אַ קוואָרט, און אַמאָהל,
ווערט פון אַ באַרג, גאָר אַ טאָהל.

משיח בן יוסף ובן דוד

משיח בן יוסף, איז משיח פון אפרים,
וואָס וועט רעטען ווי משה רבינו פון מצרים,
די פערלאָרענע צעהן שבטים פון די אידען.
ער וועט רעטען אפרים מיט פרידען
און מיט זיין מאַכט, וועט ער זיי ברייגגען צוריק
פון לאַגער פון די גוים צום לאַנד פון גליק.

און זיי ברייגגען צוריק צו דער תורה,
צו דער אַלטער תורה, וואָס דער בורא
האָט געגעבען נאָר צו משה'ן, אויפ'ן סיני באַרג,
און אין קיין עבודה זרה, פון אַן אַנדער באַרג
זאָלען זיי שוין ניט גלויבען, נאָר אין דער אַלטער
סיני־תורה
און די עשרת השבטים זאָלען ניט זיין געגען בורא...
משיח בן דוד איז דער רעטער פון יהודה און בנימן,
וואָס וועט רעטען זיי, פון גלות און „מנחם" וועט זיין זיין
נאָמען
ווייל ער וועט זיי אַלעמען טרייסטען און ברייגגען פרידען
און טרייסט צו אַלע פעלקער, אַזוי ווי צו אידען.

מ ש י ח

משיח, דער אמת'ער, מוז ברייגגען נאָר פריעדען!
און יענער, ריכטיגער פרינץ פון אמת'ען פריעדען,
מוז געבאָרען ווערען, ניט ביי אייך, נאָר ביי אידען!
און דער משיח, וועלכער וועט די וועלט פון צרות,
מאַכען לויז,
קאָן געבאָרען ווערען ניט ערגיץ, נאָר אין אַ אידישער
הויז!

משיח קאָן זיין

משיח קאָן זיין פון יהודה, און אויך פון מנשה.
ישעיה קאָן אויך זיין פון מנשה אָן קיין שום קשיא.
איין שבט קאָן זיך זיין פון מוטער׳ם זייט
און דער צווייטער גאַר, פון דעם פאָטער׳ם זייט...
משיח בן יוסף און משיח בן דוד, קאָן אויך ווערען
איין משיח, און אַלע גוים און אידען זאָלען איהם הערען.
אַ בעסערע און גליקליכערע וועלט, וועט געווים מוזען
ווערען !! ...
ניט קיין חיות וועלען מענשען זיין, נאָר פיינע לייט !
לאָמיר אַלע האָפען, אויף יענער גליקליכער צייט !!!

מאָדערנע לידער

מיר האָבען נאָך

(לכבוד גאון השירה העברית, המשורר ח. נ. ביאליק)

מיר האָבען נאָך פונקען, פון אונזערע גרויסע נביאים,
דענקער, פּאָעטען, פונקען פון די משוררים הלוים.
אונזערע שונאים, קאָנען אונז, גייסטיג, נידריג ניט מאַכען
מיר פעראַכטען אינערליך, זייער שפּאָט און זייער לאַכען.

אונזער גייסט איז מעכטיגער פון מעכטיגע לעגיאָנען,
מיר האָבען איבערגעלעבט פיעל מעכטיגע נאַציאָנען.
זאָ לאַנג אונזער תנ״ך ווערט געלערנט אין דער גאַנצער
וועלט
פערניכטעט קיין טיראַן, רחמנות און יושר פון דער וועלט.

אונזער ביבעל׳ס גייסט

אונזער ביבעל׳ס גייסט וועט מלחמות פערניכטען;
קלאַסען פערגלייכען, ראַסען־ריסען, פעררינכטען,
ווייל ישראל, וועט ווערען פעלקער׳ס גרויסע ליכט;
דאַן, וועט די וועלט מיט שלום ווערען אויפגעריכט !

ישראל׳ס ליכט, וועט ניט בלענדען און פאַרברענען,
נאָר וואַרימען, לייכטען, אמת צו דערקענען.
און מיט שלום, וועלען זיין פעראייניגט די פעלקער־מעכטע
אויך קליינע פעלקער וועלען האָבען פרייהייטס גלייכע
רעכטע.

דאַן וועלען מיר זיצען רוהיג אויף אונזער לאַנד
אַלס שטאָלצעס פאָלק, ערד־אַרבייטער, אָהן שפּאָט,
אָהן שאַנד.
מיר וועלען פּראָדוצירען תבואות, פירות און וויין.
ארץ ישראל, וועט ווידער אונזער באַדען זיין . . .

אַ תפלה

גאָט פון אונזערע אָבות היילּיגע,
גאָט פון אונזערע מאַרטירער אונצעהליגע,
בעשיטץ מיט דיין מעכטיגער האַנד
דיין ליעבעס פאָלק און הייליג לאַנד !

פון גלות אדום און ישמעאל,
בעפריי דיין ליעבעס פאָלק ישראל,
ווי אַמאָל פון גלות בבל און מצרים.
ברייננ אונז ווידער צוריק קיין ירושלים !

אין ציון

דאָרט ווערען מיר דורכפיהרען אונזער אידישע
מיסיאָן;
דאָרט ווערען מיר זיין פריי פון פאַלשער ציוויליזאַציאָן;
דאָרט ווערען מיר זיין אַ פאָלק פון שטאָלצע אידען;
וועלטס-לעהרער, פון רחמנות, יושר און פריעדען ! . . .

ווייל אָבוואָהל, מיר זיינען שטאַרק געפּלאָגט,
וועז צוזייט און צושפּרייט און געיאָגט,
דאָך האָבען מיר אויך אין יעדער צייט,
וועלט-לעהרער; אידישע גרויסע לייט !

דאָרט ווערען מיר ווערען גאָט'ס משולחים.
מיר ווערען משפּט'ן הערשער, מלכים
און פיהרען ווי פיהרער מיט גרויסע שבחים,
די גאַנצע מענשהייט, אין געטליכע דרכים.

די שטאָלצע ווערען מיר לערנען,
מיט עניוות צו שטאָלצירען;
די שטאַרקע, ווערען מיר לערנען,
די שוואַכע ניט בעריהרען...

צו מיין לאַנד

לאַנד, וואו געזונגען האָבען, מיינע זיסטע פּאָעטען,
לאַנד, וואו געשפּראָכען האָבען, פייערדיגע פּראָפּעטען,
לאַנד, פון חכמים און סופרים, פון הייליגע ספרים —
דו ביזט אויך, דאָס לאַנד פון אונזערע הייליגסטע קברים!

לאַנד פון לבנון-צעדער, לאַנד פון רויזען און בלומען,
לאַנד פון אויל-בירטען און גלעד'ס דופטיגע פּערפיומען!
ציון, דו מיין שעהנע לאַנד פון מילך און האָניג מיט וויין,
ציון, מיין לאַנד פון גערשטען און ווייץ דו מעגסט
רוהיג זיין!

אַזוי לאַנג ווי איין איד לערנט תורה, האָסטו נאָך מאַכט!
זעה, ציון, דעם וואונדער: דער איד האָט שוין ווידער,
ערוואַכט!
ישראל, דיין קינד, איז געוואָרען ווי ניי-געבאָרען,
ישראל, דיין קינד, האָט זיין האָפנונג, נאָך ניט
פערלאָרען!

ישראל'ס האָפנונג איז אַראָפּוואַרפען זיין גלות-שאַנד,
און ווידער פריי בעאַרבייטען דעם באָדען פון זיין לאַנד,
אין עבר הירדן ווידער פּאַשען שאָף און רינדער
און געטליך ערציהען אין דיר, פרייע, שטאָלצע קינדער!

אָה וואו נעמט מען טאַלאַנט!

אָה וואו נעמט מען טאַלאַנט פון אַ פּאָעט?
פון דוד, שלמה, פּאָעט לאַאורעט,
פון אַ רב יהודה הלוי, אַ לעווינסאָהן,
פון אַ דאַנטע, שילער, געטהע און טעניסאָהן?
פון אַ גבירול, אַ ביאַליק, שניאור און כהן,
פון אַ לערמאָנטאָוו, לאָנגפעלאָו און לאָרד בייראָן?
אָה, געטין דער מוזע! וואו נעהמט מען דעם טאַלאַנט
פון אַ שעקספּיר,

צו בעזינגען מיין געליעבטע, שעהנער און ריינער
פון ספּיר ?
ווען איך בעזיץ די כשרונות פון היינריך היינע,
וואָלט איך בעזונגען די געליעבטע כלה מיינע,
וואָס איז מיר ליעבער ווי זונען־שיין
מיט וועלכער איך וויל גליקליך זיין.

די יעניגע, וועמעס אַדעלע נשמה,
איז מיין האָפנונג, מיין טרייסט, מיין גאַנצע נחמה,
די יעניגע וועמעס שעהנע ליעבעס בליקען,
ווייזען זיך מיר אין טרוים פון מיין צוקונפטס־גליקען . . .

איך ווער זעהר שטאַרק בעגייסטערט פון איהר
און וויל שרייבען צו איהר אַ נייעם שיר.
איך נעהם די פען, אָבער עס געהט ניט פון אָרט,
יאַ, זיכער, עס געהט ניט פון אָרט, אויף מיין וואָרט ! . . .

די מוזע איז פון מיר אַוועקגענומען,
איך רוף איהר, איך רוף און זי וויל ניט קומען . . .

צו די פעלקער

זעהט, אַלע פעלקער, זעהט און בעטראַכט,
זעהט דעם וואונדער: דער איד האָט ערוואַכט !
ווייל ער האָט זיין האָפנונג ניט פערלאָרען !
ער איז געוואָרען, ווי ניי געבאָרען !

ישראל פעראַכטעט דעם שמייסערס רוט.
זיין קולטור שיצט זיך ניט אויפ״ן רעקרוט.
ער קלעהרט נאָר און טראַכט,
ווי אַזוי מען מאַכט.
דאָס יושר זאָל זיגען איבער מאַכט,
היט זיך, טיראַנען ! ישראל טראַכט ! . .

און ווען יושר וועט האָבען אַ זיעג,
וועט פערניכטעט ווערען פעלקער קריעג,
ווייל אַלע פעלקער וועלען וויסען —
ווי אַזוי פון פרייהייט געניסען . . .

און ווען פעלקער וועלען וויסען,
דאַן וועט בלוט זיך מעהר ניט גיסען !
מיט געטליכע וויסענשאַפט, וועט פול ווערען די ערד.
און אין אַקער-אייזען וועט זיך פערוואַנדלען, דער שווערד!

צו ישראל

ישראל ! די פעלקער זיינען קעגען דיר, ווי אַ קינד
אין וויעג !
ניט שרעק זיך פאַר זיי ! זייער מעכטיגסטער, איז אויך
שוואַך ווי אַ פליעג !
די שטאַרקסטע פעלקער פון דער וועלט, איבערזעטיגט,
שכור פון בלוט,
וועלען זיך אויסניכטערען און וועלען פערניכטען
טיראַנענס קנוט !

דיין גייסט וועט זיך אַרויסצייגען מעכטיגער פון
לעגיאָנען
דו וועסט נאָך שפּילען די גרעסטע ראָלע צווישען
נאַציאָנען
די נביאים-אידעאַלען דער לעהרע פון יעקב׳ס געצעלט,
וועלען מוזען בעהערשען די געדאַנקען פון דער גאַנצער
וועלט !
דו וועסט נאָך פריי בעאַרבייטען דעם באָדען פון
אַלט-ניי-לאַנד
און זיין אַן עהרען-מיטגליעד פון וועלטליכען פעלקער-
פערבאַנד.
ישראל ! געה צוריק ירש׳ענען דיין חלק, דיין לאַנד !
דאָרט וועסטו ניט ליידען, און עסען די פרוכט פון דיין
האַנד !

יעדער איד, אונטער זיין ווײַנשטאָק און זיין פייגענבוים,
וועט רוהען זיכער. יאָ, עס איז שוין מעהר ניט קיין
טרוים !
ישראל ! נאָר דאָרט וועסטו שאַפפען גרויסע אידען,
אום צו לערנען דער מענשהייט רחמנות און פריעדען !

צום גייסט פון סאָקראַטעס

דו פּרינץ פון געדאַנק, גרויסער סאָקראַטעס,
געשטאָרבען ביזטו אונטער די גראַטעס !
געשטאָרבען ביזטו מיט קאַלטע פּיאַטעס,
פון גיפט, ווי אַ בעטלער שטאַרבט אויף שמאַטעס.

פון אַלע גריכען, דענקער שטעהסטו העכער.
פון גרוב קוקסטו ווייטער, ווי זיי פון דעכער,
און דאָך, ביזטו געווען געצוואונגען,
אַליין צום טויט אַריינצודרינגען.

אָה, גרויסער דענקער און פילאָזאָף !
געקומען איז דיין טראַגישער סוף,
צו דיר, גרויסער מאַן פון שריפט,
פון אַטהענס שטאַטליכען גיפט !

פון גרויס ליעבע, צו דיין גריכישען שטאַאַט,
ביזטו בעגאַנגען דעם גאָר נאַרישען טהאַט,
ניט צו אַנטלויפען פון דעם גיפטיגען בעכער,
און זיי געוויזען, דאָס דו שטעהסט פון טויט העכער . . .

און אַזוי געשטאָרבען ביזטו אונטער גראַטעס !
אָה, פרינץ ! זאָג, צו לוינט זיך גאָר זיין אַ סאָקראַטעס,
און שטאַרבען פאַר דער וועלט, אום צו ווערען אונ-
שטערבליך ? !
גאָט ! מענשען-גיפט, איז פון שלאַנגען גיפט, מעהר
געפעהרליך ! !

ווי אַ מלאך מיט פליעגעל

ווי אַ מלאך מיט פליעגעל,
ביי דעם גאָר גרויסען שפּיעגעל,
האָב איך איהר געזעהן שטעהן,
ליעב, רויצענד, בעצויבערט שעהן!

אוי, ווי ליעב זי איז מיר געוועזן דאַן!
זי האָט דאַן בעצויבערט יעדען מאַן!
ווי וואונדערשעהן עס איז געוועזן איהר בילד,
ווען איהרע האָר צולאָזען האָט זי ווילד!

ווילד צולאָזען איהרע שעהנע לאָקען,
ווי אַ וואלד אַ טיעפער ,אַ געדיכטער.
געשטאַנען בין איך דאַן, ווי אַ פלאָקען,
פערגאַפט און פערוואונדערט, ווי אַ דיכטער!

ניט ווי אַן אַלטער דיכטער, וואָס איז שוין ניכטער,
מיט אַ קאַלטען, קריטישען קוק, ווי אַ ריכטער,
נאָר ווי אַן איינפאַכער קוני לעמעל
האָב איך געקוקט אויף דעם וויסען קעמעל!

די סאַמעטענע האָר, האָט זי געקאַמט
און זי האָט מיר פער׳כשופ׳ט און פערצאַמט
זי האָט מיר דאַן, מיט ליעבע-גיפט פער׳סם׳ט.
איהר שעלמישער קוק, רופט מיר גאָר: תם!

און איך לאָז זיך געהן, ברעכען דעם צאַם . . .
איך קאָן זיך שוין רוהיג ניט פעהאַלטען;
אָבער, זי וויל מיר טייפליש, אָפּהאַלטען
און מיט אַ צופרידענעם געלעכטער,
רופט זי מיר: „קוני לעמעל, דער שלעכטער!" . . .

א ים פון ליעבע, שטורמט אויף מיין ברוסט
און איך קאָן ניט שטילען מיין ליעבעס לוסט,
און מיט פרעהליכע, ליעבע געזאַנגען,
האָב איך איהר, אין מיינע הענד געפאַנגען.

און דער טהייערסטער רויב פון מיין מלחמה,
איז געווען אַ קוש, מיט דער גאַנצער נשמה,
אַ הייסער, ברענענדיגער קוש מיט גוואַלד,
אויף דעם גאָלדענעם, זיידענעם קאָפּ-וואַלד ! . . .

און געפלאַמט האָט, דאָס ליעבעס געזיכט,
וואָס איז מיר ליעבער, פון זונען-ליכט !
אוי, ווי הייליג און זיס, ליעב און טהייער,
ביזטו מיר, ליעבעס געטליכער פייער ! . . .

אָה, די בייזע וועלט

אָה, די בייזע וועלט,
יאָגט זיך אַלץ נאָך געלט !...
די פעלקער ווערען ניט בעסער,
יעדער איינער, שאַרפט דעם מעסער.
יעדען ווילט זיך זיין, נאָר גרעסער.

יעדער איינער כאַפּט זיך צום שווערד
און אונזער אַלטע, מוטער ערד,
איז בעגאָסען מיט בלוט
און דער רוט און דער קנוט,
בעהערשט אַלעם און ווערגט און דריקט,
און די שוואַכע, ווערען דערשטיקט.

און פערשטיקט ווערט, יעדער פרייער געדאַנק.
קאַנאָנען רוישען און די שווערד איז נאָך בלאַנק,
כדי אָנצוהאַלטען הערשאַפט פון באַנק,
פון געלד, פון קאַפּיטאַל,
וואָס הערשט נאָך איבעראַל !

פּוילען׳ס זיסער שפּיעלער, פּיאַנאָס טענער זינגער,
בעזיצט אויך גיפט פון אַ שלאַנג, שאַקאַל און טיגער.
מעג אַ פּאָליאַק זיין אַ שפּיעלער, אַ זינגער, אַ פּאַן,
אַ שרייבער, דענקער, אָבער אַלץ ניט קיין מענש,
קיין מאַן!

איך שטעל זיך פאָר דעם טייוועל, אַלס אַ שליאַכטיץ,
מיט אַ גרויסען ווילדען פעדער אין זיין „מיטץ",
וואָס מערדערט און לייקענט און שרייט: ניץ, ניץ, ניץ!
אין דעם פּאָליאַק האָט ערוואַכט דער קאַניבאַל

און דאָך קריעגט ער כבוד און געלד איבעראַל!
מען רעכענט זיך, מיט אַלע זיינע טהאַטען,
ער האָט שוין זיינע אייגענע סאָלדאַטען.
אין אַלע לענדער זיינע קאָנסולאַטען!

דער פּאָליאַק פערשאַפט אונז שרעקליכע ליידען.
ער וויל אונז נאָר בעשמוצען און בעריידען,
מיט בלוט-בלבולים, פון פּוילען׳ס אידיאַטען,)
שחיטות, פּאָגראָמען, גרושים און באָיקאָטען!

וואָרום שוויינסטו, אָה, גרויסער גאָט?!
וואו איז דיין „לא תרצח" געבאָט?!

גלות פּוילען און אוקריינע

און דאָרט, אין דער שעהנער אוקריינע,
פּאָעטישע, געבורטס-לאַנד מיינע,
דאָרט, אין דעם וויטען לאַנד, וואו געהאַנגען איז
מיין וויגעלע,
און מיין מוטער רייזיל, האָט מיר געזונגען פון ציגעלע,
„וואָס איז געפאָהרען האַנדלען,
ראָזינקאַלאַך מיט מאַנדלען"
„און גאָר די בעסטע סחורה,
איז נאָר צו לערנען תורה"...

און מיין ליעבעם פאָלק׳ס שיקזאַל

און מיין ליעבעם פאָלק׳ס שיקזאַל,
איז נאָך אַלץ ליידען און קוואַל,
זיינע אויסזיכטען זיינען נאָך אַלץ שוואַך
יעדעם פאָלק, האָט נאָר אין זינען זיין זאַך,
זיין אינטערעס און זיין אייגענע מאַכט . . .
קיין ר ע כ ט ווערט ניט גענומען אין אַנבעטראַכט . . .

מיר האָבען נאָך אַלץ ניט קיין היים, קיין לאַנד !
מיר זיינען נאָך אַלץ, צו שפּאָט און צו שאַנד !
צוזייט,
צושפּרייט,
זוכענדיג נאָך ברויט . . .
געפינענדיג דעם טויט,

גלות פּוילען

די פעלקער האָבען בעפּוילען,
דאָס פריי זאָל ווערען גאַנץ פּוילען,
און דער רעזולטאַט פון דעם פריעדען,
איז דאָס פּוילען, טרינקט בלוט פון אידען . . .

דאָס פּוילישע פאָלק איז דאָס ערגסטע אויף דער ערד.
עס רייסט און פליקט מיט הויט, מיט פלייש, אידישע בערד.
פעלקער זיינען צו פּוילען מילד
און פון שמחה, איז זי גאָר ווילד.

מיט חוצפה, שינדעט זי די הויט,
און די פעלקער ווערען ניט רויט,
פון פּוילישע שלעכטע טהאַטען, פון שאַנדע
און פערטהיידיגען, איהר באָסע־קאָמאַנדע.

אוי, מיין טהייערע, ליעבע האַרציגע מוטער,
מיין האַרציגער פּאַטער, ר' גרשון דער גוטער!
ווייסט, אַז דאָרט אין אונזער היים פון אידישע טוגענד,
וואו איך האָב דאָרט, פערבראַכט מיט אייך, מיין אַלטע
יוגענד,
אויף תורה, תפלה און אידעאַלען,
דאָרט, איז יעצט אַ נעסט פון קאַניבאַלען!

פון די בערג פון חסידות געבורט, פון די קאַרפּאַטען,
וואו דער בעל שם, האָט בעוויזען זיינע טהאַטען,
ביז פּאָליעסע, ביז דעם סלוטש, אין וואָהלין,
וואו פייערבערג האָט געפרעגט זיין „וואוהין?"
ניט ווייט פון דעם ברעג פון סלוטש, מיט זיין וואַסער-מיהל
איז אַלץ איין חורבן, ווי דער חורבן פון „זוויהיל!"
די היים פון חסידות און פון פּאָעטישע השכלה,
די היים פון תבואה, מסחר, פרנסה און כלכלה,
אָט די היים פון פּאָעטישע טרוימען און אידעאַלען,
איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נעסט פון קאַניבאַלען!

ווילדע קאַניבאַלען, מענשען פרעסער,
טויטען מיט העק און שוחט'ן מיט מעסער,
אוי, מיינע אונגליקליכע, ברידער און שוועסטער!
דאָרט האָט אַייך געטראָפען דער אונגליק דער גרעסטער!

אוי, פּעסעלע! מיין טהייערע שוועסטער,
פּעסיע, געבליבען איז אין דער גרעסטער
עלענד דאָרט! גרוים זיינען מיינע שמאַרצען
און עס איז מיר, אַ וועהטאָג אין האַרצען!

עס כאַפּט מיר אָן אַ גרויל, אַ שרעק,
צו די צרות נעהמט גאָר קיין עק.
אוי! מען שענדעט דער טאָכטער, מיט דער מאַמען
און מען קוילעט זיי, מיט'ן מאַן צוזאַמען!

אוי גרויסער גאָט ! ערגער פון די פּאָליאַקען
זיינען דאָך דאָרטען, די ווילדע קאַזאַקען !
מענשליכע חיות, בעפאַלען אַן אונשולדיג מיידעלע,
רייסען פון איהר אַראָפּ איהר אידישע, צניעות׳דיג קליידעלע,
שטעכען אריין, די שמוציגע נעגעל אין דער צאַרטער הויט
און פערמאַטערען, פערפייניגען אַן הייליגטהום,
צום טויט ! . . .
די מערדער מאַכען צו שטאַרבען,
זיי צושמעטערען דעם שאַרבען,
דעם טאַטען און דעם זיידען,
אויך קינד און אַלט —ביידען.

קיין אונטערשיעד, יונגער, אַלטער,
אַרביימער, אָדער פערוואַלטער.
מען שוינט קיינעם ניט, אָרימער אָדער רייכער.
די שוואַנגערע מוטערס, צושפּאַלט מען די בייכער.

אַה ! מען שלעפּט פון זיי אַרוים די קינדער,
ווי געקוילעטע, הענער און רינדער !
מיט פעדערען, פערשטאָפּט מען די לעכער !
מען וואַרפט קליינע קינדער, פון די דעכער
און מען טרינקט, וויין און „וואָדקאַ“ מיט בעכער,
פון קדוש און הבדלה,
גערויבט אין דער בהלה.

מענשליכע געשטאַלטען, רעווען ווי חיות
ווען די מערדער נעהמען צו דאָס חיות,
פון די גרויסע קדושים, מאַרטירער,
די נאָבעלע, אידישע פיהרער !

מען שלאָגט זיין איין צוועקעס אין נאָז,
ווי אין דער צייט, פון קריוואָנאָס.
גאַנטע און חמעלניצקי, זיינען אַ קינדער־שפּיעל,
געגען די גרוילטהאַטען מיט אכזריות פיעל !

און אַזעלכע חאַלאַפּעס

און אַזעלכע „חאַלאַפּעס“,
מיט „סוויטעס“ און „טולאַפּעס“,
דיזע פערווילדעטע „חמ׳אָקעס“,
מיט פיער-שפּיציגע „שאַלמאַקעס“,
מיט די רימענס און „פּאַסטאַלעס“,
מיט די „פּאַדקאָוואַטע“ „שטיוואַלעס“,
וואָס קוויקען זיך נאָך מיט „מוזיק“ פון „באַלאַלייקעס“

און מיט טענער פון קאָזאַקס, פייפענדע „נאַגייקעס“,
וועלכע וואָהנען, מיט חזרים, אין די „כאַטעס“,
און טראָגען נאָך אויף די פּים „לאַפּטצעס“ מיט שמאַטעס.

דיזער ווילדער „מוזשיקישער“ טרייב,
מיט דעם אונריינעם, שמוציגען לייב
און מיט דער גראָבער, פויערשער נשמה,
איז יעצט געוואָרען, פראַנקרייכ׳ס נחמה!

פּעטליורא און דעניקין, די „הארען“,
פון די נידריגסטע, שקלאַפּען באַרבאַרען,
זיינען געשטיצט געוואָרען, מיט געווער,
מיט ראַט און טהאַט פון דעם „ענגלישען סער“...
פּילסודסקי און פּעטליורא, הארען
פון ווילדע, שקלאַפען און באַרבאַרען,
וועלכע טראָגען נאָך, זייערע העמדער, איבער די הויזען,
זיי זיינען דאָס געווען, „קולטור טרעגער“ פון די
פראַנצויזען...

און איהר פעלקער, וואָגט נאָך ריידען, פון ציוויליזאַציאָן,
פון דעמאָקראַטיע און פון אַ געטליכער מיססיאָן?!
פון ליעבע, פון שלום און פון פעלקער פערבאַנד?
אוי, היפּאָקריטען, מיט זונה׳ס שטערן, אָהן שאַנד!

אוי, הימעל שרייענדער פערברעכען!
ווי וואַגט איהר, הייליגטהום פערשוועכען?!
אָה, ניט איהר טייפלישע פיהרער, קאָנט ברייננען
משיח!
פון אייך, קאָן נאָר אַרויסקומען אַ טייוועל, אַ רוח!

אַ וואונש פון אַ מאַן

עס לויפט די צייט, עס לויפט די צייט,
מיר ווערען, גרויע אַלטע לייט.
עס לויפען די יאָהרען זעהר געשווינד
מיין חנה׳לע, געהט שוין האָבען אַ קינד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ווינש דיר, חנה׳לע, פון טיעפען האַרצען,
דו זאָלסט האָבען אונזער קינד, גרינג אָהן שמאַרצען,
און מיר זאָלען איהם, גרינג ערציהען,
אַלס פיהרער פון זיין פאָלק אין ציון !

און וויסען זאָלסטו, מיין ליעבע, זיסע טייבעלע,
וויסען זאָלסטו, מיין נאָבעלע, גוטע ווייבעלע,
דאָס יעדער איד, וואָס איז גוט, האָט אַ רעכט צו זיין
דער קאַנדידאַט
און ווערען דער פאָטער פון משיח, דער גרויסער
דעמאָקראַט ! . . .

און דו קאָנסט אויך שענקען, מיר און דער וועלט, אַ
גרויסען מענשען,
דאָס אַלע פעלקער, זאָלען זיך אויך מעגען, מיט איהם
בענשען !
דו קאָנסט ברייגנען, דעם מבשר פון אַ גוטער נאַכריכט,
וועלכער זאָל זיין פאַר אידען און דער וועלט, אַ
גרויסעם ליכט :
יבוא נא ויביא ישע, לישראל ולכל עם ועם
ותמלא הארץ דעה, כמים מכסים לים ! !

אוי, הימעל ! עפען זיך

אוי, הימעל, עפען זיך !
אוי, הימעל, רעטע מיך !
עס גיבט קיין רעטונג מיר, די ערד !
איך ווער פערטיליגט, פון דער שווערד !

צו וועמען פיר הילפע, קאָן איך זיך ווענדען?
צום פּראָפעסאָר בלעם, וואָס העלפט צו שענדען,
מיינע טעכטער און מיין נאָמען?!
צום פּראָפעסאָר, וואָס זאָגט אָמן
און טאַנצט און „שפּרינגט קדוש" און האָט נחת,
פון געבען פרייהייט, צו שדי שחת,
וואָס טאַנצען אַ מאַזורקע, פּאָלקע טאַנץ,
אַ שדים-טאַנץ, מיט דעם אַלט-פּוילען׳ס גלאַנץ,
לויט די טענער, פון פּאַדערעווסקי׳ס קנוט,
פערגיסענדיג אונשולדיג אידיש בלוט;
זאָל איך צו דיעזען פאַלשען פּראָפעסאָר, פּראָטעסטירען?!
אָה, גאָט! עס שוידערט מיך! עס ריהרען זיך מיינע געהירען!
ווייל איך זעה אומעדום, דאָס דער שונא לאַכט
און שפּאַסט פון מיין פּיין און לייד, פון מיין אונמאַכט!

אַבוואָהל ער האָט געשיקט מיינע קינדער אין שלאַכט
און פערפינסטערט זייערע מוחות, ווי די נאַכט,
דאָך, ווען איך בעט פון איהם שוץ, זאָגט ער: דאָס קיין מאַכט
האָט ער ניט געגען אונגליק, וואָס ער האָט געבראַכט!

אָה וואָס שווייגסטו, גרויסער גאָט אין הימעל!

אָה, וואָס שווייגסטו, גרויסער גאָט אין הימעל?!
זאָל איך צווייפלען, דאָס דו כאַפּסט קיין דרימעל?!
אוי, דו שומר ישראל, וואו איז דיין מאַכט?!
צו האָסטו פערלאָזען דיין פּאָסטען, דיין וואַכט,
אין דיעזער פינסטערער, לאַנגער גלות-נאַכט?!

אוי, גאָטעניו, ברייננ מיר ניט צו קיין נסיון.
איך קאָן שוין מעהר ניט פערטראָגען דעם בזיון.
איך קאָן שוין מעהר ניט צוזעהן מיין פאָלק׳ס שמערצען!
רייס אוים, די מדת הרחמים פון דיין הערצען
און לאָז אַרוים אַ גרויזאַמע שרעקליכע קללה!
ברייננ אויך, אויף די פעלקער, ווי אויף מיר, די בהלה!

גיס אויס, אויך אויף זיי, דיין כעס!
פון בלוט, מאַך די גאַנצע וועלט נאַס!
און שיק ווידער אויף זיי, הונגער, מגפות און שווערד!
מיט דיינע וואולקאַנען, קעהר איבער די גאַנצע ערד!

און ווי שמשון, זאָג איך, שרעקליכער פיינט, צו דיר:
אויב שטאַרבען, זאָלסטו שטאַרבען צוזאַמען מיט מיר!
אויב דו ווילסט, קיין צדק און יושר ניט פערשטעהן,
זאָלסטו אויך מיט מיר צוזאַמען פון דער וועלט געהן!!!

עס גיבט פאַר מיר, שוין מעהר ניט קיין נחמה.
מיין האַרץ פערוואונדעט, צוועהטאַגט מיין נשמה.
אַלעס וואָס איך פערלאַנג, איז נאָר נקמה!
אל מלא רחמים! פאַר מיינע מאַרטירערס נשמות,
שריי איך: גיב מיר ראַכע, ראַכע! בעוויַיז זיך —
אל נקמות!...

גרויסע קאַנאָנען רוישען

גרויסע קאַנאָנען רוישען, די שווערד איז בלאַנק,
אום צו רעטען פון אונטערגאַנג, פראַנקרייכ'ס באַנק.
מיליטאַריזמוס הערשט איבעראַל,
ווייל „פראַנס", וויל רעטען איהר קאַפּיטאַל!

קינדערלאַך געהען אויס פאַר אַ שטיקעל ברויט,
פער'חלש'ט, פערשמאַכט, זיי ראַנגלען זיך מיט דעם טויט!
אונגליק הערשט אויף דער גאַנצער וועלט,
ווייל פראַנקרייך וויל רעטען איהר געלד...

פערגעסען האָט פראַנקרייך אַלע אידעאַלען
און פראַנקרייך איז יעצט אַ נעסט פון קאַניבאַלען.
פראַנקרייכ'ס שאָוויניסטען זיינען דער וועלט'ס
גרעסטער טראַבעל.
פערגעסען האָט פראַנס אַלעס וואָס איז הייליג און נאָבעל!

די ליעג פון נאַציאָנען

קלעמענסיו דער טיגער,
און אויך פּאַש דער קריעגער,
מיט ווילסאָן דעם זיעגער
און לאָיד דזשאָרדזש דער קלוגער,
מאַכערם פון דעם ליעג,
וואָס פאַרשפּרייט נאָר קריעג,
און פאַרגיסט טייכען בלוט,
און שרייט אַז עס איז גוט,
אין דער „ליעג אָף ניישאָנס“ צו גלויבען,
אום קליינע פעלקער צו באַרויבען
פון זייער פאָלקס עהרע,
אָהן פּחד, אָהן מורא,
פאַר געזעץ פון תורה,
און הויבען זייער האַנד,
צו רויבען פעלקער׳ס לאַנד
און פאַרזעהען נייעם קריעג —
אָט דאָס איז די פעלקערס ליעג!...

באַנדיטען זיינען היינטיגע דיפּלאָמאַטען

ווער עס גלויבט, דאָס דער „ניישאָנס ליעג“
וועט פאַרמיידען עוויגעם קריעג,
איז פּונקט ווי אַ נאַרישע ציעג...

היסטאָריקער! זאָל מען אין היסטאָרי פאַרשרייבען,
דאָס די ליעג האָט געלאָזט פּוילען אידען צו טרייבען
און פּונקט ווי אין די צייטען פון דעם מיטעל אַלטער,
אַ יעזואיט, אַזוי איז אַ גזלן אַ קאַלטער,
מאָסיו קלעמענסו, אויך פּואַנקאַרע,
זיי האָבען קיין נשמה, נאָר פאַרע.
זיי זיינען טיראַנען, פּונקט ווי פּרעה.
זיי שונדען פון אייראָפּאַ, איהר הויט די דאַרע.

יוראָפּ וועט בלייבען אָהן אינדוסטריע, אָהן וואַרע,
זיי זיינען פאַר דער וועלט אַ פינסטערע כמאַרע.
די אומגליקליכע אייראָפּאַ האָט שוין קיין טראָפּען בלוט
און זיי שרייען דאָך נאָך אַלץ, די ליגע אָף ניישאָנס איז גוט!
זיי זיינען אַ באַנדע רוצחים, אַ חברה גזלנים,
זיי זיינען קאַלטע מערדערס, מיט אַ דזשענטעלמענ׳ס פנים.
דזשענטעלמענ׳ס זיינען היינט איינפאַכע סאָלדאַטען,
באַנדיטען — זיינען היינטיגע דיפּלאָמאַטען!

נקמה

נקמה, נקמה, אוי, ווי דו ביסט מיר זיס!
זיס איז מיר, די נקמה פון גיפטיגען ביס,
וואָס האָט איצט פאַראורזאַכט רוסלאַנד׳ס שרעקליכען
ריס!..

רוסלאַנד׳ס פאַל, אומגליקליכער, קייסערס, שרעקליכער
בראָך!
די גיפטיגע ראַסען שנאה האָט געמאַכט אַ לאָך,
אין האַרצען פון טיראַנען, רוסישע דעספּאָטען,
וואָס האָבען געהאַלטען אין איין ברענען און בראָטען,
מיינע אונגליקליכע ברידער, פריעדליכע אידען.

אמת, עס איז נאָך ערגער צו לעבען אָהן פריעדען,
אַ לעבען אָהן אַן אָרדנונג, אָהן סדר, מיט שרעקליכע ליידען,
אַ לעבען פון הונגער און מגפות, אָהן אַ וואָרט צו רעדען...

מאַנאָטאָן, לאַנגווייליג, איז דאָרט דאָס לעבען געוואָרען.
עס גיט ניט קיין ברית׳ן פון די קינדער ניי געבוירען.
ניטאָ קיין ריכטיגע, הערצליכע שמחה ביי די טריעבע,
פאַרפינסטערטע נשמות, פאַרפלעקטע פון פרייע ליעבע.
עס גיט ניט קיין פרעהליכער קול חתן וקול כלה,
נאָר איין צעקוועטשטע קאַשע איז געוואָרען פון אַלע.

און ווי שטאַרק איך לייד, דאָך זינגט זיך מיר, נקמה׳ס שיר
„רוסלאַנד, רוסלאַנד! איך האָב דערלעבט נקמה אָן דיר!“

ניט שטאַרק באַליעבט

ניט שטאַרק בעליעבט איז איצט די מוזיק מיר,
פון דער „דובינושקאַ“, דער ווילדער שיר.
ווי דאָס ווילדע רעווען פון אַ ווילדעס טהיר,
אין די אויערען מיינע גרילצט דער שיר מיר!

ווי דאָס סקריפּען פון דעם טויער,
ביי דער כאַטקע פון דעם פּויער,
אין די אויערען סקריפּעט זי מיר.
און עס הערט זיך, זעהר שטאַרק, פון איהר,
דער ריח פון שנאַפּס „וואָדקאַ“ מיט ביר...

דער זעלבער פּויער, זעלבער האַרטער גום,
דער מוזשיק מיט דער לאַפּטצע אויפ'ן פּום,
דער זעלבער, גרויזאַמער און ווילדער רום!...

די לעהרע פון מאַרקס און קאַוטסקי,
פון קראָפּאָטקין און טראָצקי,
קלעפּען זיך צום ווילדען פּויער,
ווי אַן אַרבעס אויף דעם מויער.
און ווי איך לייד, דאָך זינגט זיך מיר נקמה'ס שיר:
רוסלאַנד, רוסלאַנד! איך האָב זיך דערלעבט נקמה אַן דיר!
אוי, נקמה, נקמה! ווי זיס דו ביזט צו מיר!

איך זעה די האַנד

איך זעה די האַנד פון מיין „אל נקמות“ איבעראַל!
פאַר אידיש בלוט, מאַכט דאָס גאָט שפּאָס פון רוסלאַנד'ס שיקזאַל.
פון בלוט און פון טרעהרען, זיינען ראָמאַנאָוו'ס אויגען נאַס,
זיי באַוויינען יעצט דעם היסטאָרישען, שרעקליכען שפּאַס:

אויף דעם „פּרעסטאָל“ פון צאַר פּיאָטאַר וועליקי,
זיצען האָלאָדראַנצעס, די באָלשעוויקי
און איבער זיי הערשט דער „זשיד“ לייבעל טראָצקי
ווי אַמאָל אין פוילען, כראַביאַ פּאָטאָצקי! . . .

רוסלאַנד, רוסלאַנד! איך האָב דערלעבט נקמה אָן דיר!
און ווי איך לייד, דאָך זינגט זיך מיר נקמה׳ס שיר:
אוי נקמה, נקמה! ווי זיס דו ביזט צו מיר! . . .

אַ בריוועלע צו מיין כלה
ווינטער ביי נאַכט

(אוים דעם רוסישען „בוריא מגלאָיאַ“)

רב יאַנקעל פראָסט,
האָט זיך צולאָזט
און נאָר ער בלאָזט,
מיט זיין גאַנצער מאַכט,
היינט אַ גאַנצע נאַכט.

ער לויפט אַרום אַ בייזער,
ווי אַ טיראַן אַ קייזער,
און דער בייזער שטורם ווינט,
טראָגט זיך מיט אַ פייף געשווינד,

זינגט זיך, זיין בייזען ווינטער שיר
יאַנקעל פראָסט איז זיין קאָמאַנדיר.

אין די גאַסען לעשט ער די שוואַכע ליכט.
און קושט און רויטעלט דאָס מיידעל׳ס געזיכט
אויף דעם בחור גיט ער אַ בלאָז,
רייסט דעם אויער און פריהרט די נאָז.

ער מאַכט זיך לוסטיג איבער יונג און אַלט,
און מאַכט זיי צו ציטערען פאַר אַ קאַלט.
ער פאַרשפּרייט קראַנקהייטען און אונגליקען
און איבער טייכען בויעט ער בריקען.

ער דעקט די ערד מיט תכריכים זעהר וויים,
ער דעקאָרירט שויבען מיט בלומען פון אייז...
און פאַרגלוסט זיך איהם אַ שפּאַס,
פאַרטרייבט ער מענשען פון גאַס.
דאַן בלייבט ער שטעהן,
איינער אַליין.
און מיט אַ טייפלישען פייף און אַ לאַך,
קלאַפּט ער אויף די שויבען און דעם דאַך,
רעוועט ווי אַ חיה, וויינט ווי אַ קינד
און מישט צוזאַמען דעם שנעע מיט'ן ווינט
נאַר פראָסט און ווינט ביינאַנד,
זיינען אַלץ ניט אימשטאַנד,
אָפּצוקיהלען מיין ליעבע צו דיר מיין כלה,
מיין הייסע ליעבע צו דיר, ליעבסטע פון אַלע!...

איינִיקלאַך פון די מאַקאַבייער

בּרידער! פאַרגעסט אַ ווײַלע דאָס איהר זייט הענדלער
און דרעהער!
געדענקט דאָס איהר זייט די אייניקלאַך פון די
מאַקאַבייער!
פאַרגעסט דעם אָפּגאָט „ממון", דעם גאָלדענעם מעטאַל,
דעם קאַלטען,
געדענקט דעם רעוואָלוציאָנער, מתתיהו דעם אַלטען.

געדענקט יענעם גרויסען כהן מיט זיינע קינדער,
וואָס האָבען געשלאַכטעט די טיראַנען ווי רינדער.
געדענקט שמעון חשמונאַי, דער קלוגער און דענקער,
וואָס האָט פאַרראַטען די עצות פון גריכישע הענקער.

געדענקט יונתן, דעם גרויסען העלד און באַזיעגער,
געדענקט יהודה המכבי, דער וועלטס גרעסטער קריגער,
דער גרויסער אידעאַלער קעמפער, דער אידישער העלד,

איירין און פּילים

איך זעה איצט צוויי בייבי בלומען.
און ווען צוזאַמען, זיי קומען,
דאַכט זיך מיר, דאָס זיי זיינען צוויי בלומעלאך,
צוויי מלאָכים׳לאך, שעהנינקע כרובים׳לאַך.

איך זעה זיי, אָפּט, אַרומפליהען געשווינד;
ווי אַ שעהן פויגעלע, איז יעדעס קינד.
איינע הייסט, פייגע רבקה׳לע רות-פּילים
די צווייטע הייסט, איירין, חיה׳לע וויללים.

געטליכען תענוג מאַכען זיי מיר פיהלען,
ווען איך זעה זיי, געהן צוזאַמען, זיך שפּיעלען.
ווער עס זעהט ניט די שעהנקייט פון יעדעס קינד,
אויף דעם מוז איך זאָגען, דאָס ער מוז זיין בלינד!

ניו בעדפאָרד, מאַס., אפּריל 11, 1923.

בית המשורר

שטערען וואונקען, ווי די אויגען, פון די מלאָכים,
וואָס זינגען שירה צו גאָט, מיט גרויסע שבחים!
גרינע אינזלען אין אַ ים אונענדליך ווייט
זעה איך פון מיין הויז פאַרטאָג, אין מזרח זייט.
איך הער מוזיקס, געטליכען זיסען קלאַנג,
אין דעם צווישטשען פון נאַכטיגאַלס געזאַנג.
איך זעה, נאַטורס שעהנקייט, פון „איסטערן פּראָמענאַד“,
און זים ווערט מיר, מיין האָוואַרד-סטריט-היים, ווי
מאַרמאָלאַד!

פרייע איבערזעצונגען פון ר׳ יהודה הלוי זצ״ל

לכבוד אחות, רוחמה ויקרה, מנחה שלוחה —
(באהבה רבה לאחותי היחידה פעסיע ווינאקור).

ר׳ יהודה הלוים חלום וועגען דער עבודה

פרייע איבערזעצונג

אין בית המקדש האָט מיר מיין טרוים געבראַכט,
ווען איך בין אונרוהיג געשלאָפען ביינאַכט,
און מיינע כהנים האָב איך דאָרט בעטראַכט,
ווי זיי זיינען מקריב מנחות און נסכים,
עולות, חטאות, אשמות, שלמים און זבחים.

און אַרום און אַרום, שווערע זיילען רויך,
האָבען זיך געהויבען צום הימעל גאַנץ הויך;
איך האָב געהערט דאָס שפּילען פון אינסטרומענטען,
און האָב געשוועבט מיט זינגערס אין הויכע וועלטען.

די לוויים האָבען געזונגען זייערע שעהנע ליעדער,
זיי האָבען גאָט געבעטען פאַר מיינע אונגליקליכע ברידער.

און פּלוצלים, האָב איך דאַן ערוואַכט,
אין מיטען דער פינסטערער נאַכט;
דו ביזט געוועזן, מיין גאָט, מיט מיר,
און צו דיר זינג איך איצט מיין שיר!

דזשוון 13טער, 1923, ניו בעדפאָרד.

ר׳ יהודה טרייסט זיין פאָלק

פרייע איבערזעצונג

א.

אוי, איהר עלענדע טייבעלאַך,
אוי, איהר טהייערע אידעלאַך,
פערלאָזען איז אייער אייגענער נעסט!
איהר זייט אומעטום אונגעווינשטע געסט!

גלות געצעלטען און שטיבער,
זיינען נאָר ווי פּוסטע גריבער.
ווי אַ וויסטע איז אַ גלות לאַנד!
אוי, ווי שרעקליך איז דאָ אונזער שאַנד!

ענדיגען מוז זיך דיזע נאַכט!
אידען, שטעהט אויף און ערוואַכט!
געהט אַרויס גיך פון גלות דאָ און דאָרט!
צוריק צו אייער פאַרגעננוגענס אָרט!

צוריק צום גרענעץ פון חמת און ינוחה!
נאָר דאָרטען קריגט איהר די ריכטיגע מנוחה!

(דער ענטפער פון די טייבעלאַך:)

ב.

זינט מיר זיינען פון ירושלים פאַרטריבען
זינט די שעהנע פּאַלאַצען זיינען וויסט געבליבען,
זיינען מיר אַזוי שרעקליך געפאַלען, וויל דערשלאָגען,
איז אונזער גייסט, פון בעטען, פון וויינען און פון קלאָגען.

ג.

און ווען איך זאָל נאָר האָבען טויבען פליגעל,
וואָלט איך געפלויגען מיט'ן שיפ'ס בוים זיגעל,
נאָך מיין ציון, מיט געזאַנג און מיט לויב,
און וואָלט פאַרלאָזען די פויגעל פון רויב!

איך וואָלט פאַרלאָזען דרום, צפון און מערב.
איך וואָלט פאַרלאָזען גלות אדום און ערב.
ווען גאָט העלפט מיר פון דער לאַנגער גלות נאַכט,
פון פינסטערניש, און גיט מיר צוריק מיין מאַכט!

אָה, שרעקט זיך איהר פאַרכאַפער פון מיין שווערד,
ווען איך ווער צוריק באַזעצט אויף מיין ערד!

אונזער קעניגרייך, וועט ניט זיין שלעכט.
אונזער שוטץ וועט זיין אמת און רעכט!

(דער ענטפער צו די טויבען)

אויף די בערג פון האָפנונג טהוט איהר טרעטען,
ניט אומזיסט איז אייער וואונש און בעטען
מיין זיכערהייט מיט אייך איז נאָך איצט אויך ניט
צושטערט!
ניט פאַרלאָזען האָב איך אייך, און אימער אייך באַגעהרט!

ה.

און אויף די כרובים פליגעל, וועל איך רייטען און פאָהרען,
צו העלפען מיין טאָכטער ווי אין איהרע יונגע יאָהרען.
אין מיין הויז וועל איך ברענגען מיין טאָכטער די שעהנע,
ווען זי וועט זיין אויסגעלייטערט פון זינד אַ ריינע!

רוהע און גליק, וועל איך מיין טאָכטער געבען,
נחת און ליעבע, דאָס בעסטע פון לעבען!
ווי די טהוי, אין דער מדבר׳ס וויסטע ערטער,
זאָלען פאַלען אויף איהר מיינע טרייסט-ווערטער!

דער גרויסער גבור, וואָס העלפט די עקרה,
וואָס דערוועקט צו איהר באַהאַלטענע ליעבע
און טרייסט איהר, פון איהר עלענד, שלעכטע צרה
און דערפרעהט איהר די נשמה די טריעבע.

גאָט, דער איש מלחמה, דער קריגער,
וועט ווידער קומען ווי אַ זיגער,
און איהר וועט ווידער דאָרט פאַשען שאָף און רינדער!...
קומען וועלען אידען אָהן אַ צאָהל,
צו באַזעצען זיך אויף בערג און טהאָל.
וואו די ווילדע פויגעל, אייער בריהען,
וועלען די שעהנסטע רייכע שטעדט בליהען!

און פלאַנצען וועלען זיי כרמים און וועלדער,
שניידען וועלען זיי תבואה פון די פעלדער!
זיי וועלען אַרבייטען, אַקערען און זייהען.
די מאַמע מיט די קינדער וועלען זיך פרעהען.

דזשון 17טער, 1923, ניו בעדפאָרד.

לכבוד ירושלים, עיר הקודש

פרייע איבערזעצונג

(צו מיין זוהן דוד׳לען געווידמעט מיט ליעבע).
דו שעהנער געגענד, די פריידע פון דער וועלט,
דו, שטאָדט פון גרויסען קעניג, און גאָט׳ס געצעלט!
דו ביזט מיין איינציגע נחמה!
צו דיר, צו דיר, שטרעבט מיין נשמה!

זייענדיג אין גלות, אין לענדער, פון מערב זייט,
בנקט איז אַזוי נאָך דיין כבוד פון אַמאָליגער צייט,
נאָך דיין גרויס כבוד, וואָס איז שוין לאַנג פאַרטריבען,
נאָך דעם בית המקדש, וואָס איז וויסט געבליבען!

אוי, ווער קאָן מיר איצט אָדלער פליגעל געבען,
אום איך זאָל אימשטאַנד זיין אַהין צו שוועבען,
און נאָס געמאַכט וואָלט איך די הייליגע ערד,
פון מיינע טרעהרען; די ערד, וואו מיט זיין שווערד,
האָט מיין קעניג געקעמפט, אויפ׳ן פעלד פון קריג
און איבער מיין פיינט האָט ער געהאַט אַ זיעג!
אָ, גאָט! מיין מעכטיגע שווערד, איז שוין לאַנג צובראָכען!
וואו איז די שווערד, מיט וועלכער שאול האָט זיך
דערשטאָכען?!
מיין רחמנות ערוואַכט, צו זינגען צו דיר אַ שיר
אַבוואָהל דיין קעניג, איז שוין מעהר ניט פאַראַן אין דיר!

אין פערפיומירטען גלעד וועל איך מיין קלאָג און טרויער
קלאַנג,
צומישען מיט דעם געוויין פון דער היענאַ, מיט דער
שלאַנג!
איך וויל פליהען און האַלזען און קושען די הייליגע
שטיינער,
אונטער וועלכע בעגראָבען זיינען מיינע עלטערענס
ביינער!

איך וועל זיך ניט שרעקען פאַר דעם גיפטיגען בים,
פון שלאַנגען, ווייל דיין ערד איז מיר, ווי האָניג זים!
צו דיר שטרעבט מיין טרויעריגע נשמה!
דו, נאָר דו, ביזט מיין איינציגע נחמה!

דזשון 17טער, 1923, ניו בעדפאָרד.

ירושלים האָנחי!

פרייע איבערזעצונג

ירושלים, זיפץ! ציון, גיעס דיינע טרעהרען!
דיינע קינדער, קאָנען וויינען, ניט אויפצוהערען!
איך קאָן ניט טרינקען, איך קאָן ניט עסען,
און איך וועל דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסען!

איינדאַרען זאָל מיין רעכטע האַנד,
אויב איך וועל פאַרגעסען מיין לאַנד!
צוקלעפען זאָל זיך מיין צונג צו מיין גומען,
אויב איך וועל דיר ניט דערמאָנען און שטומען!

מיין ליעבער פאָטער איז בייז געוואָרען אויף זיין קינד,
און פון מיין מוטערס צימער, האָט ער פאַר מיינע זינד,
אַרויסגעטריבען מיר, מיט כעס זעהר געשווינד.
אָבער איך בין נאָך אַלץ רב ישראל, גאָטעס קינד!

עשו און ישמאל האָבען פון מיר געראַובט מיין בכורה
מען האָט מיר געמאַכט פאַר אַ פעדלער, אַ קרעמער מיט סחורה.
און דאָך גים איך אוים מיין האַרץ אין תפלה און אין גאָטס תורה,
פעלקער, פעלקער! איך האָב פאַר אייך אַבסאָלוט גאָר קיין מורא!

לאָז זיך

לאָז זיך פון פיינט אין פנים שפייען
און הער ניט אויף צו גאָט צו שרייען!
גיעב ניט דעם שלאָגער דיין האַלז און נאַקען.
העלדיש גיב איהם שלאָגען דיינע באַקען!...

ווייז דעם שונא, דאָס דו ביזט גאָטעס שעהנסטע קינד
און מיט פלאָגען דיך, פאַרקלענערט ער דיינע זינד
און פאַרגרעסערט זיינע זינד, און ברענגט אַ סוף אויף זיך
געשווינד,
ווייל ער איז בלינד און זעהט ניט, דאָס דו ביזט גאָטעס
שעהנסטעס קינד!

זיי פריינדליך צו ווילדע חיות און שלאַנגען,
לאָז הערען דיינע טרויעריגע קלאַנגען.
זיי אַ פריינד אויך מיט דער בת היענה,
דער אָסטריטש, און בעט גאָט און שריי „הושענא“!

געה אַרום לאַנגזאַם מיט אַ ביטער האַרץ!
געה מיט טרויער און אָנגעטהאָן אין שוואַרץ!
ווייל ניט אויף אייביג וועט גאָט אין דיר פאַרגעסען!

ניט לאָזען וועט ער זיי דיך גענצליך אויפפרעסען.
פון גרוב פון גלות, וועט ער דיך אַרויסציהען,
און דיין ריכטיגע הילף וועט קומען פון ציון!...

גאָטעניו! לינדער שוין אונזער שמאַרץ!
רעד אונז שוין אַביסעל אוים דאָס האַרץ!
לאָז ניט געוועלטיגען אויף אונז דעם פיינט!
גאָט! לאָז זיך אונז שוין פרעהען מיט'ן „היינט“!...

דזשון 17טער, 1923, ניו בעדפאָרד.

ציון הלא תשאלי

(לכבוד אבי מורי, מחמד נפשי ר׳ גרשון ב״ר אליעזר, נ. י.)

ציון, ציון, פרעג מיר וועגען דעם שלום, דעם פריעדען,
פון די, וואָס פרעגען אויף דיר, די געבליבענע אידען!
פרעג וועגען דעם שלום פון דיינע צוגעבונדענע
דיינע סטאַדעס שעפעלאַך, די איבערגעבליבענע...

נעהם אָן דעם גרוס פון צפון, חרום, מזרח און מערב,
פון ווייט, פון נאָהענט, פון אַלע זייטען, פון אדום און ערב,
פון אַלע, וואָס ווילען ניט, ווי איך, אויפצוהערען
בייגקען, מיט גרוים לוסט און גיסען זייערע טרעהרען!

און אויך דעם גרוס פון מיר, דעם געבונדענעם מיט תאוה,
מיט לוסט,
וואָס גיסט זיינע טרעהרען, ווי די ראָסע פון חרמון
און האָט אַ גוסט,
און אַ ווּאונש, זיינע טרעהרען אויף דיינע בערג צו לאָזען
פאַלען,
אויף די בערג, די הייליגע, וואו משיח׳ס שופר וועט
שאַלען!

ווען איך באַוויין דיין בראָך

ווען איך באַוויין דיין בראָך, דיין אומגליק, ווער איך
קלאָגעדיג ווי שלאַנגען,
טרוים איך פון דיין אויפלעבונג, ווער איך אַ האַרף, צו
דיינע געזאַנגען!
מיין האַרץ בייגקט נאָך בית-אל און נאָך פניאל, די ערטער,
די שעהנע,
אויך נאָך מחנים, וואו יעקב האָט באַגעגענט מלאָכים
ריינע!...
דאָרט איז די שכינה מיט דיר אַליין אַ שכנת

נאָר דאָרט הערט מען גאָט׳ס ווערטער פון לופּט די ריינע,
און דיין באַשעפער האָט געעפענט געגען דיינע מויערען,
דעם פלאַץ וואו די תפלות געהען דורך די הימלישע
טויערען.

נאָר גאָטעס כבוד אַליין האָט באַלויכטען דיין שעהן געזיכט
דו געברויכסט ניט זון, לבנה און שטערען, מיט זייער ליכט!

איך וואונש

איך וואונש אויסגיסען מיין נשמה מיט השתפכות הנפש,
דאָרט,
וואו דער גייסט פון גאָט האָט זיך באַוויזען אויף יעדען
הייליגען אָרט,
אויף זיינע גרויסע באַגייסטערטע, די אויסגעקליבענע
מענשען,
וואָס גאָט האָט בעגנאַדיגט מיט הייליגער נבואה צו
בענשען.

דו, קעניגליכע הויז, וואו געשטאַנען איז גאָט׳ס טראָהן,
וואו איז דאָס רעכט?

וואו איז דער יושר, דאָס אויף דיינע הערשער׳ס טראָהן,
זאָלען זיצען קנעכט?!
איך וואָלט וועלען אַזוי צו וואַנדערען, דאָרט וואו גאָט׳ס
משולחים,
האָבען מיט גאָט געשפּראָכען און מיט רייד געשטראָפט,
הערשער און מלכים!

ווער קאָן מיר געבען פליעגעל?

ווער קאָן מיר געבען פליגעל, צו פליהען ווייט און זינגען
דאָרט מיין שיר?
איך וואָלט צוטרייסעלט, די צובראָכענע שטיקלאַך, וואָס
ליגען אין מיר,

שטיקלאַך פון מיין צובראָכענע האַרץ, וועלען אויסגיסען
מיין לעצטען שיר,
אויף די הייליגע ערטער, אויף די בערג, בתר, וואָס איז
אַרום דיר!

איך וואָלט דאָרט געקושט דיין ערד, דיין זאַמד, דיינע
הייליגע שטיינער,
אונטער וועלכע עס זיינען באַגראָבען מיינע עלטערען׳ס
ביינער...
און איך וואָלט דאָרט בעוואונדערט מיינע הייליגע אָבות
קברים,
די בעסטע קברים פון חברון, הייליגע ווי הייליגע ספרים!

איך וואָלט געוואַנדערט איבער דיינע שעהנע פעלדער
איבער דיין כרמל און דיינע לבנון וועלדער.
אין גלעד, וואָלט איך בעוואונדערט די בערג „הר ההר"
און „עברים"
וואו עס רוהען דיינע צוויי גרויסע לערער פון ספר הספרים!
וואו עס שיינען נאָך איצט דיינע צוויי גרעסטע ליכטיגסטע
ליכט,
אהרן און משה, מיט זיין שיינענדען, לייכטענדען געזיכט!

חיי נשמות אויך ארצך

ווי לעבענס אָטהעם איז די לופט פון דיין לאַנד.
ווי פערפיומען געווירטצען איז דיין ערד׳ס זאַמד!
דיינע שעהנע, ריינע, טייכען פליעסען,
מיט באַלזאַם און מיט האָניג זיסען...
דאָרט, קאָן איך, פריידען טרעהרען גיסען...

זיס וואָלט מיר געווען צו וואַנדערען, אויף דיינע וויסטע
פּאַלאַצען,
נאַקעט, באָרוועס, דאָרט, וואו דער הייליגער ארון, מיט
זיינע שאַצען,
וואָס זיינען פון מיין לעצטען כהן גדול געוואָרען באַהאַלטען
ביז משיח׳ס קומען, ביז ער וועט ירושלים פאַרוואַלטען!

דאָרטען, וואו באַהאַלטען זיינען מיינע כרובים, מיט מיין כפּורת
און וואַרטען אויף משיח'ן שוין אַזוי פיעל לאַנגע, לאַנגע דורות.
דאָרט וואו עס געפינט זיך מיין פאָלקס איינציגע נחמה
דאָרטען, אין יענעם לאַנד, וואָלט איך דערקוויקט מיין נשמה!

איך רייס פון זיך מיינע האָר

איך רייס פון זיך מיינע גלענצענדע האָר די שעהנע,
ווען איך דערמאָן זיך מיינע נזירים די ריינע,
וואָס זיינען פאַראומריינגט געוואָרען אין גלות,
וויים, וויים!
איך רייס פון זיך מיינע שעהנע האָר און שילט די שלעכטע צייט!

ווי אַזוי קען איך גאָר טרינקען, ווי קאָן איך גאָר עסען,
ווי אַזוי קאָן איך אַזעלכע זאַכען פאַרגעסען,
ווען איך זעה, דאָס די בלוט דאָרשטיגע הינט שלעפּען גאָר דיינע לייבען,
פון די הויכע פּאָזיציעס, וואו זיי זיינען געוועזען דערהויבען!

זעהט אַלע, מיין קוואַל פון טרעהרען, וואָס איך גיס!
ווי אַזוי קאָן די ליכט פון טאָג מיר זיין זיס?
ווען איך זעה דיינע גרויסע אָדלערס ביי די קראָהען אין מויל
און מיין אונגליקליך פאָלק איז האַלב פאַראַליזירט און האַלב פויל?!

כום היגונים, לאָז!

בעכער פון טרויער, לאַנגזאָם
אָ, זיי ניט אַזוי גרויזאָם!
מיין געפּלאָגטער קערפּער איז שוין פול מיט דיין בראַנד,
מיין נשמה איז שוין לאַנג אָנגעזאָפּט מיט שאַנד!

אָ, דו בעכער פון טרויער לאָז מיך שוין אָפּ אַביסעל!
פון דיין גיפט האָב איך שוין געטרונקען אַ גאַנצע שיסעל!
מיינע פלאַנקען און נירען זיינען פול מיט דיין ביטערען גיפט,
ביטערקייט איז אין מיין לעבען און ביטערקייט איז אין מיין שריפט!

אהלה און אהליבה

דערמאָן איך זיך אהלה, די שבטים, די צעהן,
טרינק איך דאַן, דיין גאַנצע גיפט מיט גאַל און מיט ברען!
דערמאָן איך זיך יהודה, בנימין — אהליבה,
פיהל איך דאַן דעם שמערץ פון אַן אָבל זיצענדיג שבעה.

דיין גאַנצע גיפט מיט דיין הייזוען טרינק איך דאַן אויס!
איך פיהל אַזוי ווי די נשמה געהט מיר אויס!
ציון, מיין הייליגעס לאַנד, דו ביזט נאָך יעצט אויך זעהר שעהן!
דיינע בעוואונדערער זיינען נאָך בעצויבערט פון דיין חן!

דיינע חברים מיט הערצער טרויעריגע און טריבע,
זיינען נאָך יעצט אויך, שטאַרק צוגעבונדען צו דיר מיט ליעבע!
עס גיבען נאָך יעצט אויך, זעהר פיעל אמת'ע אידען,
וואָס גריסען דיר און זוכען דיין שלום און פריעדען!

עס גיבען נאָך יעצט אויך פיעל אידען וואָס קלאָגען נאָך,
אויף דיין חורבן און בעוויינען דיין שרעקליכען בראָך.
פון געפּענגנים האַלטען זיי אָן זייער האָפנונג און שטרעבען,
געגען דיינע טויערען בוקען זיי זיך דעם גאַנצען לעבען...

דריי מאָהל אין טאָג ווענדעט זיך יעדער גוטער איד פון זיין אָרט
ביי זיין דאַוונען, מיט זיין געזיכט, צו דיינע טויערען דאָרט!
דיין ליעבע, ווערט צו זייערע קינדער איבערגעגעבען,
זיי דערמאָנען דיר, אויף אַלע שמחות, פון זייער לעבען.

עדרי המונך

די סטאַדעס פון דיינע מאַסען וואָס זיינען געוואָרען פערטריבען,
צוזעהט, צושפּרייט אויף יעדען באַרג און בערגעל זיינען זיי געבליבען.
און דאָך האָבען זיי נאָך ניט פערגעסען דיינע שעהנע שטאָהלען,
און דאָס אָרט פון גוטע שפּייז, און ירדנ׳ס ריינע וואַסער־קוואַלען.

און מיט זייערע לעצטע כחות און קרעפטען
מאַטערען זיי זיך אום זיך ווידער בעהעפטען,
מיט דיין לאַנד און האַלטען זיך פעסט אין דיינע זוימען
און פיעלע פון זיי האַלטען נאָך אַלץ אין איין טרוימען.

אין די לענדער, וואו זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען פון די רוימער,
זיי זאָלען ווידער זיך אָנכאַפּען אין די צווייגען פון די בוימער,
די בוימער פון לאַנד, וואו עס וואַקסען טייטלען, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
און ווידער ערד בעאַרבייטען און פלאַנצען כרמים, אַנשטאָט האַנדלען...

שנער ופתרום

שנער און פתרום, מיט זייער נאַרישען אָריקאָל,
קאָנען זיי דען זיך גלייכען מיט גרויסקייט צו דיין בת־קול ?
זייערע מכשפים, פריעסטער, אַבערגלויבישע בורים,
קאָנען זיי זיך דען פאַרגלייכען מיט דיין תומים ואורים ? !

צו וועמען פון זיי קאָנען זיי פערגלייכען דיינע מלכים
דוד און שלמה, מיט זייערע ערהאַבענע דרכים ?
צו וועמען קאָנען זיי פערגלייכען דיינע הייליגע פּראָפעטען,
און צו וועמען פערגלייכען דיינע לויים, געטליכע פּאָעטען ?

צושטערט מוזען ווערען אַלע קעניגרייכען !
מיט דיין שטאַרקייט קאָנען זיי זיך ניט פערגלייכען !
גענצליך, צושטערט וועלען ווערען לענדער מיט פאַלשע
געטער !
נאָר דיין שטאַרקייט, דיין קרוין, איז אייביג, אַזוי ווי דיין
רעטער !

אָה, שטאָדט פון שעהנקייט

אָה, שטאָדט פון שעהנקייט, ביזט נאָך יעצט אויך זעהר
שעהן !
און פאַר זיין הויפּט שטאָדט וויל דיר האָבען גאָט אַליין !
גליקליך זיינען יענע, וואָס וואוינען אין דיינע מויערען,
גליקליך זיינען יענע, וואָס באַוואַכען דיינע טהויערען !

גליקליך איז דער, וואָס ער וואַרט און האָפט מיט שטרעבען,
צו זעהן דיין ליכט אויפגעהן, זאָל ער דערלעבען !
קומען וועט אויף דיר אַ ליכטיגער פריהמאָרגען,
ווען דו וועסט שוין מעהר ניט טרויערען און זאָרגען !

פון אַלע זייטען וועלען גוטע קינדער קומען צופאָהרען,
און דו וועסט ווידער קומען צוריק, צו דיינע יונגע יאָהרען!

ר׳ יהודה הלוי ענטפערט א געגנער פון ציון

(צו אַ מאַן וואָס האָט איהם געשטראָפט פאַר זיין געהן קיין א״י)

פרייע איבערזעצונג

דיינע שעהנע זיסע ווערטער האָב איך פערנומען,
זיי זיינען פון געווירטצען בערג אַרויסגענומען.
איך האָב ניט ביי זיך געענוג ווערטער פון לויב און שבחים,
פאַר דיר מיט דיינע עלטערען און אייערע דרכים.

דאָך, מיין גוטער, ליעבער פריינד, טהוט עס מיר זעהר לייד
דיר צו זאָגען, דאָס אין דיינע שעהנע, זיסע רייד,
ליעגען בעהאַלטען שווערדען און שפּיזען,
כאָטש דו שטאַמסט פון גרויסע גייסטיגע ריעזען...

אין דיינע פערשטעלטע רייד פיהל איך דעם זיסען
טעם פון האָניג, צוזאַמען מיט די ביסען;
פון אַ טהעטיגע ביען, וואָס שטעכט מיט גיפט!
מיט אַ שטאָך פון אַ דאָרן איז דיין שריפט!

ווי אַזוי האָסטו ניט?

ווי אַזוי האָסטו ניט קיין חרפה, קיין בושה,
צו זאָגען דאָס שוין פערלאָרען די קדושה,
האָט ירושלים, זינט זי האָט פערלאָרען איהר פּראַכט
און גלאַנץ; זינט עס איז געקומען די לאַנגע גלות נאַכט,
נאָך דער שרעקליכער, בלוטיגער, העלדישער גרויסער שלאַכט
און איז שוין פערוויסטעט און צו שפּאָט און צו שאַנד
געוואָרען ביי די אומריינע פעלקער אין האַנד,
ווייל קדושה קאָן ניט זיין וואו עס שטעהט אַ קלויסטער דאָרט,
וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען אויף יענעם אָרט.

ווייל ירושלים איז פול מיט קרומע, בלינדע גלחים,
„מוללאַס" און דערווישען, וואָס האָבען פערטריבען די מלאכים
פון דער קדושה, צוזאַמען מיט דער היילינער שכינה,
זינט די אידען זיינען געוואָרען קלאַגערס פון דער קינה...
אויב דו, פרומער שונא ציון, דענקסט, אַז דו ביזט — גערעכט —

דאַן קומט דאָך אויס, אַז מיר אַלע זינדיגען זעהר שלעכט,
ווען מיר דאַווענען די תפלות און פערשפּרייטען אונזערע הענד
און בוקען זיך געגען ירושלים צו די מזרח ווענט!

דו ווייסט דאָך!

דו ווייסט דאָך פיעל פון די הייליגסטע חברון קברים
וואָס זיינען ביי אונז הייליג ווי הייליגע ספרים!
דיזע קברים האָבען דאָך די אָבות געקויפט זייענדיג גרים,
פרעמדע צווישען די כנענים, חוים און אַנדערע חמורים,
וואָס זיינען געווען שמוציגע ,ווילדע, גראָבע געצענדינער!
דענקסטו, אַז געזינדיגט האָבען דאַן יענע גרויסע
גאָט׳ס דיענער?!

יעקב און יוסף, וואָס זיינען געפּאַלמעסט געוואָרען אין
מצרים,
האָבען דאָך געביינקט און געזיפצט און געגאַרט נאָך
ירושלים —
און חברון, וואָס זיינען דאַן געווען פול מיט טומאה,
מיט פגרים.
צו דענקסטו, אַז זיי האָבען געזינדיגט, בעטענדיג די קברים
פון חברון ביי זייערע קינדער, בעטענדיג צו ווערען דאָרט
בעגראָבען, אַזוי ווי אַלע אָבות, אויף יענעם הייליגען אָרט?

צו דען אומזיסט האָבען די אָבות דאָרט געגאָסען נסכים,
געשטעלט מצבות און מזבחות פאַר קרבנות און זבחים?!
איז דאָס אַלעס געווען פון זיי אַ זינד?!
ענטפער מיר יעצט, מיין טייערער, געשווינד...

איהר געהט אויף קבר אָבות

איהר געהט אויף קבר אָבות בעזוכען די טויטע,
וואָרום דען זאָלט איהר, יעצט פון שאַנדע, ניט ווערען
רויטע?!
טויטע קערפּערס, געדענקט איהר, אין די ערטער, וואו
איהר זייט געזעסען,
און דער אָרון, מיט די לוחות בעהאַלטען, זאָל ווערען
פערגעסען?!

זאָלען מיר געהן צו בעזוכען די ערטער פון ווערים און
גריעבער
און פערלאָזען דעם ריינעם קוואַל פון לעבען? אָה, מיין
גאָט, דו ליעבער!
האָט דען שלמה אונזער גאָט׳ס טעמפּעל אויפגעשטעלט
נאָר פאַר אונז אליין, און ניט פאַר דער גאַנצער וועלט?!

היינט ווי קאָנען מיר זיין אזוי ענג-האַרציג און קאַרג,
מיט דער קדושה און וועלען פערגעסען גאָט׳ס באַרג?!
האָבען מיר דען אין מזרח אָדער אין מערב א לאַנד,
וואו מיר זיינען זיכער אום ניט זיין צו שפּאָט און
צו שאַנד?
האָבען מיר דען אזא לאַנד ווי דאָס שעהנע לאַנד פון אונזער
האָפען,
וואו פאַר אונזערע תפלות זיינען טויערען פון הימעל
אָפען?!
וואו נאָך האָבען מיר כרמל׳ס פערלאָזענע הייזער פון
נביאים,
מיט א מוריה, א בית-אל, היים פון כהנים און לויים?!

דאָרט וואו געשטאַנען זיינען די טראָנען פון אונזערע מלכים
וואו מען האָט געהערט די מעכטיגע רעדעס פון גאָט׳ס
משולחים,
נאָר דאָרט איז דאָס הייליגע לאַנד, וועלכעס דער גרויסער
גאָט
האָט בעשטימט פאַר אונז, ווען מיר וועלען פאָלגען זיין
געבאָט!

און ווען דאָס הייליגע לאַנד איז אפילו יעצט
מיט „מענשען-מאַלפעס" און מיט ווילדע קעץ בעזעצט,
מיט ווילדע חיות, מיט רייסענדע נעגעל און שטויסענדע
הערנער,
וועלען מיר מוזען דערווייל זיין ווי שעהנע בלומען צווישען
דערנער...

פרעג נאָך!

פרעג נאָך פערגאַנגענע יאָהרען און טעג, פרעג דיינע
אַלטע לייט,
פרעג דיין פאָטער, דיין זיידען, וועגען די אבות, אין יענער
צייט;
„פון עבר הנהר האָט גאָט אַברהמ'ען גענומען
און אַלס עלענדער גר איז ער קיין כנען אָנגעקומען".

און שפּאַצירט האָט ער, אברהם, ווי אַ וואַנדערער
אַ שפּאַצירער,
פּראָקלאַמירט האָט ער אחדות הבורא, יענער געטליכער
פיהרער.
און ער האָט געקויפט פאַר זיין הכנסת-אורחים אַן אָרט.
און אַ קבר פאַר זיין טויטער ווייב האָט ער געקויפט דאָרט.

און זיינע נאָכפאָלגער האָט ער געלערענט נאָר צו שטרעבען
צו הויכע וועלטען, צום פרידען און צום אייביגען לעבען;
ער איז געקומען אין אַ לאַנד פון שדים און זבחי מתים,
און האָט דאָרט פערשפּרייט ליעבע און גלויבען און
תחית המתים.

אַלע אָבות

אַלע אָבות האָבען געזאָגט, דאָס מתים וועלען דאָרט,
לעבעדיג ווערען און קומען אַהין פון יעדען אָרט;
זיי וועלען פערלאָזען זייערע פיער איילען
ערד און זיי וועלען זיך קייקלען אונטער היילען.

פון דער גאַנצער וועלט, מתים פון דער ערד,
אויך די געפאַלענע, פון שאַרפען שווערד;
אַלע גרויסע אידישע מענער, פאָלקס פיהרער,
אַלע קדושים, אַלע געטליכע מאַרטירער,
וואָס זיי האָבען מיט זייער טויט געמאַכט ריינער
און פיינער דער זינדיגער וועלט, דער געמיינער!
לעבעדיג וועלען ווערען די טרוקענע ביינער
און קומען וועלען אַלע, ניט פעהלען וועט קיינער!

פערלאָז די חכמת יון

קוק זיך גוט צו, מיין ליעבער פריינד און פערשטעה!
פערלאָז די חכמה פון גריכענלאַנד און געה
צוריק צו דער תורה, אונזער לעבענס קוואַל,
צו תחית המתימ'ס גרויסען אידעאַל!

די גריכישע חכמה איז מעהר ניט ווי פערפלוכט,
זי האָט נאָר שעהנע בלומען, אָבער ניט קיין פרוכט.
און אויב זי האָט יאָ אַביסעל טרוקענע פרוכט,
וואַקסען זיי נאָר אויף דעם שאַרפען קלינג פון שווערד,
און ניט אויף אויסגעאַקערטער, ווייכער ערד.

ניט קיין ערד און באָדען און אויך ניט קיין הימעל!
אויף אַלעם ליגט נאָר אַ דרימעל און אַ שימעל!
זי לערענט דיר צו האָבען נאָר מאַכט און געלד,
ווייל עס גיבט קיין זאַך ניט פריער פאַר דער וועלט.

און עס איז ניט פאַראַן צו מעשי בראשית אַן אָנפאַנג,
און די חכמי יון גלויבען דאַרום אין מאַכט און צוואַנג;
די יונים גלויבען אויך, אַז עס וועט ניט זיין קיין ענדע,
צו די בענייטע לבנות! גריכישע לעגענדע.
און מיטאָלאָגיע איז פערדונקעלט; אָהן שכל, אָהן
פערשטאַנד,
און אָהן פונדאַמענט זיינען די רייד פון די חכמי
גריכענלאַנד!

די חכמת יון וועט זיך אויסברעכען מיט אַ ליידיג האַרץ,
וועסטו בלייבען מיט שעהנע פראַזען, אָבער מיט טרויער
שמאַרץ!
יעצט, פריינד, וואַרום זאָל איך זוכען וועגען פערדרעהטע
און פערלאָזען די מוטער פון די וועגען די ברייטע?!...

ז" ימים לחודש תמוז, אין דעם דריטען יאָרצייט
טאָג פון הרב הגאון ר' דוד גינזבורג זצ"ל. רב
דראָטשעסטער, נ. י. ורב בווילקעסבאַר, פאַ.

פייגע רבקהלע אָדער פּילים רוטה

(איהר ניאַנקע דאָרים און איהר איירישע משפּחה שיקען
מתנות צו איהר געבורטסטאָג)

„דאָרים“ האָט געשיקט פּאַפּיר,
צו איהר „דאַרלינג בייבי דיער“.
פּאָליסמאַן „הערבערט“, האָט געשיקט קענדי אַ גאַנצען פּונט...
געקומען זיינען אויך, נאָז טיכלאַך, פון „דזשערי“ זיין הונט...
און אויך פון „פּיטער“, דעם פּאָליסמאַנ׳ס קאָטער.
און ער אַליין, איז דאָס „דאָריסעס פּאָטער“...

זיין געליעבטע האָט געשיקט אַ טעלעפאָן.
מיר האָבען געהאַט, זעהר פיעל שפּאַס מיט „פאָן“...
און הערט אַ וואונדער, גאָר דער גרעסטער!
געשיקט האָט אויך „מיימי“, זיין שוועסטער!
אַ פאַרטוך האָט געשיקט, מיימי די פרומע,
די גראָבע, פעטע, אונט מיימי, די מוהמע!

געשיקט אַ פּאָר „גאַרטעס“, האָט אויך דער יונגער „דזשאָהן“,
דער איירישער פּיטער, וואָס פּיט זיך ווי אַ האָן.
און גלויבט אין סעינט פּעטריק, און אין אייערלאַנדס פאָהן,
און שרייט: הורראַ, הורראַ! „הערין גאָ בראַ!“
הורראַ, הורראַ! פאָר מאַי דע וואַ לע ראַ!

— — — — — — — — — — — — — — — —

אוי, גאָטעניו, גוטער! נאָר מיט ליעבע זאָלסטו אונז בענשען!
די מענשהייט מוז האָבען, נאָר ליעבע פון מענשען צו מענשען!
נאָר מיט מענשליכע ליעבע, זאָלסטו אונז אַלעמען בענשען!

דזשענואַרי 8, 1923, ניו בעדפאָרד, מאַסס.

דער משוגענער אַנטיסעמיט

פּאַראַן אַ משוגענער, אין מישיגען, דיטראָיט,
מיט אידען־האַס און כעס, ברענט אויף איהם די הויט.
מיט בלוט־שוויים אַרבייטען פאַר איהם אַרבייטער פיעל,
און דיעזער טפש, מאַכט געלד, פון אַן אָטאָמאָביל.

ער רעדט זיך, ווי אַ יענקי, געלאַסען און קיהל
און פאַרשפּרעהט שלום, געמישט מיט גיפטט, אין דער שטיל.
קיין אייראָפּא, איז ער דום אַוועק, מאַכען פריעדען.
און איז געקומען צוריק, מיט האַס צו אידען...

אַ שלום פון האַס, האָט געבראַכט, דער העלד פון שטרוי.
פאַר זיין משוגעת, איז שולדיג אַ אידישע פרוי.
יענע פרוי, איז ניט קיין אסתר, נאָר פון עסטרייך.
זי האָט געברויכט דיעזען טפש, ווייל ער איז רייך...

וינט דאַן, קאָן ער ניט רוהען, דיעזער רייכער יאָלד,
וועלכער איז אָרים אין שכל, און רייך אין גאָלד.
און פאַרזאַמעלט, ארום זיך, פאַרשטעהער פון מאָרד.
און דער משוגענער, איז זייער פיהרער און לאָרד.

גאָט אַליין ווייסט, צו וואָס משוגעת קאָן פערפיהרען?
אַ מעכטיגעס, פריי לאַנד, קאָן אויך רעגרעסירען.
קנאָה און שנאָה, קאָן צום אָפּגרונד דערפיהרען.
האַס, איז אַ שרעקליכע קרענק, פון די געהירען!

מיט זיין גיפטיגען אָרגאַן, פון שמוץ און פון שריפט,
וואָס פערשפּרעהט פינסטערניש, ראַסען האַס און אויך גיפט,
וועט ער ברענגען אויף פרייהייטס לאַנד אַ בהלה,
אָבער ער וועט אויך, כאַפּען המנ'ס מפּלה!

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

לאָרד קוירזאָן

Every fool can fight.
It is the business of statesmen
To bring peace.

לאָרד קוירזאָן

Every fool can fight
Statesmen must be bright
To avoid a fight.

אָה, דו קלוגער לאָרד קוירזאָן,
מאַן פון ענגלישען ריזאָן,
ווי קלוג זיינען דיינע רייד!
אָבער ווי עס טהוט מיר לייד,
דאָס צו שפּעט זיינען געקומען דיינע ווערטער.
ערשט נאָך דעם ווי טויזענדער הייליגע ערטער,
זיינען געשאַפען געוואָרען אין פראַנקרייך,
דורך מענשען וואָס האָבען געוואָלט ווערען רייך,
פון מלחמה און פאַרדיענען, פּראָפיטירען,
גרויסע פערדיענסטען, פון מענשליכע געהירען,
פון מענשליכעם בלוט און פיעלע מאַמעס טרעהרען,
פון צובראָכענע הערצער, פון צוריסענע גליעדער,
פון בלוטיגע, מענשליכע יאַטקעס, פון שלאַכטען ברידער!

צו שפּעט, זיינט איהר געקומען, צום שכל פיהרער פון בריטאַניען!
צו שפּעט, בעדויערט איהר, די קריעג אונגליקליכע פון גערמאַניען!
נאָך דעם וואָס איהר האָט געשאַפען פאַר דער וועלט אַזוי פיעל צער,
זיינט איהר, ערשט געקומען צום שכל דאָס שלאָגען זיך, קאָן יעדער נאַר?!

אָבער, וואו ביזטו געוועזען פריער לאָרד קוירזאָן?!
וואו איז ביז יעצט געוועזען דיין ענגלישער ריזאָן?!

שטאַאַטס לייט פון פריעדען

„עס איז די אַרבייט פון „סטייטסמען“, שטאַאַטס לייט,
צו מאַכען פריעדען“,
אַזוי זאָגסטו יעצט, לאָרד קוירזאָן! אָבער נאָר פריעדליכע
אידען,
קאָנען מאַנכעס מאָהל לעבען מיט האַרמאָניע, ליעבע און
פריעדען!
ווייל דער איד האָט זיך שוין אָנגעליטען אַזוי פיעל צער.
פון יעדען באַנדיט, פון יעדען פאָלק, פון יעדען שלעכטען
נאַר,
און דער איד איז דער איינציגער צו פאַרשטעהן
דעם שמערץ פון דער וועלט! זיין האַרץ איז ניט פון
שטיין!
פאָרלויפיג שטעהט פאַר פריעדען מעהר ניט ווי דער איד
אַליין!
פון צרות איז דעם אידענס נשמה געוואָרען ריין,
אָבער איהר, שטאַאַטס לייט, בעזיצען הערצער האַרט ווי
שטיין!...

אייניקלאַך פון די מאַקאַבייער

ברידער! פאַרגעסט אַ ווײַלע דאָס איהר זייט הענדלער
און דרעהער!
געדענקט, דאָס איהר זייט די אייניקלאַך פון די
מאַקאַבייער!
פערגעסט דעם אָפּגאָט „ממון“, דעם גאָלדענעם מעטאַל,
דעם קאַלטען,
געדענקט, דעם רעוואָלוציאָנער מתתיהו, דעם אַלטען.

געדענקט יענעם גרויסען כהן מיט זיינע קינדער,
וואָס האָבען געשלאַכטעט די טיראַנען ווי רינדער.
געדענקט שמעון חשמונאַי, דער קלוגער און דענקער,
וואָס האָט פערראַטען די עצות פון גריכישע הענקער,

גערענקט יונתן, דעם גרויסען העלד און בעזיעגער,
געדענקט יהודה המכבי, דער וועלט׳ס גרעסטער קריגער,
דער גרויסער אידעאַלער קעמפּפער, דער אידישער העלד,
וואָס איז מיט זיין שווערד אין האַנד געפאַלען אויף דעם
קריעגס פעלד!

געדענקט יוחנן גדי, מיט זיינע עטליכע מענשען,
וואָס זיינען פעררעטען געוואָרען דורך די ווילדע מענשען,
פון אַראַביען, וואָס זיינען פיינט־פריינט, שילטען און
בענטשען...
געדענקט דיזען גרויסען קדוש! זיין זכר זאָלט איהר
בענטשען!...

געדענקט אלעזר החורני, דעם פלינקען, דעם גיכען,
וואָס האָט מיט זיין שווערד זיך דורכגעשלאָגען צווישען
די גריכען
און געלאָזט זיך צו דעם „קעניג׳ס העלפאַנט“ מיט דעם
שעהנעם געצעלט,
אַ ציטער איז אַריבער איבער די יונים, אַ שרעק, אַ קעלט.

ווי פון קעלט האָט זיי געקלאַפּט די ציין פאַר איהם אַליין,
און אַ וועג פאַר איהם האָבען זיי געמוזט מאַכען־ריין,
ווען ער האָט געדענקט, אַז דער גריכישער קעניג אַליין,
געפינט זיך דאָרט אין דעם שעהנעם געצעלט פון
העלפאַנט ביין.

די גריכישע ליינס האָט ער ווי שטורם־ווינד צובראָכען,
דעם שרעקליכען העלפאַנט האָט ער אונטער זיין בויך
דערשטאָכען;
און מיט אַ גליקליכען שמייכעל האָט דער העלד באַגעגענט
זיין טויט!
אויב איהר לערענט דאָס ניט אייערע קינדער, מעגט איהר
ווערען רויט,
פון שאַנדע, איהר הענדלער און דרעהער מיט קעפּ פון אַ
לעבעל ברויט!...

אייזיק, דער קאָונטרי מלמד

וואָס זאָגט איהר? מען מוז וויסען קינדער׳ס נאַטור?
מען מוז לעזען און פאַרשטעהן ליטעראַטור?
נאַרישקייטען! מען דאַרף נאָר קאָנען פּיקסען!
מען דאַרף נאָר וויסען מיט ווייבער זיך מיקסען.

„פּיקסען" די לעהרער קאָן נאָר איך!
אָה, פּיקסען קאָן איך, זעהר גיך;
ווייל צווישען די ווייבער קריך איך!
אויך אַלטע שיך פּיקסען, קאָן איך!...

אָט ווי איהר זעהט! קוקט מיר נאָר אָן!
איך בין אַ קעמפּפער ווי אַ האָן;
איך קאָן אַריינקריכען אין אַ הויז,
איך וויים זעהר גוט ווי איין און אויס.

אויך מיר אַ וואַזשנעם פּנים,
האָבען ביי מיר רבנים,
אויך לעהרער און חזנים!
איך בין דאָך פון יונים!

איך בין געוועזען אַ סאָלדאַט,
איך בין דאָך אַ גאַנצער כוואַט,
און געפּיקסט די לאַטעס אַפילו אום שבת,
זאָל איך מורא האָבען פאַר לעהרער, די דראַבעס?

ווען עס קומט דער פּעדאַגאָג מיסטער שטיין,
רוף איך איהם „כל בוניק" און ער מוז געהן,
אָבער איך בלייב זיך מיר אויף איין אָרט שטעהן...
איך קען זיך מאַכען גאַנץ נידריג און קליין...

עס צולויפען פון דאַנען חזנים,
איך מאַך צו מופען אַמאָהל רבנים,
אָבער איך לערען תורה,
אויף איין פּוס מיט הפטורה...

איך האָב זיך מיר דאָ פאַרקליבען
און אויף אייביג דאָ פאַרבליבען,
איך ווייס ווי תלמידים צו נעהמען
איך קאַן די קינדער רופען נעמען ;
אויף דעם פעהלט מיר ניט קיין מאַטעריע,
אָה, אויף דעם בין איך שוין גאָר אַ בריה !

מלמדים, לעהרער און רבנים

מלמדים, לעהרער און פרומע רבנים !
ווייסט איהר וואָרום איהר האָט גאָר ניט קיין פנים,
אפילו ביי די גרויסע מאַסען אידען ?
ווייל איהר ווייסט ניט ווי צו לעבען אין פריעדען !

ווייסט איהר וואָרום איהר האָט ניט קיין מאַכט
און אייך איז שלעכט, פינסטער ווי די נאַכט ?
ווייסט איהר וואָרום איהר מאַטערט זיך ביז דעם טויט ?
ווייל איהר זייט אין שרעק פאַר „אַ שטיקעלע ברויט" !...

איהר זייט ווי פון אַ פּאַניק דערשראָקען
און איהר קוקט דאָרום אויס ווי אַ פלאָקען !
איהר גיט זיך איינער דעם צווייטען אַ שטאָך
און איהר פאַרשטופּט זיך אַליין אין אַ לאָך...

אייך איז שלעכט. איהר שרייט צו גאָט : הושענא !
אָבער האָט צו קיינעם ניט קיין טענה !
אייער געוויסען איז אפילו ריין,
אָבער שולדיג זיינט איהר דאָך נאָר אַליין !...

פאַרשטעהט אַביסעל שטאַאט און פּאָליטיק !
לערענט זיך פון רעפאָרמער זייער טאַקטיק !...
לערענט זיך פּראָפעסיאָנעלע עטהיק !...
דאַן וועט איהר קריגען אייער כבוד צוריק...

דער סדור פעדלער

ער וויגט הפטורה אויפ׳ן פונט.
ער בילט אויף לעהרער ווי אַ הונט.
ער חנפ׳ט וואו מען דאַרף, ער קריכט, ער לעקט.
איך לויף פון דעם עקעל וואָס ער ערוועקט!

אָה, אידען, היט אייער תלמוד תורה,
פון פעדלער מיט סדור און הפטורה!
הייליג, זים און ליעב איז די הפטורה,
אָבער פיעל הייליגער איז די תורה!

פול מיט שמערץ

פול מיט שמערץ
איז מיין הערץ.
מיין האַרץ בלוטעט צו וויסען
דאָס מיין פאָלק איז צוריסען.

פון ווילדע חיות איז מיין יוגענד צוביסען,
פון לעבען קאָנסטו מיין פאָלק פיעל ניט געניסען.
און וואָס טהו איך, יעצט אויף פאַר דיר,
מיין פאָלק? גאַר ניט! וואָס איז אַ שיר?

פול מיט שמאַרץ
איז מיין האַרץ,
מיין האַרץ איז מיר צוריסען
עס פלאַגט מיר דאָס געוויסען...

אָה, מיין היים, מיין שעהנע זיסע היים

אָה, מיין היים! מיין שעהנע זיסע היים! איך קאָן דיר
ניט פערגעסען!
אַבוואָהל איך קאָן אויך ניט פערגעסען, מיינע פיינט
וואָס געזעסן,
זיינען זיי לעבען מיר, אַנטיסעמיטען, אָפּגעפרעסענע
פערד,
וואָס האָבען קיין זינען פאַר אמתע שעהנקייט, פון
הימעל און ערד!

פיעל ליעבער, איז געוואָרען מיר, מיין דערוויילינגער
גלות נעסט,
זינד עס זיינען געקומען צו אונז די יודעלסאַנס, ליעבע
געסט,
נאָבעלע אידישע קינדער, וואָס זיינען ניט וויים געזעסען.
אָה, מיין היים! מיין שעהנע זיסע היים! איך קאָן דיר
ניט פאַרגעסען!...

חנה און איהרע זיבען קינדער

(אַ חנוכה דראַמאַ פאַר קינדער)

פון י. י. אַקערמאַן

(למזכרת נצח לנשמת הרבנית העניע ביילע בת הרב ר׳
יקותיאל זצ״ל מחבר ספר „חבת הקודש״ והגהות מהרי״ל)

ערשטע סצענע:

אנטיוכוס אויף זיין טראָהן, אין דעם קייזערליכען פּאַלאַץ, אין אַנטיוכיע, סיריען.

פּערזאָנען:

אנטיוכוס, מלך יון; ליזיאַס, שר המלחמה; היליאדאָרוס שר האוצרות; מענלאַאוס, הבוגד בעמו.

א נ ט י ו כ ו ס:

איך בין אַנטיוכוס עפּיפאַנוס
און ניט אַנטיוכוס עפּימאַנוס!
איך וויל ווערען הערשער פון דער וועלט
מיט דער הילף פון בית המקדש געלט.

דערום מוז איך פּייניגען די אידען
אַבוואָהל זיי לעבען מיט מיר אין פריעדען.
איך וועל דערום אַרויסגעבען זיי אַ געבאָט
זיי זאָלען אַריינשטעלען אין טעמפּעל מיין גאָט.

מיין אָפּגאָט צעאוס מוזען זיי דיענען
ווען ניט, וועט זייער בלוט פון זיי רינען
ווי וואַסער אין קוואַלען, גאַנצע טייכען!
זיי מוזען זיך צו די גרעקען גלייכען!

וואָס זאָגסטו, ליזיאַס, האָב איך רעכט?
אָדער פיליכט איז מיין פּלאַן גאָר שלעכט?

ל י ז י אַ ס (מיניסטער פון מלחמה):
יאָ, גרויסער קעניג, דו ביזט גערעכט!
דיין פּלאַן, הערשער, איז שוין גאָר ניט שלעכט!

איך בין בעזאָרגט פון דער רוימישער מאַכט.
עס וועט מוזען, ענדליך קומען צו אַ שלאַכט.
און מיט פיהרען מלחמות אָהן געלט,
קען מען דאָך ניט זיעגען אויף דער וועלט!

אַ נ ט י ו כ ו ס:
און וואָס זאָגסטו, פינאַנס מיניסטער,
מיין פריינד, הילִיאָדאָר, דער זיסטער?

ה י ל י אָ ד אָ ר (מיניסטער פון דער טרעזשורי):
מיר מוזען די אידען מאַכען פאַר גרעקען
דאַן וועט קיין רעוואָלוציע ניט וועקען
זייערע בעסטע קינדער אונז צו שרעקען.
איך קאַן אַ אידען, וואָס וויל ווערען דער שטעקען
פון זיין פאָלק. ער וועט אונז חנפ׳נען און לעקען!
ווי אַ הונט געטריי וועט ער זיין, צו דיר.
ער וועט טאַנצען דיין טאַנץ, זינגען דיין שיר.
ער וועט פאַרשאַפען זיין פאָלק שמערצען און וועהען
אויב דו וועסט איהם מאַכען פאַר דעם גרעסטען כהן.

אַ נ ט י ו כ ו ס:
ברייננ מיר גלייך דעם אידישען פעררעטהער
דער כהן גדול פון היינט אָן איז ער!
(הילִיאָדאָר ברייננט אריין דעם בוגד און שטעלט איהם פאָר). הער מענעלאַאוס! (פאַרנייגט זיך).

מ ע נ ע ל אַ א ו ס:
אָה, לאַנג לעבען זאָל דער קעניג פון די גריכען!
הערשער פון דער וועלט זאָלסטו ווערען אין גיכען!

אַ נ ט י ו כ ו ס (צו מענעלאַאוס):
איך ווינש דיר אויך זעגען און פריעדען
אָה, דו כהן גדול פון אידען!

מ ע נ ע ל אַ א ו ס (איבערראַשט):
אָבער, אָה, קעניג, ווי קאָן דאָס זיין?
איז די כתר כהונה שוין מיין?

אַ נ ט י ו כ ו ס:
יאָ, דאָס איז שוין זיכער!
דיין וואונש איז פיעל גיכער
ערפילט געוואָרען ווי דו האָסט געטראַכט!
דו ווערסט כהן גדול צוליעב מיין מאַכט!

מ ע נ ע ל אַ א ו ס (פאַלט אויף די קני):

אָה, איך דאַנק דיר מיין גרויסער, מאַכטיגער האר!
וואָס זאָל איך איצט טהון פאַר דיר, קעניג, דערפאַר?

אַ נ ט י ו כ ו ס:

כהן, העלף מיר צו מאַכען די אידען פאַר גרעקען!
ליעבע צו מיין קולטור זאָלסטו אין זיי ערוועקען

מ ע נ ע ל אַ א ו ס:

איך וועל זיך צו די אידען נעהמען
איך וועל בייטען זייערע נעמען
פון העברעאיש
נאָר אויף גריכיש.
ווי די גרעקען דיין ווילען ערפילען
אַזוי זאָל מיין פאָלק, אָלימפּוס גיימס שפּיעלען.
זיי זאָלען פערגעסען די תורה
און האָבען נאָר פאַר דיר אַליין מורא.
זיי זאָלען לערנען גריכישע ליטעראַטור,
און זאָלען ניט מיינען, אַז תורה איז קולטור.

אַ נ ט י ו כ ו ס:

עפּעס דערמאָנסטו מיר צופיעל אייער תורה!
איך שרעק זיך עפּעס פאַר דער אידישער תורה.
איך וועל וואַרפען אויף די אידען אַ מורא
און איך וועל גיך פאַרברענען די תורה!
איך מוז אויך האָבען פון בית-המקדש דאָס געלט
דו פאַרשטעהסט איד?! איך מוז הערשען איבער דער וועלט
מיט דער הילף פון אידישעס בלוט און אידיש געלט!

אַ ל ע צ ו ז אַ מ ע ן:

לאַנג לעבען זאָל קעניג אַנטיוכוס!

(פאָרהאַנג פאַלט)

צווייטע סצענע

(פערזאנען: אנטיוכוס, גענעראל בכחידום, חנה מיט איהרע זיבען קינדער און מערדערום דער תליון)

גענעראל בכחידום

(קומט אריין און ברענגט א רעפארט, סאלוטירט און זאגט):

גרויסער הערשער! מיר האבען געכאפט אידען וואס פאל־
גען ניט דיין געבאט,
א פרוי מיט זיבען קינדער, וואס ווילען ניט פערגעסען
זייער גאט!

אנטיוכוס:

ברייננגט זיי אריין די פרעכע אידישע הינט
איך וועל זיי דערטרינקען אין א טראפען פון טינט!

(פערצעהן זעלנער שלעפען אריין א פרוי מיט זיבען קינדער).

גענעראל בכחידום

מיר האבען אייער קעניגליכען בעפעהל ערפילט,
אט זיינען זיי! זייער בלוט וועט שוין ווערען פערקיהלט!

(אנטיוכוס קוקט אויף די שעהנע אידישע קינדער און ווערט מילד).

אנטיוכוס:

קינדערלאך, איך האב אויף אייך רחמנות
איך וועל אייך געבען רייכע מתנות!
אויב איהר וועט ווערען אוים אידען
וועט איהר דאן לעבען אין פריעדען!
ערשטער קינד, קום אהער!

דאס ערשטע קינד:

אט דא בין איך, מיין הער!

אַ נ ט י ו כ ו ס:

ווי רופט מען דיין מאַמען
און ווי איז דיין נאָמען?

ד אַ ס ע ר ש ט ע ק י נ ד:

מיין מאַמע הייסט חנה, בעסער, פרומער, פון אַלע דאַמען,
איז מיין מאַמע! און גבריאל איז מיין אידישער נאָמען.

אַ נ ט י ו כ ו ס:

אָה, גבריאל! איך וועל דיר טהון גוטעס זעהר פיעל
אָבער דו מוזט זיך בוקען צו מיין גאָט, אַלס ביישפיעל.
פאַר דיינע איבעריגע ברידער,
ווען ניט צוריים איך דיינע גליעדער!

ג ב ר י אַ ל:

איך וועל ניט זיין קיין פאַרברעכער!
מיין גאָט שטעהט ביי מיר פיעל העכער!
אָה, דו קאָנסט נאָר מיין גוף צורייסען
אָבער מיין נשמה אָפּרייסען
פון מיין גאָט, קאָנסטו ניט, מיין הער!
ווייל איך בין ניט קיין פעררעטהער!
איך האָב געלעבט אַלס אַ איד
און וועל שטאַרבען אַלס אַ איד!

אַ נ ט י ו כ ו ס (מיט כעס):

שווייג, דו אידישער הונט!
שניידט זיין פלייש אויפ'ן פונט!
תליון, צום טויט פיהר איהם אַרויס!
גיך, נעהם איהם אַרויס פון מיין הויז!

(תליון מערדערוס פיהרט איהם אַרויס).

אַ נ ט י ו כ ו ס:

צווייטער זוהן, קום אַהער!
דו ווילסט אויך זיין ווי ער?!

ע ו ב ד י ה :

יאָ ! מיין ברודער איז אַ העלד
ווי פון אַ מלחמה פעלד !
איך וויל אויך ניט זיין קיין פערדעטהער !
איך בין גרייט צו שטאַרבען פונקט ווי ער !

אַ נ ט י ו כ ו ס (מיט כעס) :

מיט דיין בלוט וועסטו שוין בעצאָהלען !
צום תליון :
אויף שטיקלאַך זאָלסטו איהם צומאָהלען !

(מערדערום פיהרט איהם אַרוים).

צ פ נ י ה (דער דריטער זוהן) :

אָה, וועה, מיינע טהייערעברידער !
הייליג זיינען אייערע גליעדער !
בעזינגען וועט מען אייך אין אַ שיר !
אָה, איך בין אויך פונקט אַזוי ווי איהר !
גרויסע אידישע מאַרטירער !
איהר וועט זיין יעצט מיינע פיהרער !
ווי משה'ן קושט אייך גאָט אין גן־עדן,
לעבען אברהמ'ען אונזער זיידען !

אַ נ ט י ו כ ו ס :

שווייג, שווייג, דו פערפלוכטער איד !
איך וויל ניט הערען דיין ליעד !
(מערדערום פיהרט איהם אַרוים).

אַ נ ט י ו כ ו ס (מיט כעס) :

גענוג, גענוג דערפון,
ברענגט מיר דעם פערטען זוהן !
(אַ זעלנער שלעפט צו דעם פערטען זוהן ישעיה).

אַ נ ט י ו כ ו ס (מילדער) :

פאָלג מיך, פאָלג דיין קעניג און זיין געבאָט !
פאָלג מיר און בוק זיך צו צעאום, מיין גאָט !

ישעיה (שטאָלץ) ענטפערט:

דו ביזט ניט מיין קעניג, דו ביזט נאָר אַ טיראַן!
איך שרעק זיך ניט פאַר דיר! עס איז אַ גאָט פאַראַן!
(אַנטיוכוס גיט אַ וואונק צום תליון).
דער תליון פיהרט איהם אַרויס.

אַנטיוכוס (צום פינפטען זוהן):

נו, און דו ווילסט אויך זיין אַזאַ נאַרישער נאַר,
און פערשאַפען דיין מוטער אַזוי פיעל צער?

נחמיה:

איך שרעק זיך ניט פאַר דיינע ליידען און פיין
דו וועסט גיך פוילען און אין דער ערד אַריין!
דו, מערדער, רעדסט נאָך פון מאַמעס לייד און פיין?
זיי וויסען, מערדער, דאָס נאָר איין גאָט איז מיין!

(אַנטיוכוס גיט אַ וואונק צום תליון. מערדערום נעהמט איהם אַוועק).

אַחזיה:

אָה, מיינע טהייערע און העלדישע ברידער!
איך וועל זיך אויך לאָזען רייסען מיינע גליעדער
פאַר מיין גאָט, פאַר מיין תורה און מיין היים!
איך וועל אויך שטאַרבען על קדוש השם!
(ווענדענדיג זיך צו אַנטיוכוס'ען)
און זייענדיג אין הימעל וועט מיין נשמה
נעהמען פון דיר, מערדער, בלוטיגע נקמה.

מערדערום:

קום! איך מוז דיר צום עשאַפאָט ברענגען,
ווען ניט וועט ער מיך אויך זיכער הענגען!

(דער תלין שלעפּט אַרויס אחזיהו׳ן, אָבער אַנטיכוס איז שטאַרק דערשראָקען פון אחזיהו׳ס ווערטער. ער קוקט אויף דעם לעצטען זיבעטען, נאַאיווען קינד און ער ווערט זעהר מילד צום קינד. ער רופט דאָס קינד צו און רעדט צו איהם זעהר גוט אין דער שטיל):

ליעבעס קינד,
ריין פון זינד,
האָסטו ניט קיין מיטלייד מיט דיין מאַמען?
זאָג געשווינד, ליעבעס קינד, זאָג דיין נאָמען!

ד אָ ס ז י ב ע ט ע ק י נ ד:
ידידיה איז מיין נאָמען,
איך וויל העלפען מיין מאַמען
מיט אַ טרייסט וואָרט, אַ קוש און אַ גלעט,
אָבער ליידער, עס איז שוין צו שפּעט!

א נ ט י ו כ ו ס:
אָה, עס איז נאָך יעצט אויך ניט שפּעט,
זעה, ידידיה, דיין האַנד איך גלעט!
בוק זיך צו מיין גאָט!
פאָלג, קינד, מיין געבאָט!

י ד י ד י ה:
אָה, מען טאָר ניט דיענען קיין אַנדער גאָט!
אַזוי שטעהט אין דער תורה גאָט׳ס געבאָט!

א נ ט י ו כ ו ס:
(נעהמט אַראָפּ זיין טהייערען פינגערעל — בויגט זיך אָן צום קינד און רעדט שטיל):

איך וועל אַראָפּוואַרפען מיין רינגעלע
און דו זיי מיר אַ גוטער אינגעלע
און דו וועסט זיך אָנבויגען
אויפהויבען פאַר די אויגען
פון אַלע מיינע קנעכט,

וואָס וועלען מיינען שלעכט,
דו וועסט בלייבען גערעכט
פאַר דיין גאָט און פאַר מיר!
טהו דאָס נאָר צוליעב איהר!
(ווייזט אָן אויף חנה׳ן)
טהו דאָס צוליעב דיין טהייערע מוטער!
איך וועל דיר זיין אַ פאָטער, אַ גוטער!

ידידיה:

איך פערשטעה דיר ניט!
וואָס מיינסטו דערמיט?

אנטיוכוס:

מיין ליעבעס, טהייערעס קינד
בעגעה ניט קיין גרויסע זינד!
רעטע יעצט פון טויט דיין ליעבע מוטער!
איך וויל דיר זיין אַ פאָטער, אַ גוטער!

ידידיה:

אָה, אויב דו קעניג ביזט טאַקע אַזאַ גוטער,
וואַרום האָסטו ניט קיין מיטלייד מיט מיין מוטער?!
וואַרום ווילסטו אַראָפּוואַרפען דיין רינגעלע
און וואַרום רופסט דו מיר יעצט: גוטער אינגעלע?

אנטיוכוס:

ווייל איך ווייס שוין ביי זיך, אַז דו ביזט גערעכט
אָבער עס איז מיר אַ שאַנדע פאַר די קנעכט!

ידידיה:

אָה, אויב דו ציטערסט אַזוי פאַר דיין עהרע,
וואַרום זאָל איך ניט דענקען פון מיין בורא,
און פערשוועכען די הייליגע תורה,
די תורה פון כבוד און גאָט׳ס עהרע?!

אנטיוכוס (ווענדעט זיך צו חנה׳ן):

איידעלע, העלדישע פרוי,
זאָג, וואָס שטעהסטו יעצט אַזוי?!

האָסטו דיזע קינדער ניט געטראָגען ?
אָה, ווי אַזוי קאָנסטו דאָס פערטראָגען ? !
מוטער ! האָסטו דען זיי ניט ערצויגען ?
עס איז שוין צייט דיין שטאָלץ צו פערבויגען !
מוטער ! רעטע דעם לעצטען פונק פון דיין לעבען —
אַזאַ שעהנעם קינד, מיט אַזאַ הויכען שטרעבען !

חנה :

שווייג, דו טיראַן ! דו חיה אין מענשען געשטאַלט !
וואָס ווייסטו פון מוטער־ליבע, באַנדיט פון גוואַלט ?
ווער ביזטו, מערדער, צו לערנען אַ אידישע
פרינצעסין,
וואָס קאָן ערציהען איהרע קינדער, אין גאָט ניט
פערגעסען !
מיר שרעקען זיך ניט פאַר פייער און בלוט !
מיר שרעקען זיך ניט פאַר טיראַנענס קנוט !
מיר, אידען, שרעקען זיך גאָר ניט פאַר אַ פייגלינג'ס
פאַלשע מאַכט !
אַברהמ'ס קינדער קאָנען ברענגען קרבנות אָהן אַ
שלאַכט !
איך האָב זיבען קרבנות צו גאָט געבראַכט !
גאָט וועט דיר בעצאָהלען פאַר דיין מענשען שלאַכט !

אנטיוכוס :

(מיט שרעקליכען כעס) צום תלין :

נעהם דאָס קינד און צושמעטער איהם אויפ'ן וואַנד !
און זאָל דאָס בלייבען אויף דיזער שלאַנג אַ שאַנד,
דאָס זי האָט ניט געוואָלט רעטען איהר קינד
זאָל דאָס בלייבען אויף איהר די גרויסע זינד !

אנטיוכוס :

און איהר זאָלסטו לאָזען לעבען !
איהר לעבען וועל איך איהר געבען
אַלס געשאַנק דיעזען שלאַנג,
אום עס זאָל איהר טהון באַנג !

און איך וועל דעם פערגעניגען געניסען
צו זעהן ווי עס פּלאַגט איהר דאָס געוויסען!

(דער תלין שלעפּט אַרוים דאָס קינד און ער, דער תלין וויינט און קרעכצט — חנה קלאָגט און זינגט: אלי, אלי, למה עזבתני?! אַקאָמפּאַנירט מיט פּיאַנאָ. — עס הערט זיך פון יענער זייט וואַנד דאָס לעצטע געשריי פון דאָס קינד ידידיה, ווי ער שרייט אוים שמע ישראל!).

חנה שרייט אוים מיט אַ האַרצרייסענדען געשריי:

איך געה מיט אייך, מיינע ליעבע קינדער!
איהר זייט שוין אין גן־עדן אַצינדער!
קינדער, איך וועל אייך באַלד זעהען, יעדען
לעבען אברהמ׳ען אין גן עדן!
שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!

חנה פאַלט און שטאַרבט...

(דער פאָרהאַנג פאַלט און עס הערט זיך אַ בת־קול:
אַם הבנים שמחה!

בת קול:

די מאַמע האָט געפונען יעדען
פון איהרע קינדער אין גן עדן!
אם הבנים שמחה בגן עדן!
זיי פערברייננגען צוזאַמען אין פריידען!
מלאכים האָבען זיי אויפגענומען גיך
און מיט אַלע צדיקים פרעהען זיי זיך.
זיי פיהלען שוין ניט קיין פיין און וועהען.
אין גן עדן טהוען זיי זיך פרעהען!...

די חשמונאים און די מכבים

א חנוכה דראַמע פאַר קינדער

פערפאַסט פון י. י. אַקערמאַן.

(ערשטע סצענע)

אָרט: — דער דאָרף מודעים, אין ארץ ישראל. אויף אַ באַרג אין מודעים שטעהט די גרעסטע הויז, די הויז פון מתתיהו בן יוחנן החשמונאי הכהן.

צייט: — 3594 לויט אידישער צייטרעכנונג.
בימי הבית השני.

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

מ ת ת י ה ו, אַן אַלטער כהן.

שמעון יונתן יהודה אלעזר יוחנן	} זיינע פינף זיהן.

(מתיהו זיצט אין זיין הויז אויף אַ דיוואַן פון דמשק, זיפצט און קלאָגט און קרעכצט. ער האָט נאָר וואָס ערהאַלטען אַ ידיעה פון ירושלים דאָס מען צווינגט די אידען, מיט דער הילף פון מיליטער, צו פערשוועכען דאָס אידישע גלויבען. די שונאי ישראל ווילען פערניכטען די אידישע נשמה. אַזוי שרייבט איהם אַ פריינד, אַ כהן, פון דער משמורה פון יהוירים וואָס איז יעצט אין ירושלים).

מ ת ת י ה (מיט אַ קרעכץ צו זיינע קינדער):

אוי, מיינע ליעבע קינדער!
אוי, מיר זיינען ווי רינדער,
אויף הפקר ביי די גרעקען געוואָרען!
ווי שעפסען געקוילעט און געשוירען!
(זיפצט און וויינט).

ש מ ע ו ן ה ת ר ס י:

יאָ, ליעבער טייערער, הייליגער פאָטער,
אַנטיוכוס האָט אַ האַרץ פון אַ טאָטער!

עס האָט געשוחטען חנה'ס זיעבען קינדער
פּונקט ווי מען שלאַכטעט שעפּסען, אָדער רינדער!
(מתתיהו קרעכצט).

יונתן:

אָה, געדענקסטו, טאַטע, דעם אַלטען אליעזר,
דעם אַלטען תלמיד חכם, מיט די אויגען גלעזער?!
מען האָט איהם דער'הרג'עט, ווייל ער האָט קיין חזיר ניט געגעסען
אָה, גאָט אין הימעל! זאָג מיר טאַטע, צו קאָן מען דאָס פאַרגעסען?

(מתתיהו וויינט).

יהודה המכבי:

שולדיג אין דעם זיינען אויך אידישע פערפיהרער
די העלעניסטען, וואָס מסר'ן די מאַרטירער!
אָה, פאָטער, פאַר אונזער תורה, די אידישע נשמה,
דאַרפען מיר קעמפען אָן מורא, אום צו נעמען נקמה!

אלעזר החורני:

טאַטע זיסער! וואָס פאַר אַ ווירדע האָט מיין לעבען
אַלס אונטערטהאַן פון גוים?! לאָמיר אַלע שטרעבען
צו פערקויפען אונזער לעבען זעהר טהייער,
אום די וואָס וועלען בלייבען זאָלען זיין פרייער!

יוחנן:

די קדושים, מאַרטירער, זיינען ניט קיין קנעכט!
אָבער איך דענק דאָס עס וועט זיין זעהר שלעכט
פון אונזער זייט צו שטאַרבען אָן קאַמף, אָן מלחמה,
לאָמיר קעמפען און נעהמען ביטערע נקמה!

(מתתיהו ווערט בעגייסטערט. ער הערט אויף צו וויינען. שטעהט אויף פון זיין שטוהל מיט גלענצענדע, פייער-דיג-ברענענדיגע אויגען וואָס גלאַנצען מיט'ן גלאַנץ פון דורשט נאָך נקמה און ליעבע צו גאָט און צו דער תורה.)

מתתיהו:

יאָ, דאָס בלוט פון פנחס האָט שוין אין מיר ערוואַכט!
קנאת ה׳ צבאות רופט מיר צום שלאַכט!
יאָ, מיינע טייערע קינדער, איהר האָט רעכט!
אייערע געדאַנקען זיינען גאָר ניט שלעכט!

מיר מוזען קעמפען פאַר אונזער תורה!
חוץ דעם בורא, דאַרפען מיר מורא
גאָר ניט האָבען פאַר קיינעם!
איך רוף צו יעדען איינעם:
צו נעהמען ווידער אין האַנד, דוד המלך׳ס שווערד
און קעמפען פאַר דעם בעשעפער פון הימעל און ערד!

אַלע קינדער אין כאָר:

ל״ה הישועה!
הידד! תקיעה, תרועה!
אָה, לאַנג לעבען זאָל אונזער פאָטער!
טויט צו אַנטיוכוס דעם טאָטער!
אָה, לאַנג לעבען זאָל אונזער פאָטער!

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

(צווייטע סצענע)

אָרט: דאָס דאָרף מודיעים, אין הויז פון מתתיהו.

(פון די פעלדער פון מודיעים הערט זיך אַ טרומפּייטער פון טרומפּייטען און דער רויש פון מאַרשירענדע סאָלדאַטען. מתתיהו גורט אָן זיין שווערד אונטער זיינע לאַנגע בגדי כהונה. די פינף זיהן טהוען דאָס זעלבע און גורטען אָן זייערע שווערדען אונטער זייערע קליידער).

(פּערזאָנען: אפּעלעס — אַ גריכישער קאָמאַנדיר, גריכישע סאָלדאַטען, מתתיהו הכהן און זיינע פינף זיהן, און די אידען פון מודיעים. בוגדיאל הבוגד.)

מ ת ת י ה ו:

פערלאָזט זיך אויף גאָט, מיינע ליעבע קינדער!
גאָט וועט אונזערע שמערצען מאַכען לינדער,
דיזע שווערד איז אַ שווערד פאַר גאָט אַצינדער!

(אַ רעגימענט גריכישע סאָלדאַטען מאַרטשען אריין אין מודיעים מיט זייער פאַלקאָוניק, קאָמאַנדיר אָן דער שפּיצע. די חשמונאים בעאָבאַכטען פון ווייטענס יעדע בעוועגונג פון דאָס גריכישע מיליטער).

אַ פּ ע ל ע ס (דער גריכישער קאָמאַנדיר):

דער איד איז אַ פייגלינג! ער האָט דאָך ניט קיין
מאַכט.
מיר וועלען זיי מאַכען פאַר גרעקען איבער נאַכט!
ברענגט דעם חזיר! אַ מזבח מאַכט
צו צעאום אונזער גאָט, אָהן אַ שלאַכט!
מיינע העלדישע זעלנער! שטעלט זיך אויס אין
שורה צו פיער!
צו פיער!
אידען פון מודיעים! איך בין אפּעלעס דער
קאָמאַנדיר!

(די אידען פון מודיעים שטעהען און שווייגען).

אַ פּ ע ל ע ם:

איך וועל אַוועקגעהן צום כהן פון דיזען אָרט
וועלכער וואוינט מיט זיינע קינדער אויף דער באַרג דאָרט,
און איך וועל איהם דעם קעניג׳ס בעפעהל פאַרלעזען.
עס וועט זיין אַ גרינגע אַרבייט, ווי געוועזען
איז דאָס מיט אַנדערע אידען!
איך וועל ריידען מיט איהם פריעדען!

(אַפּעלעס געהט אַוועק צום כהן. ער קלאַפּט אין טהיר).

מ ת ת י ה ו:

זאָג, ווער איז דאָס דאָרט?

אַ פּ ע ל ע ם:

שלום, איז מיין וואָרט!

מ ת ת י ה ו:

ביטע, קומט אַריין.

אַ פּ ע ל ע ם (קומט אַריין, פערנייגט זיך און זאָגט):

איך בין אַפּעלעם
פון אינזעל העלעס,
גריכישער קאָמאַנדיר
איך קום בעזוכען דיר!

מ ת ת י ה ו:

ווערטהער הער, אויב דו ביז אַ פריעדענס גאַסט,
ביזטו מיר ווילקאָמען און ניט קיין לאַסט
די אידען האָבען אימער ליעב אַ גאַסט!

אַ פּ ע ל ע ם:

ווירדיגער פאָרשטעהער פון מודיעים׳ס אידען!
אין דעם נאָמען פון קעניג ווינש איך דיר פריעדען,
און איך בין צו דיר כהן, אין דיין הויז אַריין

דיר בעטען אַ קרבן צו ברענגען. איך לאַד איין
דעם כהן צו קומען צום מזבח גלייך
און דער קעניג וועט דיר דערפאַר מאַכען רייך!

מ ת ת י ה ו:

דיין איינלאַדונג, איז אַנגענומען!
איך וועל באַלד צום מזבח קומען!

אַ פּ ע ל ע ס:

איך דאַנק דיר, כהן, פאַרשטעהער פון די אידען!
איך בין מיט דיין אַנטוואָרט זעהר גוט צופריעדען
עהרע צו אַזאַ קלוגען כהן אַן אַלטען
דו האָסט אַ קלוגען, קלאָרען שכל, אַ קאַלטען!...
(אַפּעלעס פאַרנייגט זיך און געהט אַוועק צום מזבח).

מ ת ת י ה ו (צו זיינע קינדער):

גרייט זיך צו מיינע קינדער, יעדער מיט זיין שווערד,
גרייט אייך אָן אַ פרייע פאָהן, מיט עטליכע פערד!
דערווייל לאָמיר האַנדלען ווי דיפּלאָמאַטען,
וואַרט אויף מיין סיגנאַל צו שלאַכטען די סאָלדאַטען!

י ה ו ד ה ה מ כ ב י:

ליעבער פאָטער! מיר זיינען גרייט! איהר
חשמונאים, ברידער הערט!
אַפּעלעס מוז שטאַרבען און זיין מזבח מוז ווערען
צושטערט!

(אַפּעלעס מיט זיינע סאָלדאַטען ברענגען אַלע אידען פון מודיעים צום מזבח, וואָס זיי האָבען אויסגעבויט אין מיטען דאָרף, און זיי וואַרטען אַלע אויף מתתיהו החשמונאי. מתתיהו מיט די קינדער קומען אָן).

אַ פּ ע ל ע ס:

זיי מיר געגריסט מתתיהו, דו אַלטער כהן!
אַט אַזוי וועסטו רעטען די אידען פון וועהען
און אומזיסטע יסורים מיט צרות און ליידען!
זיי מקריב דעם חזיר און איהר וועט לעבען אין
פריידען!

מתתיהו:

איך בין אַ כהן צום אויבערשטען גאָט!
איך, חשמונאי פאָלג נאָר גאָט'ס געבאָט,
דעם געבאָט פון גאָט פון הימעל און ערד
און מיר שרעקען זיך גאָר ניט פאַר דיין שווערד!
מעגען אַלע פעלקער פאַר אייך זיך שרעקען,
כדי אייער כעס ניט ערוועקען,
אָבער איך מיט מיינע העלדען־קינדער
וועלען בלייבען אידען אויך אַצינדער!

בוגדיאל (אַ אידישער העלעניסט, געהט צו צום מזבח און רופט אוים):

אַפּעלעס! גרויסער גענעראַל!
עס איז דאָך באַוואוסט איבעראַל!
דעם קעניג'ס בעפעהל, דאָס מיר מוזען גרעקען זיין
דערום וועל איך יעצט דעם חזיר דאָ מקריב זיין!
(בוגדיאל בויגט זיך אָן צום מזבח).

(מתתיהו מיט געטליכען צאָרן ציהט אַרויס זיין בלויזע שווערד פון אונזער זיינע קליידער, שטעכט אַריין זיין שווערד אין האַרצען פון בוגדיאל'ן און שרייט אוים ווי אַ לייב):

דו מענשליכער חזיר! פּגר מיט אַלע חזרים!

טויט צו אַלע בוגדים און די גריכישע חברים!
חשמונאים קינדער! מיינע העלדישע גבורים
קינדער!

די צייט פון אידישער פרייהייט איז שוין געקומען
אַצינדער!

(אַלע פינף זיהן מיט די אידישע יונגע לייט פון דעם דאָרף מודיעים וואַרפען זיך אויף די גריכען מיט העלדישען פייער פון נקמה און מתתיהו קאָמאַנדירט. — דער פאָר־האַנג פאַלט און די שלאַכט געהט אָן הינטער די קוליסען).

מ ת ת י ה ו :

שלאָכטעט די חזרים — די יונים!
אַלע יונים האָבען איין פּנים!
קעמפּט, חסידים, כהנים און רבנים!

(די אידען קעמפּפען און שרייען:)

פּאַר אונזער גאָט, פּאַר אונזער גלויבען
האָבען מיר די פּאָהן אויפגעהויבען!
פּאַר אונזער גאָט! פּאַר אונזער תורה!
מיר האָבען פּאַר קיינעם קיין מורא!

(די אידען בעזיעגען די גרעכען).

(עס הערט זיך די שטימע פון יהודה המכבי אין שטורם פון קאַמפּף).

י ה ו ד ה ה מ כ ב י :

אָט אַזוי, ברידער! לינקס, רעכט!
קוילעט, הרג'עט, ברעכט, שוחט, שטעכט!
נעהמט זיי אַרום פון אַלע זייטען!
אָה, מיר זיינען שוין יעצט ווי לייטען!
ניט בלייבען פון די יונים זאָל קיינער!
אַפּעלעס, קעמפּף עהרליך איינער אויף איינער!
דער בית-המקדש וועט שוין ווערען ריינער!
ניטאָ קיין אַנדער גאָט! גאָט איז נאָר איינער!
שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד!

דער פאָרהאַנג ציהט זיך אַרויף און מען זעהט ווי יהודה וואַרפט זיך אויף אַפּעלעס'ען און בעזיעגט איהם אין קאַמף. די גריכישע סאָלדאַטען ליגען טויט אַרום דעם מזבח). — יהודה המכבי וויקעלט פאַנאַנדער אַ אידי־שען פלעג פון וויים און בלוי מיט דער אויפשריפט „מכבי" און שרייט אוים מיט עקסטאַז:

מ י כ מ ו ך ב א ל י ם ה"!

אַלע אידען זינגען אין כאָר:
הוראַ, הוראַ פאַר אונזער גרויסען העלד!
יהודה מכבי ווי אַ לייב אויף דעם פעלד!
הוראַ פאַר דעם רעטער פון ישראל׳ס געצעלט!
הוראַ פאַר דעם גרעסטען העלד אויף דער וועלט!
אַן ענדע איז געקומען צו קלאָגען און וועהען,
הוראַ, הוראַ, פאַר מתתיהו אונזער כהן!
מיר וועלען ווידער בויען אָקערען און זייהען,
און די מאַמע מיט די קינדער וועלען זיך פרעהען!

מתתיהו (זינגט):
יה אלי
גואלי!
מצילי!
ברך עמלי!
היה גואלי!
יה, אל, חי, לי, לי!

די אידען אין כאָר:
הוראַ, פאַר אונזער גאָט!
הוראַ, הוראַ, פאַר גאָט׳ס געבאָט!
יאָ, יאָ, דער איד האָט אַ גאָט!
יאָ, יאָ, דער גרעק איז צו שפּאָט!
יאָ, יאָ, דער איד האָט אַ גאָט!

מתתיהו (זינגט):
נשיר נא לכבוד התורה
המלאה שמחה ואורה!

די אידען אין כאָר:
יאָ, יאָ, דער איד האָט אַ תורה!
יאָ, יאָ, דער איד האָט קיין מורא!
הוראַ, הוראַ פאַר אונזער תורה!
מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא
נאָר פאַר אונזער גאָט, אונזער בורא!

(דער פאָרהאַנג פאַלט)

(דריטע סצענע)

(צייט — 3595 לבריאת העולם)

(ירושלים. — יהודה המכבי האַלט אַ רעדע ביי חנוכת המזבח אין דער עזרה פון בית המקדש. אידען שטעהען בעוואָפענט און זינגען הלל. דאַן נאָך זאָגען הלל, האַלט יהודה המכבי זיין גלענצענדע רעדע דעם אַכטען טאָג):

מיינע טהייערע ברידער אידען!
אַלס כהן בענש איך אייך מיט פריעדען!
פאַר זיין טויט האָט מיין פאָטער געזאָגט: דו יהודה,
פיהר דיינע ברידער אין קאַמף פאַר תורה ותעודה!
און מיט גאָט׳ס הילף האָבען מיר בעזיעגט ליזיאַס
און די גענעראַלען ניקנור גאָרגיאַס,
אַפּאָלאָניוס
און דימיטריוס
און פיעלע אַנדערע גענעראַלען
זיינען אויך פאַר אונזער גאָט געפאַלען!
פיעלע פעלקער האָבען רעוואָלטירט
דער איד האָט זיי שוין ציוויליזירט.
דער שונא איז נאָך מאָביליזירט,
דאָך האָב איך אייך צום בית המקדש געפיהרט.
דעם מזבח האָט איהר בענייעט און פעררייכט.
אידען זיינען אמת׳ע אידען געבליבען
און די העלעניסטען האָבען מיר פערטריבען.
אידען! זאָגט הלל מיט׳ן פולען מויל!
מיר האָבען דאָך געפונען הייליגען אויל
פער׳חתמ׳עט מיט דעם כהן גדול׳ס חתימה
אַ קליין קריגעלע! זעהט דאָס פון דער בימה!
און מיט גאָט׳ס נס האָט עס געברענט אַכט טעג!
גאָט וועט זיין מיט אונז אויף דעם פיינד׳ס געיעג!
דערום ערקלעהר איך חנוכה אַכט טעג,
אַלס אַ יום טוב פון די ליכטעלאַך

און דערצעהלט שעהנע געשיכטעלאַך
פון דעם יום טוב פון די ליכטעלאַך
אויף דור דורות צו די קינדערלאַך!
צינדט אָן די חנוכה ליכטעלאַך!...

(אינגלאַך און מיידלאַך בעשיטען יהודה המכבי מיט
בלומען און זינגען אין כאָר):
די ליכטעלאַך, די ליכטעלאַך,
זיי דערצעהלען געשיכטעלאַך!
עס פלאַקערען די ליכטעלאַך,
אין די שעהנע אויגעלאַך
פון אידישע פויגעלאַך,
פון משה'לאַך
און יאַנקעלאַך,
פון שרה'לאַך
און רבקה'לאַך,
שעהנע אידישע מיידעלאַך
מיט צניעות'דיגע קליידעלאַך
וואָס שפּיעלען זיך אין דריידעלאַך!

(מען בענשט חנוכה ליכט)

ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה!

ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם שעשה נסים לאבותינו, בימים ההם בזמן הזה. הנרות הללו וכ"ו.

מעוז צור ישועתי.
לך נאה לשבח.
תכון בית תפלתי
ושם תודה נזבח.
לעת תכין מטבח
מצר המנבח.
אָז אגמור בשיר מזמור
חנוכת המזבח;

יונים נקבצו עלי
אזי בימי חשמנים.
ופרצו חומות מגדלי
וטמאו כל השמנים.
ומנותר קנקנים
נעשה נס לשושנים.
בני בינה
ימי שמונה
קבעו שיר ורננים;

ר׳ דוד גינזבורג זצ״ל

ד ו ד

דן דין אמת לאמתו,
והצדק היה אתו.
דלים האכיל מפתו.

ג י נ ז צ ב ו ר ג

גאון הרבנות, בחכמה ובתורה,
יחס משפחתו גדול, טהור כמנורה.
נשיא בעמו, אביר הגמרא,
זהר שכלו, נראה לי כסברא.
ברונים ונדיבים נמנו במשפחתו.
ונשיא הארץ, טפט, קבלו במשלחתו.
רב ששמו בתפוצות ישראל נודע,
גדול, ולגאונים ידיד ומודע.

ר׳ דוד גינצבורג זצ״ל

ב ן

בוערים הנם עוד, חשמלי זיקים מתורתו.
נשמת חיים, מרחפת עדנה, מנשמתו.

ה ר ב

הר גבוה תלול, לא יפול.
ראש חלמיש צורים ולא יבול.
בן גדולי ישראל, נושאי כתר תורה.

ה ג א ו ן

הולמו עטרת יחוס, כבוד ומורא.
גדול היה דוד, כעסקן צבורי, בכל עניניו.
אמץ ברכים כושלות, ידים רפות חזק כבניו
ויעזרם ויושיעם בצור איתן מחנהו.
נשמתו תמריא במרום, צור עוז משכנהו.

יצחק אייזיק

ישב ועסק בתורה, בחכמה ותבונה,
צבי ישראל, וחוקר תעלומות, בלא תפונה.
חקות העולם ידע ודרכי עמים הבין.
„קורות ודעת הדורות", „גם לרב אין הובין"!
אמר אלוף האלפס, ספרא, ספרי ותוספתא.
ידע כאחד חכמים, כר' שמעון בן חלפתא.
יום, יום שקד על דלתות התורה.
זהרו פניו בגיל ובאורה.
ידו פתח, לתת מלחמו לדלים.
קרוביו לעזור עבר ימים וגלים.

זצ"ל

זכותו יגן במרומים עלינו.
צדיק הדור, ימליץ בעדנו.
לא ישכח זכרו מתוכנו!

חתן

חסד ואמת גמל, עם כל האנשים,
תבונתו עזרה לעשירים ולרשים.
נדיב לב זה, נשא בעצמו יסורים קשים.

ר' יקותיאל

רמא"ג הסופר העברי, מחבר של „הדביר",
יצא בשמים, לקבל את דוד בשיר.
קדושים וטהורים, רבנים גאונים,
ודאי יצאו, לקבלו בשמי מעונים.
תואר פני „שאגת אריה", מאירים בשמים;
ילחוש לר' יקותיאל ומרמז בעינים
אל רב יאנקעלע קראזער ואבי ר' יצחק אייזיק
לצאת לקראת המלך דוד, בידו להחזיק.

נ"ע

נתעלה נשמתו, משק כנפים רעשו,
על דרכו מלאכי אלהים, את חותני פגשו.

בחלומי ראיתי, מלאכי אלהים,
נשאו את מטת דוד, נכד „שאגת הארי“,
על כנפיהם: מטה מכוסה פרחי מור וצרי.

נשמתו הזכה והבהירה, נהרה מזיו שמים.
עדת הגאונים, קבלה פניו בגן עדן, על יבלי מים.

וסובבוהו צדיקים וחכמים מכל השערים,
עם עטרותיהם דדהב פיזא, שאלוהו מכל עברים:

„מה שלומך, המלך דוד, מנהיג ורועה ישראל?
מדוע זה מהרת לבוא הנה, דוד, ידיד אל?
ומדוע מהרת ככה, לעזוב את ארצות החיים?
למה מהרת לבוא, בפרגוד נהנים מזיו שמים?
ועל מי נטשת את מעט הצאן,
מלכתך ובנותיך, בנות החן? !“

ויען דוד ויאמר: „רב בישראל הייתי
ורוש ולענה, מצרות חיי עמי, שתיתי.
רב בדור יתום, שכל צדיק נעזב ושלוח,
בדור, שהחומר רומס ברגלים, את הרוח.

לא חפצתי, ליהנות כאחרים, מקערה של צדקה...
כי הגיעה ללבי, קול שועת בת עמי והזעקה...
עסקתי בצרכי צבור, באמונה, כחותני, כאבי,
וזקנה קפצה עלי, בן נ"ב שנה, כעל שמואל הנביא.

נלאתה נפשי מנשוא, שפלות רוחנית, וליוצרה שבה.
נטשתי את המלכה ועל אדני תשליך יהבה!“
ותצא בת קול מן הפמליה בגן עדן:
„פנו דרך לרב! יורה, יורה! ידין, ידין!
„גאון וסיני, עוקר הרים,
„ידוע במדינות ובערים.
„נפשו מלאה זמרת יה ושירה.
„זכה נשמתו, מספיר מאירה.
„בן גדולי ארץ ושועים חביבים
„ודבר נגידות, כבן נדיבים.
„ראש ויועץ למלכים, חבריו הרבנים.
„גדול בתורה, כהלכה מגלה פנים“.

ז׳ תמוז, שנת תרפ"ג, ניו בעדפארד, מאסס.

מזכרונות ההספד של הרבנים הגאונים שבאו לספור על מות חברם ר׳ דוד גינצבורג זצ״ל בשם אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה

סמל אצילות מתמונתה הצרופה של היהדות,
גודל מגמתו היתה, להביא לעמו פדות.
נכבדים גדולים, שאלו ממנו הרמנא ורשות.

ארי שבחבורה, איש חמודות,
גביר לאחיו, בנגידות וידידות,
ונסמכו עליו רבנן, מלכי התורה.
דרשו בעצתו סוחרים, מלחי הסחורה.
תמימי דרך, הביטו אליו, בגיל ואורה.

הוי, הילל בן שחר, שב מארץ לשמים!
רבותינו שמעו ושפכו דמעות כמים.
ביתו באו רבנים, מכל העברים.
נמהרו מלכי התורה, מרוב הערים;
ישבו שמה דומם, בביתו, אחרי מותו,
מספד מר, באו לקשור עליו ולבכותו.

מדה קרעה אשתו המלכה ותשב לארץ,
ממרורים שבעה ונפשה לה ירעה על הפרץ
שפרץ אדני, בעוזה ובחומת משגבה.
פחדו רבנים לנחמה מצרתה הרבה:
חכמים ישבו בראש מורד, ישישים יחד עם צעירים.
תחתם ישבו דומם, גאונים מחברי קינים ושירים,
הגאונים יפה, כהנוביץ, סיגעל וגוטערמאַן
ודייווידסאָהן חתנו וכותב הטורים אַקערמאַן,
שפלו רמים מבטם וכח לא עצרו.
אלה אבירי התורה, מאומה לא אמרו.
גדול היה כים הצער, השבר והכאב.
תאנית המלכה, נשמעה מארץ, בקול אוב.

הוי אָדון והוי הודו, אהוב מלכה ובניה!
אביר אצילי גדולי התורה ולומדיה!
רכב ישראל ופרשיו, שר תורה וצבאותיה!
יקרע לבי לגזרים, מכבי המלכה ובנותיה!
ז׳ תמוז תרפ״ג, ניו בעדפאָרד, מאַסס.

הכתובת על מצבת הרב גינצבורג

שהקימה העיר ווילקעס-באַרר על לוח אבן השיש על האוהל של החומה על קברו. הכתובת חוברה על ידי משכילי העיר.

„דוד מלך ישראל, רועה עדתו
„וסגן ראש לאגודת הרבנים בארצנו.
„דורש טוב לעמו ולציון נחלתנו.

„גדולת שמו תזכר לנצח בקרבנו,
„יום פטירתו נשארנו באפילה,
„נרנו נכבה, נפל אחד מראשי הגולה,
„צחה נשמתו ותמימה כעולה
„בכה בכו וקוננו אנשי עירנו
„ומי יורנו אורח צדק ויאיר דרכנו
„רבנו הקדוש רכב ישראל כי איננו
„גאוננו ותפארתנו כי נעדר ממנו?
ה״ה הרב הגאון המפורסם כש״ת **דוד** בהרב ר׳ **יצחק אייזיק גינצבורג** זצ״ל ראב״ד דראָטשעסטער, נ. י. ט״ו שנה. נאסף אל עמיו ז׳ תמוז שנת תר״ף לפ״ק.״

נפש האָדם הגדול

(בעקבות המשורר הגרמני געטהע)

(מקדש לזכר נשמת הרב הגאון ר׳ חיים נתן שאָכעט זצ״ל אב״ד דפּאָרטלאַנד.)

נפש האדם הגדול, דומה בכל למים.
כמים היורדים מעננים שבשמים.
ולמעלה שבים, עולים כבעלי כנפים.

כך גם הנפשות התמימות, הזכות והטהורות
יורדות מן השמים, כמתנות יוצר המאורות
ולמעלה הן שבות לעוף, כמקננות בעפאים.

כמים הנופלים על האדמה,
להסתר עמוק, בחורים שמה
ומתפרצים ברעש, בין כפים וצורים, ומתגלים
לעיני הרואה, בתמונות קצף, משברים וגלים —

כך גם חלק אלוה ממעל — הנפש,
יורדת בגוף, המלא חלאה ורפש
ומסתירה געגועיה בצניעות ובענוה,
נוהמת כיונה ועל אדני תשליך יהבה,
ופתאום, היא מתפרצת, מהמון רגשות כבירים
ובהשתפכות הנפש, תוליד לחש, קינים ושירים
ומנתקת את האסורים, ברעש ובשאון,
כמים המנפלים מראשי הכפים בגאון.
ואם תפגוש מכשולים על דרכה, תקוץ באדמה
ואל יוצרה תשוב תעלה, בטהרתה, הנשמה!

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

נלכה נא יחד

נלכה נא יחד, נערות ונערים,
לטיל בשדות וביערים!
נרדה נא, ללקוט שושנים בעמקים
ולקדם בבוקר, השמש בשחקים!

כבר קצה נפשנו, בחיי הערים!
נעלה נא לשאוף רוח צח על ההרים!
כבר קצה נפשנו לשמוע המית שאון השוקים!
נשמע נא הוד קול, המית הפלגים, בתולות ורוקים!

שם נתענג על הדר הטבע,
הפרוש על כל עמק וגבע!
רק שם נשמע נעימות, זמירות, צפצוף הצפרים;
רק שם נשכח את רישנו, את חיינו המרים!

פאָרטלאַנד, מעין.

אַל תכנע!

אַל תכנע לפני עשיר גם ועם האָרץ,
כי יזלזל אותך ויפרוץ עליך פרץ,
כפריץ החיות, בנסותך לפשר פשרה,
לרצות דעתו, כי בעיניו דרכו ישרה.

כאשר תודה לו במקצת, תביא על נפשך צרה;
יענה עזות ויתגאה וידבר עליך סרה,
ויחשבך לא למורה ורועה, כי אם לפרה.
תאבד חנך בעיניו, וימאס הצעתך הברה.

יהפוך עור הכבשה ויורך לכת „בדרכו הישרה“.
רועה, רועה! אחוז בחבל ומשוך את הפרה!!!

בפולין הגאָה והבזויה

בפולין הגאָה והבזויה,
באוקרינא, השפחה השבויה,
שני העמים הבזוים נלחמים,
כחיתו טרף, צמאים לדמים,
יחד משמידים, גוי צדיק תמים!

אהה, אדני! ראה נא שם!
שם שוטפים, נהרי, נחלי דם!
והנהרים, אוי, כבר נהפכו לים,
ים סוער, מכה גלים, של אש ודם!
ובאותו ים הדם, טובע עם —
עם נבחר, עם של עבר גדול ורם!

אהה, אדני! הלוא גם לים שמת חוק,
ולמה אדני, תעמוד עתה מרחוק?!
למה תעלים, לעתות בצרה,
לאומה בחירה, ישרה וברה?!

מדוע, אדני, לאומתך לא תושיע ?
סוד היסורים, אנא, גלה לי, והודיע :
מדוע דרך פולנים רשעים צלחה
ומדוע ירוקו צדיקים דם וליחה ? !
מדוע יקונן עמי, רק קינות ו„איכה“ ? !
מדוע יקראו לישראל : „צא טמא ולכה !
„מקומך לא יכירך פה, יהודי, עני חלכה !“ ?
אנא אדני, הודיעני נא את רזי דרכיך !
הודיעני אדני, מדוע תושיע לאויביך ? !

קללתי ביום גירוש פליטי היהודים מפולין

אלהי! הרימות את הפולנים עד כוכבי שמים
ואת עמי האומלל השלכת כבר לנבכי תהום המים !
פולנים ! מדוע לא נפלו, לתהום הנשיה, בלב ימים ?
יה, אלי ! מדוע לא תמח פולין מספר העמים ? !

אנא, אדני, הושיעה !
אל נקמות, נא הופיעה !
שמע נא לשועתי !
מהר נא לישועתי !

קומה לרוחתי,
מחה נא דמעתי !
נקם נא נקמתי,
את נקמת אומתי !

שלח תאלתך על פולין הבזויה,
הוצא עמך משם בזרוע נטויה !
הראנו נפלאות, כיציאת בבל ומצרים !
העלנו גם עתה, לציון ולירושלים !

ציון אַרצי

ציון, אַרצי, ששם שרו נעימי זמירות ישראל,
אַרצי, אשר שם דברו בלהבות אש נביאי אל,
ארץ, בה נמצאו מבחר הקברים,
ארץ, בה נכתבו, קדשי הספרים;

ארץ־ארזים, פרחים ושושנים,
צרי גלעדי וזרי הדפנים;
ארץ, זבת חלב ודבש, שמן ויין.
אַרצי! אויביך יהיו לאפס ולאין!

חזי, ציון אמנו, קרית מועדנו,
גאון תפארת ישראל ומחמדנו,
חזי! הנה עמך, מתנער משנתו
ועוד לא אָבדה תקותו ואמונתו,
בשיבת עמנו, לארצו ולנחלתו!

תקות עם ישראל, היא, לגול חרפתו,
חרפת גלותו, ולעבוד אדמתו.
על גדות הירדן, ירעה את גדיותיו
ויחנך בגאון את בניו ובנותיו.

ואותם הבנים והבנות הגאונים,
יהיו מורי עולם ויסירו הזידונים,
מלבות העמים, ובאהבה רבה יטעו שם
מדת הרחמים. וחרב לא ישא עוד, עם אל עם.
כי תמלא האָרץ דעה, כמים מכסים לים...

פּאָרטלאַנד, מעין.

אלהי, אם חדלת

אלהי, אם חדלת מלהיות לי חנון ורחום, ולא תושיע,
אנא אלהים, היה נא קנא ונוקם, וכאל נקמות תופיע,
ותנקום נקמת עמי, ולא תנקה את שופכי הדם,
דם עבדיך, חשפוך, באוקריינא ובפולין, שם!

שלח תאלתך, על הזדים המושיעים,
את הפולנים, הפראים, לשמצה פרועים.
העמים הנאורים, המשכילים, גרועים
המה, מהקוזקים, פראי הברואים.

בשם השכלה כוזבה, מתימרים זידונים,
האנגלו־זכסים והצרפתים הגאיונים.
מלאי חמס, מרמה ואון, כזב וכחש,
כמאמינים בהבלי הזיות ונחש.

ונותנים חרב, בידי יחפים פראים,
ההולכים והורגים ושבים ובאים,
מעיר לעיר, להמית עוללים ויונקי שדים,
במיתות משונות, כורתים רגלים וידים!

כרסי נשים הרות, האכזרים יבקעו
בשחוק פראים, במקום הולד, נוצות ימלאו.
מעללים בבנותי הטהורות, ומטמאים ומענים!
על זאת, איליה ואעשה מספד כתנים!

ר״ח אלול תר״ף, פארטלאנד, מעין.

על ראש עמי

על ראש עמי, חרב שלופה מתער.
שבת משפט, צדק, חסד משער.
נודדים פליטי החרב, משדה ליער,
כי בכל עיר ישורר, רשע, כסיל ובער.

אין דגן, אין חטה, אין לחם, אין שבר.
אין סדר, אין משטר, רק יגון ודבר!
הוי, אבוי! מה גדול כאבי,
לראות את עמי, ביד אויבי!

וידי קצרה מלהציל ולהושיע.
ואיה גואלי, מציל ומושיע?!
העמים הפראים, המכנים את עצמם נאורים,
עם דעת של אהבה־כוזבת סבוני כדבורים,

האריים, המתחפשים ליונים ותורים,
אכזרים המה, כיענים וכעורבים שחורים.
עורם לבן, לבם שחור, משחור עור כושים שחורים.
כחזירים מראים פרסה, כנקיים וכטהורים!

תלמידי הרשע המקלל והמברך: „מה טובו!"
אהבת אמת, רחוקה מלבכם, חסדכם תעזובו!
„אהבת אדם", בפיכם תדובבו,
חרב פיפיות בידכם תסובבו!...

גם אנגלו-זכסים לא יאמרו למשחית: הרף!
גם צרפתים, כפולנים, הם חיתו טרף!
אל תאמין, עמי, באהבת חיתו יער ושדה,
וקוה נא לאדני, כי רק על ידו תפדה!

לך עמי, בוא בחדריך, חבי כמעט רגע, עד יעבור זעם!
וקוה, כי גואלנו, אדני צבאות, יגאלנו גם הפעם!
עמי! אם יפתוך חטאים, אל תאבה ואל תמאן,
כי מלבד על אבינו שבשמים, אין לנו על מי להשען!
ר"ח אלול, תר"ף.

הוי, רב החובל

(בעקבות המשורר האמרקני וואלט וויטהמאן)

(לזכר נשמת נשיא ארצות הבריות, שמת על קדוש השם, בעת חרות העבדים, בארצות הברית, אברהם לינקאלן הנשיא. נשמתו בעדן גן אלהים.)

הוי, רב החובל, מושיענו וגואלנו!
פרס גדול של נצחון, עלה בגורלנו!
הבט, רב החובל! הננו מתקרבים אל החוף!
ולדרכנו הנוראה, יבוא במהרה הסוף!

מראשי המגדלים ישמע צלצול הפעמונים.
רק לכבודך, מתקבצים אל החוף, המונים, המונים!
אל אניתנו, המפליגה בקצף, את המים.
לטושות, מביטות, בחדוה ובשמחה, כל העינים!

תרועות חצוצרות, מנגינות מנגנים, קריאת העם,
תנשאנה על כנפי הרוח, אל עבר הים!
אבל הוי לבי, לבי! אל בשמים! מה זה אראה שם?!
על המכסה, נפל רב החובל, ומפצעו יזוב דם!

הוי, רב החובל, עורה נא, וגרש את חשכת הצללים,
של גיא הצלמות! קום נא, רב החובל, וראה את הדגלים,
המתנוססים, בשלל צבעים, רבים, שם על החוף, לכבודך!
התעורר נא וראה, את כל תערוכת הכבוד בעדך!

הלא רק למענך, כל הפרחים והשושנים!
הלא רק למענך, נקלעו כל זרי הדפנים!

אבל בלי תנועה, שוכב הוא, אטומות האזנים,
בלי תנועה, שוכב המנהיג, סתומות העינים!...

המנהיג הביא את האניה, אל מקום בטוח,
כבר השליכה עוגנה, בלי מגור, מסער ורוח.
העם מסתער בקול שמחה, ויעט אל השלל,
אבל בראותו מנהיג מת, הוא מבכה את החלל!...

זה היה גורל לינקולן אברהם,
אוהב אדם, נשיא ומורם מעם!

פאָרטלאַנד, מעין.

הנשיא לינקאָלן

המצביא, ליה, כבר נוצח ויפתח את השערים,
וביד גרנט נמצא כבר, ריטשמאָנד וכל המבצרים.
המורדים נכנעו ויסתרו בחורים.
הנשיא ממהר, לשחרר את השחורים.

מקטר מגש לשמו, בכל מדינה ומדינה.
כל ארצות הצפון, פצחו קול שמחה ורנה.
העם מפאר את שמו, בתהלות ובשבחים.
לינקולן מוחל חטא מלחמת האזרחים.

העם חפץ מנוחה, לחיות בלי פרץ ובלי צוחה.
העם השיב את החרב לנדנה, הוא חפץ מנוחה.
ואברהם הנשיא, שמו לתהלה ולברכה,
משתוקק למנוחה, ישב בבית-המשחק ברוחה.

פתאום הבריק מקדח, ביד נעלמה,
וירעיש את האולם, כשדה המלחמה!
התעלפו הנשים ויחרד העם,
והנשיא נפל, מתבוסס בדם!

פארטלאנד, מעין

המתים עולים לתורה

(לכבוד ידידי הרב הגאון, הנואם המצוין כש"ת חו"נ ר' יצחק מאיר דייוויודסאָהן שליט"א, אב"ד דווילקעסבאַררע)

האגדה העממית, אדות המתים, העטופים בתכריכיהם הלבנים ובאים לילה, לילה, לבית הכנסת ואחד מהם, עולה על הבמה, ומחלק עליות, להמכובדים של המתים, איננה אגדה כלל, באמריקא המעשית.

בשעה שאני מביט מסביבי, בבית הכנסת והנני רואה את הפנים הגסים, העיפים מעמל ומיגיעה, מעבודה רבה וממסחר, מאכילת לחם, בזיעת אפים; הפנים הגסים, הבאים להתפלל, לא לשם תענוג רוחני, אלא משום „אמירת קדיש" או לשמוע „בר מצוה", אז הנני רואה ומכיר בהם את המתים של האגדה העממית, שבאו לרדת לפני התיבה ולעלות לתורה.

והמתים האלה, עשו כבר את היהדות החיה והרעננה, ליהדות מתה ונקפאָה; יהדות חמה ופוריה ליהדות קרה ונובלת!

הבה נא, נאזור נא חלצינו ונגבר חיל, בעד עמנו, בעד תורתנו וארצנו, ונשתדל נא להציל את הדור הצעיר, מהמות הנקפא, מהקרח הנורא, השורר בהיהדות האמרי-קאית!

נפיח נא רוח חיים בבתי האולפנא. ובעד צנורות נסתרות, המובילות מן התלמוד תורה לבית הכנסת ובחזרה, נתאמץ נא, גם כן, להביא נטפי טל תחיה, ולזרוק אותם על המתים המתפללים ומתכבדים ב„עליות"!

אבל אל, אלקים ה׳! התחיינה העצמות היבשות?
אלישע, אלישע, איך? היש לך כח ועצמה, להחיות גם את המתים הנקפאים האלה? היש לאל ידך או לאל יד נביא אחר, להחיות מתים שעולים לתורה ימתפללים? היוכל איזה מן הנביאים להביא אותם לידי ההכרה, כי מתים הם? הלוא מתפללים הם! הלוא עולים לתורה הם! הלוא קדיש דרבנן אומרים הם! הלוא הפטורה מנגנים הם!
הקטן מן האמוראים, היה יודע להחיות מתים בדבורי פיו. אבל מי זה יחיה מתים, שבאים רק לקבל כבודים מ„עליות" ולאמר קדיש ולא לשמוע דברים נכוחים?
נואמים בזמננו, יכולים עוד להחיות מתים כאלה, לפעמים, בשעה רצויה ובזמן שאין נבלה מסריחה ופגר מובס המפיץ באשה וצחנה, נמצא בצדם. אבל בשעה שהנואם בעל נפש יפה הוא ונבלה מסריחה גם שם, מונחת בצדו, ונפש הנואם תבחול בנאומו, אז צר לי מאד על הנואם, בעל לב הרגש ובעל הנפש. והנני קורא מנהמת לבי: „יחיו מתיך, נבלתי יקימון!" הסירו את הנבלות המסריחות ואז נראה נפלאות ונחיה את המתים!

אל השפה העברית

(מוקדש להשבוע ויום העברי)

„מלחמת הדמוקרטיה" של ווילסון, כבר הגיעה,
עד קצה, ומעמנו עוד רחוקה הישועה!
עזבנו את המנורה, עם פרחה וירכה.
קוינו לישועת רוסיא, בימי מהפכה.

קוינו תקות שקר, כתקות ימי ההשכלה.
מהפכות סגרו לפנינו שערי הכלכלה.
אין לנו עוד הנדיבים גינצבורג, בראָדסקי או וויסאָצקי.
במקומם באו שונים: קאַמענעוו, יפה וטראָצקי.

הבאישו את ריחנו, בעיני שכנינו,
כי הם הסירו את עדיינו מעלינו,
כי כבר עזבו את עמם, בנינו בונינו
ויהפכו למהרסינו ולמחריבינו...

גזרו עלינו לעזוב מקור חיינו, את התורה,
אשר הפיצה, במחשכי גלותנו, גיל ואורה;
גזרו להמיר את בת ציון ל„פרה אדומה"
ולהשקע ברפש, במ"ט שערי טומאָה!

ונמר אש הקודש באש זרה,
ונמר מים חיים, במי מרה.
עזבנו תורה, יקרה מזהב ומפנינים.
ועוד לא חדלנו, להיות לשכנינו לצנינים...

„למה לנו עברית, זאת שפת כנען?" —
שואלים הקרוחים מכאן ומכאן. —
„למה, ציונים, אתם חולמים ומשתוללים?" —
שואלים אותנו בוגדינו המתבוללים.

גם החיטים, הסנדלרים הסוצילים,
המוני העם, הרוכלים וגם הפועלים,
גם הם מדברים אלי גבוה, גבוה!
ישחקו ויכחישו במציאות אלוה!

גם הם, ישיתו בשמים פיהם!
לבי, לבי, דוי מאד, עליהם!
איך אשמח ואָגיל, ואָשיר שירה,
אם גם בין ההמון, גברה הכפירה?!

לכן, בואי נא בשלום, שפה עבריה!
בואי הנה, לעבוד, עבודה פוריה!
כי רק בעזרתך, נגרש את חשכת השאיה,
שנחה על עמנו, בימי מהפכת רוסיה!...

דזשון, 29, 1922.

ניו בעדפאָרד, מאַסס.

CHENRY FORD

Chenry, the trouble maker, is crazy,
To work hard himself, he is lazy;
Thousands slave on his automobile,
Oh, he is a very bitter pill.

He speaks of peace and war, hot and cool,
While he is as ignorant as a fool.
To be a peace maker he was glad,
Now with racial hatred he is mad.

Chenry spoke of love when he was human
But he got mad on a Jewish woman.
Chenry thought that she was a peach,
She would make soldiers cheer his speech
Just as soon as he would Europe reach,
And stop the war because he is rich.

But he was received very cool,
And he came back just like a fool.
Since than he cannot sleep or rest,
And he tries his very best
With all his riches and strife
To embitter human life.

Chenry Ford helps the devil all he can
He is the father of the Ku Klux Klan
He is a menace to the land of the free and the brave
Chenry strives to change a free citizen into a slave.
He endangers America's integrity and ability
He is influenced by the decaying European nobility.

Oh God, make the Chenry's minds clear,
Save our freedom, holy and dear!
Let again the voice of freedom ring,
Joy and peace, let again freedom bring.
Let all America's children together cling,
And again united, songs of true freedom sing.

אינהאלט־פארצייכענים :

תקדמה — — — — — — — — — — — — — — 5

ביבלישע לידער — — — — — — — — — — — — 6-133

מאדערנע לידער — — — — — — — — — — — — 134-156

פרייע איבערזעצונגען פון ר׳ יהודה הלוי — — — — 157-172

אלגעמיינע לידער — — — — — — — — — — — 173-183

חנה און איהרע זיבען קינדער (א חנוכה דראמא פאר קינדער) — — — — — — — — — — — — 186-195

די חשמונאים און די מכבים (א חנוכה דראמא פאר קינדער) — — — — — — — — — — — — 197-207

ר׳ דוד גינזבורג זצ״ל (העברעאיש) — — — — — — 208-213

אלגעמיינע העברעאישע לידער — — — — — — — — 213-222

פארוד . . . (ענגליש) — — — — — — — — — — — 223

479 „לעוואנט״ פרעס, 138 סעקאנד סטריט, ניו יארק